STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00961

AMOL IZ GEVEN A SHTETL

Leon Bilmes

Permanent preservation of this book was made possible by
Walter Joshua Schwartz
in memory of
Harry & Gertrude Schwartz

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לעאָן בילמעס

*

אַמאָל איז געווען א שטעטל

אַ מאָנומענט אין ליכטיקן אָנדענק מיין געבורט־שטעטל
האָלאָסקאָוו, באַלטער קרייז, אוקראַינע, וואָס איז דורך
די נאַצישע קרעציקע הענט פאַרשניטן געוואָרן סוף 1943.

לעאָן בילמעס
לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע

אַמאָל איז געווען אַ שטעטל

אַרויסגעגעבן דורכן לעאָן בילמעס קאָמיטעט
תל־אביב, 1963

LEON BILMES
Los Angeles, Calif.

AMOL IS GEVEN A SHTETL

Printed in Israel, 1963
נדפס בשנת תשכ״ג בישראל

Press „ORLI", Tel-Aviv
דפוס „אורלי״- תל־אביב, רח׳ יסוד המעלה 27, טלפון 32062



לצאן ב׳למאס ז״ל

צו מיין ליבער און טרייער לעבנס־באַגלייטערין
רייזל און אונזערע קינדער:

פייגעלע (פעי) לאָעווסקי
הוהלה (עוועלין) רינזלער
גיטל (גלעדיס) פעלדמאַן
עליק גודריטש און מיינע טרייע ברידער
מאיר און פייוול (פיליפּ) בילמעס
מיט ליבשאַפט

אַ יישר־כח איך משה ספּיוואַק!

איך וויל אויסדריקן מיינע וואַרעמסטע געפילן און האַרציקן דאַנק צו מיין ליבן חבר, ידיד נאמן און משכיל משה ספּיוואַק, וועמענס מיטהילף און אינספּיראַציע האָט דערמעגליכט דאָס בוך זאָל דערשיינען און דערזען די ליכטיקע וועלט.

משה ספּיוואַק איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין אַ קליין שטעטל טעדניוקע, נישט ווייט פון אומאַן, קיעווער גובערניע.

אין זיינע חדר־יאָרן האָט ער איינגעזאַפּט די שיינע אידישע זיטן, הויכע אידעאַלן און אידישע טראַדיציעס און נאָכדעם געצויגן די יניקה פון „הצפירה", „הזמן", „העולם", „השחר" און אַנדערע.

קומענדיק קיין אַמעריקאַ נאָך אַ יונג בחור׳ל, אַנגעלאָדן מיט אַמביציע און ענערגיע האָט ער אויך אַרויסגעוויזן גרויסע פעאיקייטן אויף דעם געביט פון מסחר.

דאָ האָט ער נאָך מיט מער ברען און פּאַטאָס ממשיך געווען זיין טעטיקייט אין דער העברעאישער און אידישער קולטור. ער איז עוסק בצרכי הכלל און זיך איבערהויפּט געשטעלט אין דינסט מיט מסירת נפש לטובת עמנו וארצנו.

מיט פריינטשאַפט און ליבשאַפט צו אים און זיין ליבער לעבנס־באַגלייטערן, רעי ספּיוואַק.

אינהאַלט

זייט

במקום הקדמה — פון נתן כספי . . . 11

מיין שטעטל האַלאַסקאָוו 12

אַריינפיר 13

ערשטער טייל

אַמאָל איז געווען אַ שטעטל

דער טייך בוג 19

די וואַלצאָווע מיל 23

שניט־קרעמער 27

דער מאַרק 28

ווייַן־שענקער 30

פּראָצענטניקעס 31

דער יאַריד 32

שניידעריי און אַנדערע נאָדל־פאַכן . . . 35

סטאָלעריי 37

שוסטעריי 38

שמידעריי, שטעלמאַכעריי און באָנדעריי . . 40

בלעכעריי, פאַרבעריי און גלעזעריי . . . 41

שערעריי — צירולניקעס 42

דאָס וועשערל 45

משה צוקערניק 46

אייזיק טעפּער 47

בעלי־עגלות 48

וואַסער־פירער און וואַסער־טרעגער . . . 50

מלמדים 54

כלי קודש און שמשים 58

שטאָט־גויים 62

אונזער בעל־הבתישקייט 65

צווייטער טייל

היימישע געשטאַלטן און ימים־טובים

ביי אַ גלעזל טיי	77
לייב קוויטקאָ	81
אַ פאַרשטערטער תקיעת־כף	90
אַ פורים־סעודה	95
שבועות זכרונות	101
אלול טעג	108
זאָל זיין שבת	116

דריטער טייל

חורבן־נאָכווייעניש, טיפּן, בילדער, פאַרצייכנונגען און דערציילונגען

פאַרן צאָרן	125
אויפן שלאַכט־פעלד	129
בימים ההם	135
דער שאַנד־פלעק	143
דינה׳שע	148
צוויי בריוו	156
גרויסע מענטשן	163
זי וועט געזונט ווערן	169
רייך, רייך און דאָך אָרעם	174
אין גרויס פאַרלעגנהייט	179
בלוט־טראַנספוזיע	189
וואַנג־שאַ	196
ישראל, די יפת תואר אין נאָענטן מזרח	203
נאָכוואָרט פון זלמן זילבערצווייג	213
לעאָן בילמעס בוך־קאָמיטעט	215

נתן כספי
חבר הנהלת המחלקה לחנוך
בעירית תל אביב־יפו

במקום הקדמה

מיט פאַרגעניגן האָב איך אָנגענומען די איינלאַדונג פון „לעאָן בילמעס קאָמיטעט אין ל. א.״, צו שרייבן עטלעכע שורות צום דערשיינען פון זיין בוך „אַמאָל איז געווען אַ שטעטל״, וואָס ווערט צוגעגרייט און געדרוקט ביי אונז אין ישראל.

לעאָן בילמעס האָב איך געהאַט דאָס פאַרגעניגן צו באַקענען און באַפריינדן זיך מיט אים אין יאָר 1951, בעת מיין השתלמות־רייזע אין אַמעריקע און באַזוך אין לאָס־אַנדזשעלעס ביי מיין ברודער און שוועגערין ציליע און זלמן זילבערצווייג. אונזער פריינדשאַפט האָט זיך נאָך פאַרשטאַרקט בעת זיינע צוויי שפּעטערדיקע באַזוכן אין ישראל.

בילמעס איז נישט קיין פּנים חדשות אין דער אידישער ליטעראַטור. ער „זינדיקט שוין צו״ לאַנג מיט דער פען, נאָך פון זיין יוגנט. די לעצטע יאָרן דערשיינען זיינע בילדער און דערציילונגען אין פאַרשידענע פּעריאָדישע אויסגאַבן אין אַמעריקע, און זיי לייענען זיך גאַנץ געשמאַק און מיט אינטערעס. דאָסמאָל האָט ער זיך פאַרמאָסטן צו געבן די לייענער אַ בוך, וואָס נעמט אַרום אַ גאַנצע תקופה, — בילדער און טיפּן פון אַמאָליקן אידישן לעבן אין שטעטל און חורבן־נאָכוויִיעניש ביז דער אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל.

ביי בילמעסן איז דאָס פאַרעפנטלעכן דאָס בוך נישט בבחינת „לעשות עטרה להתגדל בה, ולא קרדם לחפור בה״. עס איז ביי אים אַ נאַטירלעכע השתפכות הנפש, ער רעדט זיך פשוט אַראָפּ פון האַרצן און דריקט אויס זיינע אידישע נאַציאָנאַלע געפילן און בענקשאַפט צום אַמאָליקן אידישן טראַדיציאָנעלן לעבן אין אידישן שטעטל.

לשבחו מוז געזאָגט ווערן, דאָס ער טוט עס מיט אַ סך ליבשאַפט און טאַלאַנט. אַ סך פון זיינע טיפּן זענען אונז נאָנט און טייער, ווייל זיי זענען נישט געקינסטלט, נאָר נאַטוראַליסטיש אמתע.

אַ פאָלק, און באַזונדערס מיר אידן — לעבן מיט דעם רייכן עבר אונזערן, עטעמען מיט דעם הוה און זענען פול מיט האָפענונג לגבי דעם עתיד. — ליידער איז פון אידישן לעבן בתפוצות ישראל (באַזונדערס אין מזרח־אייראָפּע) געבליבן נאָר דער רומפולער עבר, קיין הוה איז שוין מער נישטאָ, און קיין עתיד על אחת כמה וכמה נישט, דעריבער איז עס טאַקע ריכטיק: אַמאָל איז געווען אַ שטעטל...

דאָס לייענען דעם מאַנוסקריפּט האָט מיר פאַרשאַפט פאַרגעניגן, אויף טריט און שריט דערקענט מען, אַז „גירסא דינקותא שגורה בפיו״. די קליינע אותיות׳לעך זענען אים גאָרנישט פרעמד, און דערצו איז ער אַ יודע ספר און מוקיר רבנן!

מיין שטעטל האָלאָסקאָוו

וואָס פון דיר מיין שטעטעלע עס איז געוואָרן!! אַ פאַר־יתומ׳טע, צו׳מזיק׳טע און פאַרבלוטיקטע!!

אויף דיינע גרויע פאַרקוילטע חורבות און רואינעס, שאַלטעווען בייזע ווינטן אין אַ שדים־קאַראַהאָד. נישט פאַרבליבן אַ לעבעדיקער אָטעם, נישטאָ ווער ס׳זאָל דיך טרייסטן...

אָך, ווען עמיצער זאָל כאָטש צו מיר אָן אָרעם בלעטעלע, אַ מאָגער גרעזעלע פון מיין האָלאָסקאָווער רויער ערד אַריינלעגן, איך וואָלט דאָס געצערטלט און אָפּגעהיט ווי אַ טייערן אוצר.

גוטער בן עיר! אויב דיר וועט געלונגען צו באַזוכן אונזער שטעטל פאַר מיר, באַשווער איך דיך: — גיי אַרויס אין ברייטן פעלד און שריי אַריין אין דער שטומער שטילקייט, אַז אַ דאַרטיקער איינוואוינער, אַן אַלטער טרוימער רייסט זיך אַזש ממרחקים אויסצעווייגען זיך אויף זיין גרין־גראָזיקן שויס און זאָלן די פאַרטראַכטע, תמ׳עוואָטע מילדע ווינטלעך דיין אויסגעשריי אויפכאַפּן, צעטראָגן און צעשאַלן איבער דעם נאַקעטן אַרום, וואו כ׳האָב אויסגע׳חלומ׳טע, זאָרגלאָזע טעג און אויסגעבענקטע גאַנצע שטיקער נעכט געוועבט.

עס בענקט זיך אַזוי און דאָס האַרץ נאָגט און נאָגט!...

אַרײַנפֿיר

איצט, ווען עס האָט מיר, מיט מזל, געלונגען אָנצוקניפּן פֿאַרבינדונגען מיט דער שארית־הפליטה פֿון מײַן שטעטל, צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאַנצער אוקראַינע, ווי אויך אַ זשמענקעלע אין האָלאָסקאָוו גופא; איצט, ווען מײַנע אויגן היטן אַ באַרג מיט בריוו פֿון יענער זייט ים, וועמענס צאָל עס וואַקסט און מערט זיך פֿון טאָג צו טאָג — ווערט מײַן יאוש עטוואָס באַרויִקט, דער אינערלעכער אומרו ווערט אויסגעגלאָדן און מײַן געמיט ווערט אַ טראָפּעלע אָפּגעפֿרישט.

ווי אַן איבערגעגעבענע געטרײַע מאַמע, פּאַסט אויף, אין אַן עת צרה, אויף אירע קינדערלעך, עס זאָל זיי חלילה קיין בייז נישט טרעפֿן, אַזוי היט איך אָפּ יעדן בריוו ווי אַ טײַערן אוצר.

עס טרעפֿט אָפֿט, ווען איך בין זיך מצער אין דער שטיל איבער די פּאַרשוניטענע לעבנס פֿון מײַן משפּחה און פֿון יוגנט־חברים, מיט וועלכע איך האָב צוזאַמען געשפּינט דעם זײַדענעם פֿאָדעם פֿאַר אַ שײנער צוקונפֿט, ווערן מײַנע אויגן פֿאַרלאָפֿן מיט טרערן און מײַן לאָגיק ווערט פֿאַרטעמפּט. עס בליצט דורך אַ ציטער אין מײַן וועזן און מײַנע ליפּן שעפּטשען אַ קללה פֿון האַס צו דער גאַנצער פֿאַרטויבטער וועלט...

דער מנוול, היטלער, האָט דורך סאַדיסטישע אָרגיעס און שווידער־האַפֿטיקע וואַקכאַנאַליע געוואָלט אויך צערײַסן אונזער פֿאָלקסלעבן און לחלוטין אָפּווישן דעם שפּאַר צווישן איין תּקופֿה מיט אַ צווייטער, אָבער נישט נאָר האָט די פֿינצטערע פּלאָג אַ האָר נישט געענדערט אונזער אידישן געדאַנקענגאַנג, נאָר נאָך מיט מער עקשנות שטייען מיר וואַכזאַם און באַוואוסטזיניק פֿאַר דער נײַער ערא.

עס טרעפֿט אויך אָפֿט, זער אָפֿט, ווען אַלעס אַרום גליווערט און ווערט אײַנגעשרומפּן — ווען אַ נאָגנדע בענקעניש שווימט אָן, דאַן פֿאַרמאַך איך די אויגן און אַנטלויף פֿון דאָאיקן געפּליטאַרט־אָנגעקראָכמאָליטן לעבן: מײַנע שלײַפֿן צופּעפּענען זיך ברייט, און אויף די כוואַליעס פֿון

אַלטע, אָבער פריש־לעבעדיקע זכרונות און דעראינערונגען טראָג איך זיך אַריבער צו מיין אייביק נישט פאַרלאָשענעם שטעטעלע.

דער שוידערליכער געדאַנק, אַז פון דיר, מיין פרומע האַלאָסקאָוו, איז בלויז אַ שוואַרצער פלעק פאַרבליבן, אַז דיין אומבאַרירטע צניעות׳דיי־קייט, האָבן טמאים פאַרשוועכט, און אַז דיינע נידעריקע שטיבלעך צווישן וועמענס קרומע ווענט און סודות׳דיקע ווינקעלעך מיר האָבן אונזער גייסטיקע יניקה געצויגן, שטייען איצט פאַרקוילט און פאַרסמאַליעט אין רואינען, וואָלט איך געוואָלט גלויבן, אַז דאָס אַלעס איז נישט מער ווי אַ בייזער חלום.

ניין! טויזנט מאָל ניין! אין די געדערים פון דיינע רואינען טליעט נאָך אַ פונק, און אויף דיינע חורבות זע איך גאַנצע שלעסער...

עס איז נישט אמת! מיין שטעטל בליט, לעבט און שפרייט ליכטיקייט אין אונזערע הערצער. ווי ווייט מיר זיינען פון דיר, און דאָך אַזוי נאָענט — מיט דער האַנט צו דערלאַנגען.

די בליץ־רעשיקע אַנטוויקלונגען זיינען אויף קיין האָרעלע נישט עלול געווען אַוועקרויבן מיין האָפנונג און איבערשניידן דעם קנופּ, וועלכער איז אין די האָלאָסקאָווער שטיל־כשופדיקע שקיעה־פאַרנאַכטן און פאַר־חלום׳טע מנוחה־נעכט אויסגעוועבט געוואָרן מיט מילי־מיליאָסן פסיכישע פעדעמלעך. פאַרקערט, מיין רייך און בענקעניש אַהין ווערט באַפּרוכפּערט נאָך מיט מער נאָגעניש, און איך שפּייז זיך איצט נאָך מיט מער פלאַקער און עמאָציאָנעלן דראַנג ווי פאַר דעם דעם חורבן.

*

אין מיין שרייב־צימער איז פאַראַן אַן אוצר, מיט וועלכן איך קאָן זיך אויף קיין רגע נישט שיידן: — העכער צוויי הונדערט בריוו פון מיינע בעסטע און טייערסטע פון יענער זייט ים, וועלכע זיינען דורך פאַרשיידענע צופאַלן און נסים נצול געוואָרן. אַ צאָל בריוו זיינען אויך פון מיינע חברים, מיט וועלכע איך האָב צוזאַמען שטודירט, געליבט און אָנגעצונדן דעם פאַקעל פון בין־השמשות׳דיקע טרוימען. אַלע בריוו זיינען מיר

נשמה׳דיק טײַער. אַפּילו פון אַזעלכע, מיט וועלכע איך האָב אין שטעטל נישט געהאַט קיין מגע ומשא, און מיט וועלכע איך בין געווען אַזוי פרעמד און ווײַט, זײַנען איצט מיר ליב און טײַער.

מערקווירדיק! איך האָב באַדאַרפט אַוועק אין די מרחקים, בכדי איך זאָל זיך קאָנען צו זיי דערנעענטערן...

גאַנצע שטיקער יאָר האָב איך צעטרענצלט און פאַרטאַכלעוועט ביז דעם אוצר — די קאָלעקציע בריוו — זיך אײַנגעשאַפן: איך האָב אָנגע־קלאַפּט אין די ווײַטסטע טירן, וואָהין עס איז געווען שטרענג פאַרבאָטן אַרײַנצוקומען אָן אַ וואָגיקן זכות. איך האָב אַרײַנגעדרונגען אין די פאַר־באָרגנסטע שפּאַלטן, זיך נאָכגעפרעגט ביי גוטע מענטשן און דורכגייער וועגן דעם גורל פון מײַן שטעטל, ביז איך האָב זיך צו עפּעס ממשות׳דיקס דערשלאָגן און אײַנקאַסירט דעם וואונש פון מײַן האַרץ.

מײַנע בני עיר, דאָ אין אַמעריקאַ, האָבן אויסגעשטרעקט אַ וואַרעמע האַנט און איבערגעוואָרפן בריקן, דורך וועלכע עס האָט געפלאָסן אַ סוב־סטאַנציעלע הילף באַגלייט פון די פלאַמיקסטע געפילן פון אַמאָליקער אומצעשטערבאַרער פריינטשאַפט. איך גלויב קוים צי ס׳איז פאַראַן אַזאַ וואָג אָדער מאָס, מיט וועלכער צו קאָנען מעסטן אָדער אָפּשאַצן די ווערט פון מײַן אוצר־בריוו? — אַ פּעטע אַפּותיקאַ!

זיצנדיק אַזוי מטופּל׳דיק אין שווערע רעיונות וועגן נאָענטן אַמאָל, בין איך געפאַלן אויף אַן המצאה: איך וועל פּרובירן צו פאַרוואַנדלען די אַלע אָנגעזאַמלטע בריוו פון די שארית־הפּליטה פון מײַן שטעטל אין בוי־מאַטעריאַל, ד. ה. יעדער בריוו ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ שטוב און ווערט אַוועקגעשטעלט לויטן סדר פון די קרומע געסלעך. אַזוי אַרום ווערן די בריוו מײַן בוי־געצייג און מאַטעריאַל, מיט וועלכע איך בוי און פּאַרע זיך. טאַקע דאָ אויף מײַן שרײַב־טיש בוי איך דאָס שטעטל; אַ שטוב נעבן אַ שטוב, אָט אַזוי! אַ געסל נעבן אַ געסל, אָט אַזוי! — הוי, עס פעלט מיר אַ גאַנץ געסל! די קאַפּיטאַנקע!... דאָ ליגט פאַרשטומט אַ שטיק לעבן!!

בטבע בין איך נישט קיין בעל־בכי, אָבער איך וויש אַ טרער... די פּאָר פּסח׳דיקע רויע סטעזשקעס, פלעגן ווי לעבעדיקע אָדערלעך זיך אַרײַנדריידלען און אויסלאָדן אונז יונגוואַרג אויף דער קאַפּיטאַנקע, וועלכע

פלעגט זיך שטענדיק אויסטרוקענען פון די בלאָטעס פריער פון די איבריקע געסלעך. אַ מאָל האָט דאָ געהוזשעט מיט בחורים און בתולות: פון די נידריקע שטיבלעך האָט אַרויסגעקוואָלן אַ דערהויבענער גייסט און קלינגנדע טענער. איצט איז דאָ שטיל ווי אין אַ קאָנצענטראַציע נאַכט: אַ בייזער ווינט וואָיעט פראַנק און פריי איבער דער געשטופּלטער ערד, כיכיקעט מיט אַ מעפּיסטאָ געלעכטערל, און פון די פאַרקוילטע חורבות טראָגן זיך אָפּגעהאַקטע דערשטיקטע קרעכצן פון גסיסה־פּיין...

איך בוי ווייטער: אָט פליסט אין זיין מאַיעסטעטישן פּראַכט דער טייך בוג; צייטנווייז אַ שפּילעוודיקער, אַ סאַמעטענער און אָפּטמאָל אַ מרה־שחורה׳דיקער, אַן אָנגע׳ברוגז׳טער.

ביים צוקאָפּנס פון שטעטל ציט זיך דער באַרג: אָט איז ער נאַקעט געקייטלט, אָט איז ער געקרייזלט און באַשיצט דאָס פון בייזע ווינטן. פּאַר אַן האַלאַסקאָוער צו דערהערן דעם קלאַנג „דער באַרג", ציטערט דורך אין זיין האַרצן אַלע ניואַנסן פון דורכגעלעבטע יונגע יאָרן, און אין דער נאָז פּאַרגייט אויפסנייַ דער פּערפוּמירנדער ריח פון יענער געזונטער לופט פון די רחבות׳דיקע פעלדער און געדיכטע זאַטע סעדער.

ערשט איצט, ווען כ׳בין פּערטיק געוואָרן מיט מיין אַרכיטעקטור פון מיין גאַנץ שטעטל, זיינען טייכן שוויס אָפּגערונען פון מיין פּנים; איך בין צוגעפּאַלן צו מיין שטול אַ דערשעפּטער, אַ פאַרמאַטערטער ווי אימיצער וואָלט אויסגעצאַפּט דעם זויערשטאָף פון מיין אַרומיקער לופט... האַלאַסקאָוו! וואָס פּאַר אַ גלעטנדיק, יאַמעדיק און פיל באַדייטנדיק וואָרט!...

איר קליינע שטיבעלעך, נידריקע דעכלעך, און ליימיק־קרומע ווענט! אַך, ווי איך וואָלט אייך אַרומגענומען, צוגעדריקט צו מיין צעווייטיקט האַרץ — געגלעט אייער מידקייט און געטרייסט אייער צער!!

וואָס ווייטער און ווייטער די יאָרן וועלן זיך אָפּרוקן אין תוהו ובוהו, אַלץ נעענטער, לעבעדיקער און ליכטיקער ווערסטו, מיין שטעטעלע, ווערן מיט אונז — — — — — — — — — — — —

ערשטער טייל:

אמאל איז געווען א שטעטל

דער טייך בוג

צווישן די שכנ׳עשע דערפער פון האָלאָסקאָוו, אָניסקעווע און לישנע־וואָטע, דאָרט וואו דער בוג איז טיף און ווירבלדיק, האָט גענעראַל מאָנאָס־טערסקי איינגעהאַמעוועט זיינע וואַסערן, פאַרקירעוועט זיין טרייב־קראַפט אין אַ זייטיקן אָפּצווייג, און אויפגעשטעלט אַ ריזיקע זעקס־שטאָקיקע שטיינער׳נע געביידע — די וואַלצאָווע מיל.

די אַטקע (צעמענטענע וואַנט), וואָס ציט זיך פון איין ברעג צום צווייטן, קוקט אויס ווי אַ שטאָלענע גיגאַנטישע האַנט, וואָס צווינגט דעם טייך צו פאַרקירעווען זיינע ברויזנדע כוואַליעס, ווי אַ ווילדע טשערעדע שאָף, דורך אַ שמאָלן פּאַס דירעקט צו דער מיל, און ווערן דאָרט ליידנ־שאַפטלעך צעקייעט און פאַרשלונגען פון די שטאָלענע וואַלצאָווע רעדער.

דער געוואַלדיקער געשריי פון די אומבאַהאָלפענע כוואַליעס, פאַר־טויבט דעם גאַנצן אַרום און אָפּט, דורך די שטילע נעכט, שטערט דאָס אַפילו די רו פון שטעטל.

*

שיין איז דער בוג זומער־צייט ביי זון־אויפגאַנג! קיין פּגם אין דער סאַמעטענער, פליסיקער גליטשיקייט. דער מאָרגנשטערן מיט דער בלאַסקייט פון אַ גוסס ווערט פאַרשלונגען פון בלויען חלל, דער ווייטער מזרח קרישעט זיך אונטער דעם דרוק פון ליכטיקייט, און די איינגעצויגענע שטילקייט אויפן בוג ווערט אויפגעגעסן פון די ערשטע דערשטיקטע, צעריסענע קלאַנגען — סימנים פון לעבן.

אין אַזעלכע צעליכטיקטע פרימאָרגנס פלעג איך זיך פעדערן מיטן ערשטן אויסשטעפּן פון קוקוריקו, אַוועקלאָזנדיק זיך מיטן זאַמדיקן ברעג ווייט פון שטעטל, וואו דער בוג באַהעפט זיך מיטן גרינעם קאָרן, זיך אַוועקזעצן אויף אַ פלאַטשיקן שטיין באָרוועסרהייט, און שטיל שמייכלען, ווען דאָס וואַסער האָט שטיפעריש געלעקט מיינע אָנגערייצטע פּיאַטעס.

לעאָן בילמעס

דאָס מורמלען פון אַ פּלאַטשיק וואַסערל, וואָס האָט זיך אַרונטערגעגליטשט פון אַ גרין ווילד־וואוקס באַדעקטן שטיין, האָט קעגן די שטראַלן פון דער זון געפלאָסן מיט דימענטן און פּערל פון פּורפּור־פּיאָלעטן קאָליר.

*

מרה־שחורה׳דיק און פּאַראומערט איז דער בוג אין האַרבסט ; אָנגעלאָדן מיט „תשליך״־עברות, בלייבט ער אַ זינדיקער, אָנגעברוגז׳טער און שטרענגער, בייזערט זיך און שפּייט שניידנדיקע קילקייט. ערגיץ ווייט אויף יענער זייט טייך, קאָרטשעט זיך אַ פּויערטע פון קעלט און וואַשט וועש אויף אַ גרויסן שטיין.

דאָס הילכיקע ווידערקול פון פּאַטשן מיטן וועש, דערגרייכט און גרילצט אין די אויערן מיט מאָנאָטאָנע קלאַנגען פון לעבעדיקע ווערטער : — קאַלט ! קאַלט !! קאַלט !!! — —

אַלעס אַרום גליווערט : טאָג און נאַכט שמעלצן זיך צוזאַמען אין איין גרויען אויסגוס. אָנשטאָט דעם פריילעכן צוויטשעריי פון פייגל, שמייסט אַ נאַסער ווינט, הוליעט איבער די שטרויענע דעכער פון די קרומע שטיבלעך און רייסט אַרויס גאַנצע סניפּקעס שטרוי. — „אַ פריער אָסיען״ — באַקלאָגן זיך אידן.

אָבער אַז ס׳איז געקומען ערב פּסח, דער סימבאָל פון באַפרייאונג, פלעגט זיך אויך דער בוג באַפרייען פון דעם אייז־קאַלטן צודעק, אונטער וועלכן די גרויזאַמע פרעסט האָבן אים געהאַלטן געפּענטעט אַ גאַנצן ווינטער. עס איז שוין ווייט נאָך פּורים. המנ׳ן האָט מען שוין אויך באַשטאַט. פון דעם פלאָדן, פלעצלעך, האָניק־טייגלעך און צוקערלעך, אויסגעגאָסן אין פאַרשיידענע געשטאַלטן פון עופות, בהמות און חיות, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט פון אַלע „משלוח־מנות׳ן, איז שוין קיין סימן נישט פאַרבליבן.

די שניידנדיקע קעלט האָט נאָכגעלאָזן : ווייכע ווינטלעך לויפן אָן, גלעטן און טוליען זיך מיט פייכטקייט צום פאַרגליווערטן טייך. וואַרעמע שטראַלן פון דער יונגער פרילינג־זון רייסן זיך אַריין מיט בייסיקע, שאַרפע צינגעלעך אין די אייז־באַדעקטע שטרויענע דעכער, שלאָגן „מי

מריבה׳ד־ק״ דאָס אייז, און יעדעס שטרויעלע ווערט אַ קוואַל פון שווערע טראָפּן.

דאָס אייז אויפן בוג האָט געבראָכן מיט אַזאַ אימפּעט, אַז די שטריק פון פּאַראָם זיינען צעריסן געוואָרן, און איז אין דער באַגלייטונג פון רעוועז פון קרי, אָוועקגעטראָגן געוואָרן און געבליבן שטעקן אַזש קעגן דעם בית־הקברות.

דער בוג קאָן זיין צאָרן נישט שטילן: ער רייסט איין וועלטן, רייבט איין פּליט אייז אין צווייטן, גייט אַרויס פון די ברעגן און דערלאַנגט דער מיל אין סאַמע בויך אַריין...

דאָס בית־המרחץ איז שוין לאַנג פּאַרטרונקען. בלויז דער רויטער קוימען פון גרין־געפּאַרבטן דאַך סטאַרטשעט אומגעלומפּערט אַרויס — איין שטאַרקער שטויס פון אַ שטיק קרי און אויס מיטן קוימען.

שושע־יאַנקל ציטערט ווי אַ בלאַט, מאַטערט זיך אין שרעק: אָט־אָט און דאָס וואַסער שאַרט זיך שוין אויך ביי זיין שוועל. איין לעק פון שטורמדיקן וואַסער און זיין באַרדיי ווערט פאַרשוואונדן.

ביי שושע־יאַנקלען איז דאָס זיין גאַנצער אוצר. וואָהין וועט ער גיין און אַוואו וועט ער זיין מידן קאָפּ צושפּאַרן? אָט דערנעענטערט זיך אַ גאַנץ פעלד פון אומצעשפּאַלטענעם אייז, אין סאַמע מיטן שטייט אַ דער־שראָקן פערד, הירזשעט רחמנות׳דיק, אויסגעגלאָצט צוויי גרויסע תם׳עוואטע אויגן, און זיין פערדישער מוח קאָן בשום אופן נישט באַנעמען דעם שדים־קאַדריל אַרום אים...

אונדז חברה גייט דאָס גאָר ווייניק אָן: מיר זיינען אַריינגעטאָן אין כאַפּן דאָס גרינע קאַטשקעזיל. דאָס איז אַ מין ווייס־גרין שטעקל, מיט ברוינע שטרייפּעלעך, וואָס האָט אַ געשמאַקן שאַרפן ריח, און מאַמעס צוואָגן מיט דעם די קעפּ פון זייערע קינדער. ביי אונז אין שטעטל זאָגט מען, אַז די קאַטשקעזיל קומט אַזש פון קלוגן כעלם אָדער פון מעזשביש. עלטערע אידן ווילן דווקא, אַז דאָס שמעקעוודיקע שטאַמט אַזש פון יענער זייט סמבטיון...

אידישע מאַמעס שאַרן זיך צו די גרויע ווענט פון בית־המדרש, איינגע־

הילט אין געקעסטלטע און טערקישע שאַלן, קוקן מיט מורא אויף דעם גרויסן אָקעאַן, מאַכן אַ פרומע מינע און ווישן אַ טרער...

מיר גמרא־אינגלעך קאָנען זיך געבוג נישט אָנזעטן מיט דער שיינקייט פון ברויזנדן בוג, און ווערן אַזש צושמאָלצן פון נחת פון זיינע אַכזריותן און מעשים תעתועים...

האַלאַסקאָוו — אויפן עקאָנאָמישן געביט

די וואַלצאָוואַ מיל

פון דעם סאַמע באַרג, אָדער ריכטיקער געזאָגט, „דילניצעס״, דאָרט וואו עס שטייען צוויי הייזער ווי צוויי געשולטע זעלנער אין ערפורכט און היטן דאָס שטעטל, איז ווען עס איז טרוקן און שיין, איז דאָס אַ מהלך פון צוואַנציק מינוט צו דער מיל. אָבער ווינטער־צייט, ווען עס איז פאַר־וואַליעט מיט שניי ביז צו די פאַדוואָינע (צווייענדיקע) פענצטער, אָדער אין האַרבסט מיט זיינע פאַרוויינטע קויטיקע טעג, ווען דער געשטופלטער וועג איז קלעפּיק און ליימיק, נעמט דאָס אַ סך לענגער.

די מיל איז געווען דער קוואַל פון אידישן עקאָנאָמישן לעבן אין שטעטל: אַרום זעכציק פּראָצענט פון דער איינוואוינערשאַפט, איז געווען דירעקט אָדער אומדירעקט פאַרבונדן מיט דער מיל.

דירעקט — דער קאַנטור, די נאמנים און די אַרבעטער. אומדירעקט — די תבואה־סוחרים, מעל־קרעמער און בעקער. היות גענעראַל מאַנאַסטערסקי, צו וועמען עס האָט אויך געהערט דאָס גאַנצע שטעטל, האָט כל ימיו געוואוינט אין אָדעס, האָט ער אַריינגעזעצט אַן אופּראַווליאַעשע (אויפזעער), וועלכער איז געווען באַפולמעכטיקט אַנצופירן מיט אַלע זיינע גיטער, ווי אויך שליסן קאָנטראַקטן מיט דעם קאַנטור אין שייכות מיט דער אַרענדע פון דער מיל אויף באַגרעניצטע טערמינען.

דער אופּראַווליאַעשע איז געווען אברהמ׳ל אינבערג — אַ איד אַן אויפגעקלערטער, אַ היינטוועלטיקער און אַ גרויסער משכיל. אין זיין רחבותדיקן הויז האָט ער זיך געפירט אויפן עכט אייראָפּעאישן שטייגער.

צווישן די טעגלעכע רוסישע צייטונגען „קיעווסקאַיאַ מיסל״ און „אָדעסקיע נאָוואָסטי״, האָט אויך דער „הצפירה״, „הזמן״, „העולם״ און „השחר״ פאַרנומען אַ גאָר חשובן פּלאַץ, און צוזאַמען מיט „גאָגאָל, פּושקין, לערמאָנטאָוו און דאָסטאָיעווסקי, האָט פון ביכער־שראַנק אויך אַרויסגע־שיינט ביאַליק, פּרץ, מענדעלע און אַנדערע.

אין זיינע בחור׳שע יאָרן איז אברהמ׳ל פון דער מיל (אַזוי האָט מען אים גערופן), געווען אַ העברעאישער לערער אין אַ שכניש דאָרף. דאָרט האָט ער טאַקע חתונה געהאַט מיט אַ תלמידה, אַ דאַנק וועמענס עלטערן ער האָט זיך דערשלאָגן צו אַזאַ גדולה.

דער קאַנטור, נישט קוקנדיק, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ היפּשער צאָל שותפים, איז אגב קיין מאָל נישט געווען ביכולת פינאַנציעל אַליין צו פאַרמאָלן די גאַנצע מיל, און אַזוי אַרום געמוזט אַריינציען רייכע סוחרים פון אַרומיקע שטעט ווי קריוואָזער, באַהאַפּאָליע און גאָלאָוואַניעווסק.

בדרך כלל איז דער תבואה־האַנדל אָנגעגאַנגען סיסטעמאַטיש, מיט אַ סדר. דהיינו: דער קליינער סוחר פלעגט אַרויסגיין אויפן יאַריד, קויפן עטליכע פּוד תבואה און דאָס פאַרקויפן צום גרעסערן סוחר. דער גרע־סערער סוחר האָט צוזאַמענגעמישט דעם גאַנצן אָנגעזאַמלטן ווייץ אין איין גרויסער קופּע און אַריינגעשאָטן אַ פּאָר זשמעניעס ווייץ אין אַ נאָז־טיכל, דאָס פאַרבונדן און געבראַכט אַלס "פּראָבע" צו מאָטל פּיוועלעס־בילמעס, וועלכער איז געווען דער הויפּט־איינקויפער פון תבואה פאַרן קאַנטור, פון וועלכן ער איז אויך געווען אַ שותף.

מאָטל פּיוועלעס איז געווען איינער פון די שענסטע און אָנגעזעענסטע בעלי־בתים ביי אונז אין שטעטל. יחוס, לומדות און עשירות איז געווען געקנאָטן צוזאַמען. ביי אים אין הויז האָט זיך תמיד געגריבלט און געשווירבלט מיט סוחרים; דאָרט איז געווען די בירזשע — דער דופּק פון גאַנצן האַנדל, דער באַראָמעטער פון מקח וממכר.

אין זיין רחבותדיקן עס־צימער, אויף אַ גרויסן רונדן טיש, פאַרשפּרייט מיט געקווייטלטער צעראַטע, איז געשטאַנען אַ פּאַליסקאַטעלניצע (פּאַרצע־לייענע טיף־רונדע כלי) אָנגעפּילט מיט ווייץ פון פאַרשיידענע פּראָבעס, און ביי דער זייט אויך אַ גלעזל וואַרימס, מיט וועלכן ר׳ מאָטל האָט זיך קיין מאָל נישט געשיידט. ער איז געווען אַ בקי בפּוסקים, יורה־דעה, און ווען פאַרשמייעטע אידן האָבן זיך אין בית־המדרש מתווכח געווען און זיך געאַמפּערט וועגן אַ האָר־שפּאַלטנדיקן פּלפּול, איז מען אויך געקומען צו מאָטל פּיוועלעס, וועלכער פלעגט פאַרענטפערן דעם טיפן ענין. ער פלעגט אויך אויסגלייכן פיל אַנדערע סכסוכים.

שטענדיק האָט איר אים געטראָפן אין איין און דער זעלבער ליכטיקער פּאָזע: זיין שלאַנקער גוף האָט זיך געוויגט „אמר אביי־דיק“ זיצנדיק אין דעם פּאַרצייטיקן שטול ווי אַ „ריש“, וואָס איז שוין איבערגעגאַנגען בירושה פון עטליכע דורות.

דער אַנטיק איז געווען אויסגעבעט מיט אַ זיץ־קישעלע, באַצויגן פון טערקישן שטאָף, אויף וועלכן עס איז געווען אויסגעמאָלן אַ בוים, אַ נעסט, און אַ גן־עדן־פויגל.

ווען ר׳ מאָטלס לינקע האַנט האָט זיך געפּאָרעט אין דער פּאָליסקאַ־טעלניצע, און פּאַרטראַכטערהייט געקאָטשעט אַ ווייצעלע צווישן די אָדער־דיקע פינגער, האָט די רעכטע האַנט געריבן זיין לויטערן תוספות־שטערן, ווי ער האָט געוואָלט דערגרונטעווען דעם תהום פון אַ האַרבער סוגיא. אָבער אומבאַמערקטערהייט האָט ער ביסלעכווייז פּאַרטריבן די טונקל־בלויע געבלימלטע יאַרמאָלקע אַזש צום העכסטן טייל פון זיין קאָפּ, וואָס אָט אָט און זי איז אין אַ סכנה זיך אַרונטערגליטשן און אים לאָזן בגלוי־ראש.

ר׳ מאָטל איז געווען פאַררעכנט אַלס דער בעסטער מבין אויף תבואה. ער איז געווען אַן עומד בדבורו, זיך פיינט געהאַט צו דינגען און אַפילו געטאַדלט דאָס אַראָפּלאָזן פון מקח.

זיין ברודער, הערשל פּיוועלעס־בילמעס, דער פאָטער פון דעם מחבר פון די שורות, אויך אַ שותף פון קאַנטור, איז געווען דער פאַר־קויפער פון דער מעל. ער איז געווען אַ באַרימטער משכיל און זער באַהאַוונט אין וועלטלעכע ענינים.

הערשל איז געווען באַליבט אין דער מסחר־וועלט. אַממערסטנס איז ער געשטאַנען אין קאָמערציעלע פאַרבינדונגען מיט אַנאַניעוו, כמיעלניק און וויניצע, וואוהין די מעל פלעגט וואַגאָנענווייז אָפּגעשיקט ווערן מיטן באַן.

פיר נאמנים זיינען געווען אָנגעשטעלט אין דער מיל, וועלכע האָבן שטאַרק אויפגעפּאַסט, אַז אַלעס זאָל צוגייען ערליך און יושר־דיק. נאמנות איז געוואָרן אַ לעבנסלענגלעכער אַמט, וואָס איז איבערגעגאַנגען בירושה פון פאָטער צום זון ווי צום ביישפּיל, פון אלתר־שלומ׳ס צו זיין זון פּרויקע.

לעאָן בילמעס

דריי מוטשנאַיעס (מעל קראָמען) זיינען געווען אין שטעטל, וואו אידן האָבן זיך איינגעקויפט אַ פּוד מעל. ווער נולקע (ווייסע), און ווער ראָזעווע, לויט זייערע אומשטענדן. יעדער פון די דריי מעל־הענדלער האָט געהאַט אַ נאָענטן אָנקער, דאָס הייסט, אַן אייגענעם אין קאַנטור, וועלכער האָט אים באַזאָרגט מיט מעל, קלייען, פּאָסליד און אַזוי ווייטער. די נח׳טע, דער אַלטער פּייוול און בערל דעם אַלטן אברהם ירושלימסקיס.

אויך בעקער זיינען געווען דריי: מעכל, מאיר און יאַנקל בעקער, פון וועלכע די ערשטע צוויי האָבן געבאַקן שוואַרץ, ראָזעווע, געבייטלט־קאָרענע און ווייצן ברויט, און פּרייטיק אויך חלה. יאַנקל בעקער האָט זיך בלויז ספּעציאַליזירט אין בייגל, קוכנס און צוקער־לעקערלעך.

די בייגעלעך אָפּגעשמירט מיט געלכן פון אייער, פלעגט יאַנקל קינסטלעריש דורכשנירלען טוצנווייז מיט רעגנבויגן־פעדים און הער־בעסווייז אויפסילען אויף זיינעביידע אָרבל.

קרעמער און קליינע הענדלער

שניט־קרעמער

פון אַלע פאַרשיידענע געווּעלבן אין מיין שטעטל, האָט בלויז די שניט־קראָם זוכה געווען אָפּצוּימען פאַר זיך אַ באַזונדער געסל — פּנחס־אהרנ׳ס געסל, אויף דעם נאָמען פון רייכסטן שניט־קרעמער, וועלכער האָט זיך מיט זיין עשירות קונה שם געווען איבער דער גאַנצער געגנט. ס׳הייסט, געווען אין דעם געסל זיינען פיל אַנדערע גרויסע שניט־קרעמער ווי: נחום מרגליות, רפאל זאַבאַרסקי און אברהמ׳ל־נח׳ס, אָבער ווייט פון זיך צו פאַרגלייכן מיט פּנחס־אהרנ׳ן.

אברהמ׳ל נח׳ס האָט מען אויך גערופן „אברהמ׳ל פונעם רויטן מויער״, צוליב דער ציגל־פייערדיקער וואַנט, אַריינגעמויערט אין זיין דווקא קליינעם שטיבל, וואָס האָט זיך געגרויסט און געפּוצט ווי אַ צעבאַלעוועטע בת־יחיד׳קע מיט אירע רויטע צעפּלעך. אין די צעליכטיקטע האַלאָס־קאָווער זומער־פרימאָרגנס, איז דאָס מויערל געווען איינגעטונקען אין ימ׳ן זונענשיין, און געשפּרייט שטראַלן פון גינגאָלד אַרום פּנחס־אהרנס גרין־געפאַרבטן דאַך, וואָס איז געשטאַנען פּונקט געגנאיבער רויטן מויערל.

נאָך מער ווי שניט־קרעמער, זיינען געווען שניט־הענדלער, אָדער יאַרידימ׳ניקעס, וועלכע האָבן אָנשטאָט קלייטן געהאַלטן די סחורה ביי זיך אין הויז, און דריי אָדער פיר מאָל אַ וואָך געפאָרן אויף יאַרידים אין די אַרומיקע היבשע דערפער.

צו דער קאַטעגאָריע פון שניט־הענדלער דאַרף מען מוסיף זיין פיר לייוונט־הענדלערינס, וועלכע פלעגן קויפן ביי פּנחס־אהרנ׳ן אַ פּאָר שטיקלעך מאָראָזאָווס אָדער מאַרגענאָווס לייוונט און אויפן יאַריד דאָס אויסמעסטן.

די שניט־הענדלער האָבן פאַרקויפט פאַרשיידענע שניט־סחורה אין

פּאַלאַטקעס (געשטעלן), און די לייוונט־הענדלערינס האָבן געמאָסטן די לייוונט אויף שטעלעכלעך.

בעת חנה־טוביה׳ס, מלכה׳וף און פּערל־פּרויקעס האָבן איינגעלייגט וועלטן, און מיטן חצי אידיש און פּאַלאָווינע גוייש געזוכט איבערצוציגן די פּויערטע, וואָס פּאַר אַ מציאות זיי קריגן, פלעגט ביילע־גאָלדע דערוואַרעמען איר זאשפּריס־פאַרגאנגענע פינגער איבערן פייער־טאָפּ, אויסגלאָצן אירע בלינדליכע אויגן השגחה׳דיק צו דעם, וואָס לעבט אייביק, און פּוילערהייד מעלה־גרה׳ן אַ צוקער־לעקעכל...

דער מאַרק

די אַלע איבעריקע פאַרשיידענע געוועלבן ווי: באַקאַליי (שפּייז־קראָם), גאַלאַנטעריי (צעלניק), קאָזשעוונע (לעדער) און זשעלעזני (אייזנ־וואַרג), זיינען אָן שום סדר געווען צוזאַמענגעדריקט אויף איין ברייטן פּלאַץ — דער מאַרק. אַראָפּלאָזנדיק זיך פון באַרג האָבן אַלע קלייטן, אָנהייבנדיק פון מרדכי דוד־בערס און פאַרקירעווענדיק זיך אַזש ביז צו אברהם־ראובנ׳ס קרענעצע, אויסגעזען ווי אַ קרומע קאַטשערע, וואָס האָט געדראָעט דורס צו זיין און אויסשלאָגן די פענצטער אין די פרידליכע הייזער ביי מלך קצב, פּרויקע פאָסטעל, אישיקע מלאך און ביי פּיני לייזערס.

קעגנאיבער די קלייטן זיינען געשטאַנען אַ פּאָר אַומגעלומפּערטע איינפּאָר־הייזער מיט צעפליקטע שטרויענע דעכער. די לעכער פון אויס־געריסענע סניפּקעס האָבן אַרויסגעסטאַרטשעט קעגן הימל ווי אויגן אָנגעגאָסענע מיט בלויען זעפיר אין בלייכן לבנה־שיין — אָן אידיליש אָרט פּאַר נעסטן און שפּילן ליבעס צווישן פּייגעלעך און פּעך־שוואַרצע שוועל־בעלעך. אַהין פלעגן מיטוואָך, ערב דעם יאַריד, פאַרפאָרן קאַצאַפּעס אויף די לאַנגע וועגענער מיט אַלערליי עפּל, וועלכע זיינען געקומען ממרחקים.

דער אַראָמאַטנער בשמים־ריח פון די פיינע „ראַנעטן״ און „טאַראָלקעס״ איז זיך בוימלדיק צעגאַן איבערן גאַנצן מאַרק. ביי וועלוול־פּנחס אין איינפּאָר איז דאַן געווען פריילעך. מיטוואָך פאַרנאַכט נאָך דער שקיעה,

ווען גרוי און בלוי מינעט זיך און שלעפערט די מידע קאַצאַפּעס, פּלעגט יאַנקל וועלוול׳ס שטילערהייט זיך צושאַרן צו די לאַנגע וועגענער, און מיט זיינע בעל־מום׳ישע פּאַרקלעפּטע צווילינג־פינגער, וואָס האָבן אויס־געזען ווי אַ כהן ביים דוכענען, בודק זיין מיט טיפער כוונה צווישן די עפּל. האָט ער אָנגעפּילט די קעשענעס, און מיט נאָך אַ פּאָר חברים „היטערס״, אַרויפגעקלעטערט אויפן אָפענעם בוידעם און פּאַרטייענדיק זיך אין אַ סטויג היי זיך הנאה׳דיק פאַסמאַקעוועט מיט דעם רויב, לויבנדיק בשעת מעשה די קאַצאַפּעס מיט די געשמאַקע עפּל.

פּונקט ווי צווישן די שניט־קרעמער איז פּנחס־אהרן געווען דער נגיד, אַזוי האָבן זיך צווישן די אַנדערע קרעמער אין מאַרק אויסגעשיילט אויף דער אַרענע פון עשירות: משה׳קע וועלוול סאַבאַליאַווסקי און משה לייבע־ניוס. דער לעצטער איז געווען אַן אָפּגעהיטענער מענטש, און געלעבט אַ רואיק זאַט לעבן. צוועלף אַ זייגער פּלעגט ער צומאַכן די קלייט (פון צעלניק), אַזש ביז דריי נאָכמיטאָג, גענוג צייט צו עסן און כאַפּן אַ דרעמל. מיט קהל האָט ער זיך כמעט נישט געמישט.

משה׳קע וועלוול (פון שפּייזקראָם) האָט אויך ליב געהאַט צו רוען, אָבער אָנשטאָט אַ דרעמל פּלעגט ער מעיין זיין אין אַ ספר, לערנען „זוהר״ און זיך אַפילו געגריבלט אין „קבלה״ אויך. און אויב ער האָט זיך אַמאָל פאַרשפּעטיקט, האָט אויך נישט אויסגעמאַכט, ווייל ער פלעגט האַלטן גענוג אָנגעשטעלטע, וועלכע האָבן אויפגעפּאַסט מיט גרויס איבערגע־געבנקייט. משה׳קע וועלוול האָט זיי גוט באַהאַנדלט און שיין באַלוינט.

צווישן די כלערליי פּרנסות זיינען אויך געווען אַזעלכע, אין וועלכע אַויך די פרוי איז געווען די אַרויסהעלפערן ווי:

צוויי מעלקנדיקע בהמות, און פאַרקויפן די מילך אויף דער גלאָז.

אויסבאַקן אַ פּאָר פּוד שוואַרץ ברויט און דאָס פאַרקויפן.

ווינטער זעצן גענז. מען האָט זיי געקאָרמעט דריי וואָכן, דערנאָך ע׳שחט׳ן, פאַרקויפט דאָס פלייש מיט שמאַלץ — פּלעגט בלייבן דער ריווח אָס דרויב: פּופּיקעס, העלדזלעך, פיסלעך און פעדערן.

אייניקע האָבן אָנגענומען אַ פּאָדריאַד אויף מצות. ווינטער פּלעגן אידן קויפן אַ קאַלב אָדער אַ שעפּס. אַנדערע פלעגן אָפּקויפן, פּאַר אַ ש־בוש

ביי די פויערים פעלעכלעך פון פוקסן און מאַרדערס. אַ ביסל חזיר־האָר, שעפּסענע וואָל, טרוקענע שוואָמען, דאַרע וויינשעלעך, און דערנאָך פאַר־קויפן צו די גרעסערע סוחרים.

די גרעסערע קאָמערציעלע טראַנזאַקציעס זיינען געשלאָסן געוואָרן דורך אַ מעקלער און די קלענערע דורך צוזאַמענפירער, אַזוי צו זאָגן, וועלכע זיינען שטענדיק געווען להוט נאָך אַ פאַרדינסטל.

וויין־שענקער

חוץ דער מאָנאָפּאָל, וואָס איז געשטאַנען אויף דער „פּאָטשטאָווי", אָפּגערוקט פון שטעטל אויפן וועג צו דער מיל, זיינען אויך געווען „פּיור־נאַיאָס" (ביר־שענקלעך) און וויין־קעלערס. בפרהסיא האָבן די ביר־ און וויין־שענקלעך פאַרקויפט צו די פויערים פון די אַרומיקע דערפער, אָבער בסתר האָבן זיי אויך פאַרקויפט שטאַרקערע משקאות ווי פאַרשידענע גראַדאָווער ספּירטן.

פון די געציילטע וויין־שענקער אין מיין שטעטל, איז עזריאל ליבערס געווען דער רעקלאַמירטסטער און בעסטער. אין זיין טיף־געשניטענעם קעלער איז אַרכיטעקטאָניש געווען אויפגעשטעלט אַ וואַנט — אַ גאַנצע סטרוקטור פון הויכע פעסער און פעסלעך מיט פיל־פאַרביקע צאָפּנס פון כלערליי סאָרטן וויינען, ווי: זמירער, מוסקאַט, פּאָרטווייין און אַנדערע.

דער וויין, וואָס איז געקומען פון אויסלאַנד אין שטאָפּן, געפלאָכטן אין שטרוי, און איינגעוויקלט ווי אַ הדס אין פּאָמאַראַנצן־פּאַפּיר, האָט ער גערופן יין קפריסין.

חול־המועד־פסח און חול־המועד־סוכות פלעגן זיך צו עזריאלן אַריינ־רוקן אַ פּאָר אידן פון „עמד", זיך אויסזעצן ביים טיש, קנאַקן ניס, און די יאָדערן זיך געלאָזט ווייקן אין וויין. עזריאל איז בשעת מעשה געשטאַנען איבער זיי, און מיט זיידענע אויפגעשנירלטע ווערטעלעך־פּערעלעך, געלויבט די מעלות פון זיין וויין, אונטערשטרייכנדיק, אַז אפילו על פי חכמת הדאָקטאָריי איז זיין וויין אויך אַ רפואה פאַרן מאָגן...

פּראָצענטניקעס

קיין רעגירונגס־באַנק איז ביי אונז אין שטעטל נישט געווען. איז ווען אַ קרעמער איז געווען געענגט אין געלט (און ווען איז ער נישט געווען געענגט), און באַדאַרפט סילוקן אַ וועקסעלע, האָט ער באין־ברירה געמוזט אָנקומען צום פּראָצענטניק.

אַז מען האָט ביים פּראָצענטניק געליען פינף און צוואַנציק רובל אויף אויסצאָלן אַ רובל אַ וואָך, פלעגט דער פּראָצענטניק געבן בלויז איין און צוואַנציק און צאָלן האָט מען אים באַדאַרפט פינף און צוואַנציק וואָכן מיט אַן עודף...

פון אַלע פּראָצענטניקעס, האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון לייב טביה׳ס, אַ אידל מיט אַ ווייס צוויי־שפּיצעכיק בערדל. זיין פּנים רויט און זשוואַווע, אויב נישט פון שטענדיקן כעס, איז געוויס פון צופיל „לחיים׳ס"... זיינע אויגן זיינען געווען אָנגעגאָסן מיט חשד צו יעדן און צו אַלעס. ווען אַ איד, אַ נצרך, איז געקומען צו אים לייען געלט, האָבן אים זיינע פלאָם־פייערדיקע אויגעלעך אָפּגעמאָסטן מיט טיפן פאַרדאַכט, ווי די אויגן וואָלטן געהאַט בייסיקע ציינגעלעך און געוואָרנט זייער האַר: — היט זיך! גיב נישט!"...

נאָכדעם ווי לייב טביה׳ס האָט גענומען דעם נצרך אויפן צימבל, אויפן פאַרהער הייסט דאָס, אויספאָרשן און דורכשטודירן דעם קוואַל פון לוה׳ס פּרנסה, פלעגט ער אים געבן אַ לעקציע פון מוסר, וועגן דער חשיבות פון געלט, אַן אַרטיקל, וואָס וואַלגערט זיך נישט אויפן מיסט, און אים אויך געגעבן אָנצוהערן, אַז מען זעצט חלילה אָן, שאַדט עס צו אַ לייטישן שידוך, און אַז אויפן עולם האמת קריגט מען די גרעסטע שטראָף...

ענדלעך פלעגט ער דערביוען דאָס געלט פון אַ שוואַרצן קאַסטן, באַשלאָגן מיט מעשענע גרויס־קעפּיקע שטיפטן, און פון זיין פאַרבויגענעם פינגער (אַ פאַרבליבענער חסרון פאַר נישט וועלן דינען פאָניען), געצויגן דעם פאָזיט ווי אַ שוואַרץ־קינסטלער ציט גאַנצע סטענגעס, דאָס איבער־געענטפערט דעם לוה, אים באַגלייט צו דער טיר, און נאָכגעשריען ער זאָל סילוקן אין צייט...

דער יאַריד

אַז ס׳קומט דאָנערשטיק, דער יאַריד־טאָג, ווערט מיין שטעטל פאַר־וואַנדלט אין אַ בחפזונ׳דיקן געטומל, און די שטילע געסלעך ווערן פאַרהילכט מיט פאַרשידענע צעריסענע, אָפּגעהאַקטע קלאַנגען פון מעקען, בעקען, מרוקען, הירזשען און ריטשען צוזאַמענגעפלאָכטן מיט דער גוישער שבועה...

ביי משה־חיים יונה־בער׳ס אין צעבראָכענעם איינפאַר, איז אַ לעבע־דיקער גיהנום: נאָך פון גרויסן פאַרטאָג, ווען דער הימל ביים האָריזאָנט האָט אויפגעמאַכט אַ גרוי אויג, האָבן זיך שוין געצויגן פון גרויסן שליאַך צום איינפאַר אַ קאָפּעליע פון גוישע בעטלער, מתפללים און קאַליקעס. קרומע מיט קוליעס אויף איין פוס, און אויך אַזעלכע, ביי וועמען ביידע פיס זיינען געווען אָפּגעשניטן ביז צו די דיכן. אַזעלכע זיינען געלעגן אין אַנגסטן, איינגעפּאַסעוועט שטייף מיט לעדערנע פּאַסיקעס צו אַ דריי־רעדלדיקער טאַטשקע, מורא האָבנדיק דער קאַליקע זאָל זיך נישט אָפּרייסן און אַנט־לויפן... די טאַטשקע איז געווען איינגעשפּאַנט צום ווייב אָדער אַן אַנדערן מיטגליד פון זיין משפחה, וואָס האָבן אים געפירט איבערן יאַריד ווי טייערע, גאַנגבאַרע סחורה.

צווישן די בעטלער זיינען אויך געווען אַלערליי בלינדע. אָנשטאָט אַן אויג, איז ביי איינעם געווען אַ רויע לאָך מיט פאַרגאָסן בלוט. עס זיינען אויך געווען בלינדע „מתפללים״, וועלכע האָבן בלויז געזען די „הייליקע מאַמע״ מיט איר געזאַלבטן „זון״. איינער אַזעלכער, אַ שלאַנקער, מיט אַ פּאַטריאַרכאַלע האָניק־קאָליר באָרד, דאָס פּנים קרייד־ווייס, און צוויי גרויע בילמעס ווי צוויי ווייכע קנעפּלעך, האָבן אויף זיין גאַנצן לעבן פאַרשטעלט די ליכטיקע שיין פון זיינע אויגן.

דער „מתפלל״ איז געשטאַנען אַ גאַנצן טאָג אויף איין אָרט, און מאָ־נאָטאָן, מיט אַ הייזעריקער שטימע, הייליק־גלחיש געבענטשט „הללויה״ און זיך בשעת מעשה געבוקט אין פרומער פאַרכטיקייט אַזש ביז צו דער ערד...

גראָד אַ טויבער האָט געטוליעט צו זיין אָנגעווייטיקט האַרץ אַ לירע פון אַ צוזאַמענגעקלאַפּט קעסטל מיט שטריקענע סטרונעס, וועלכע האָבן אַרויסגעקרעכצט דערשטיקטע, צעריסענע פאַרכריפּעטע טענער. טענער, וועלכע האָבן דערציילט פון פּיין, נויט און שטענדיקן הונגער...

דאָס שניטקראָם־געסל איז שווער צו דערקענען — אַן אמת׳ער לאַבירינט פון געשטעלן און געשטעלעלעך, וואָס אַז איר כאַפּט זיך אַהין אַריין, קאָנט איר אָסור פון דאָרט אַרויס. אַלע פּאַלאַטקעס זיינען קינסטלע־ריש־אינזשינעריש אויפגעשטעלט מיט פּינקטלעכער אויסגעמאָסטנקייט. איר פּלאָנטערט זיך צווישן אַ נעץ פון שטריק, ענג־פאַרבונדענע צו אַריינ־געשלאָגענע פּלעקער.

יעדעס געסל איז אַ באַזונדערע אָפּטיילונג פון מקח וממכר: דער באַרג וואָהין אין די וויכע לבנה־נעכט קומען אַרויס בחורים און בתולות אין זייערע יום־טובדיקע מלבושים אויף אַ שפּאַציר, ווערט דאָנערשטיק אויסגענוצט פאַר פערד, בהמות און קוויטשענדיקע. דאָרט, וואו דורך די שבתים און יום־טובים, ווערט דער באַרג געהייליקט און באַזונגען, ווערט ער ביים יאַריד פאַרשוועכט דורך נידערטרעכטיקע טאַטן פון דורכפירן אומלעגאַלע אָפּעראַציעס אויף זשורעבעצעס (זכרים־פערד), דורך באַרויבן זיי פון פריה ורביה...

בלויז אויף דער קאַפּיטאַנקע האָט דער יאַריד קיין שליטה נישט. יענץ געסל איז אָפּגעשלאָסן און פאַרשלאָסן, איבערהויפּט דאָנערשטיק הערשט נאָך מער מנוחה ווי אַפילו שבת, גלייך ווי די גאַנצע רו פונעם שטעטל, וואָס איז געשטערט געוואָרן פונעם יאַריד, איז אַהין אַנטרונען און זיך אויסבאַהאַלטן...

נאָך גרעסער ווערט דער געטומל אין סאַמע ברען פון יאַריד, ווען קרעמער זיינען פאַרנומען מיטן אַרשין און מיט דער וואָג, דערהערט זיך פּלוצים אַ שניידנדיקער דזין־דזין, פון אַ גלאָק אַז אָנזאָג, אַז נאַטשאַלסטווע קומט.

פון באַהאַפּאַליער שליאַך טראָגט זיך מיט פאַרריסענער גדלות אַ פאַעטאָן מיט פיר פערד נאַשפּיק, אין וועלכן עס הוידעט זיך אַ דאַרער, שמאָלער גוף פון אַן אַקציזניק. זיינע כיטרע אויגן, אָנגעגאָסן מיט שוחד,

טאַנצן אַרום ווי קוועקזילבער צווישןביידע ווינקלען פון צוויי שמאָל־פאַרצויגענע אויגן־לעדלעך ווי ביי אַ כינעזער און ווערן פון צייט צו צייט איינגעקלאַמערט אין גלאַנצנדיקע שוואַרצע אות׳ילעך ווי פינטעלעך אויף געריבאָוואַי פאַפּיר, אונטערגעשריבן און פאַר׳חתמ׳ט פון זיין מאַיעסטעט מיט אַ צונטער־רויטן טריזואַקסענעם שטעמפּל...

אָט צוליב דעם נישטיקן מענטשעלע ווערט דער גאַנצער יאַריד אויפ־געטרייסלט.

עס איז געוואָרן אַ מהומה ווי אַ פאַזשאַר (פייער), ווייל וועלכער קרעמער האָט דען געהאַט אַ כשר בלעטל, וואָס זאָל דעקן די ריכטיקע סומע פון זיין גאַנצער סחורה? און צום יאַריד פאַרגרייטן זיך אידן מיט אַ ביסעלע מער סחורה ווי אַ פּראָסטן טאָג. די גוישע פירן זיינען זיך צעלאָפן אין גרויס פּאַניק. איניקע קרעמער האָבן צוגעשלאָסן זייערע קלייטן, מורא האָבנדיק פאַר אַן אַקט. מלכה־הוף האָט געשמעקט יום־כיפּור־טראָפן, כדי נישט אָוועקפאַלן אין חלשות.

יצחק־מאיר האָט זיך געבעטן ביי זיין שרה־לאהן זי זאָל זיך באַרואיקן און האָבן בטחון. — „מיר האָבן אַן אַלמעכטיקן גאָט און ער וועט אונז באַשיצן!".

אַלע אויגן פון שטעטל זיינען געווענדעט צו חנא אָורעך, ער זאָל גלייך אָוועק צום אַקציזניק אָנצוטאַפּן זיין דופק, צי „נעמט ער, אָדער חלילה נישט?"... אויף חנא אָורעך האָט מען זיך געמעגט פאַרלאָזן — אַ מענטש מיט אַ גלאָט צינגל און אויגן, וועלכע היפּנאָטיזירן אפילו אַ כיטרע אַקציזניק אויך...

ביז מען געפינט אויס צו דער אָדון „לקח׳נט", איז שוין פון יאַריד קיין זכר נישט פאַרבליבן....

בעלי־מלאכות

שניידעריי און אַנדערע נאָדל־פּאַכן

אויב נישט קיין קרעמער אָדער סוחר — איז אַ בעל־מלאכה. דערפאַר איז שוין טאַקע רעכט, וואָס אַ גרויסער טייל פון האַלאַסקאָווער איינוואוי־נערשאַפט האָט זיך מפרנס געווען פון דעם שווייס פון זייערע הענט.

פון אַלע מלאכות איז שער און אייזן געווען די פּאָפּולערסטע און אָנגעזעענסטע, וואָס איז באַשטאַנען פון פיר באַזונדערע קאַטעגאָריעס.

בעל־הבתישע שניידער, ד. ה. גוט־קוואַליפיצירטע, וועלכע האָבן פאַר־שטאַנען זייער אַרבעט, און געניית מלבושים פאַרן שטעטל. אַזעלכע געדענק איך: אברהם דעם קרומען, טוביה, יאַנקל, לייב דעם שוסטערס און קאַפּאָטקעלע.

פויערישע שניידער, וועלכע האָבן געניית בלויז פאַר פויערים. אויך געניטע שניידער, אָבער שוין נישט פון זעלבן קאַליבער ווי די בעלי־הבתישע. אַזעלכע זיינען שוין געווען אַ גרעסערע צאָל: אברהם טשיזשיק, יאָסל דער קרומער, הערשל קאַטשקע, יאַנקל שניידער און אַנדערע.

טאַנדייטניקער־שניידער, וועלכע האָבן אויפגעניית פאַרטיקע מלבושים און זיי אויף יאַרידים פאַרקויפט צו די פויערים — אייניקע האָבן אַפילו געפירט אַ טיש — אַ מאַסטערסקאַיאַ. זייער אַרבעט איז געווען נישט קיין ראַיעלע, ביליק און צעקראָכן. פון דעם מין האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון אונזער שכן מרדכי לייב און משה דעם רופא׳ס. מרדכי לייב איז געווען אַ מטופל מיט קינדער. ווען איך זאָל מיך וועלן אָנשטרענגען זיי אויסרעכענען אויף מיינע פינגער, וואָלט איך בלי ספק באַדאַרפט אָנווייזן זייער צאָל צו צוויי מאָל אויף איין פינגער. יעדעס יאָר, ווען זיין קלייניקע פנינה האָט אים געשאָנקען אַ קינד, איז ביי אים געווען אַ גדולה, וואָס נאָך אַ האַנט וועט צוקומען צום טיש...

דאַמסקי, אָדער פרויען־שניידער און מאָדיסטקעס (נייטאָרינס). די בעסערע פון זיי, ווי וועקאַ מיט זיינע זין, האָבן געניית פאַר די אַרומיקע

פריצים און רייכע פויערים, און די פשוטע, ווי דער קריזניק און אַנדערע, האָבן געגייט פאַר די אָרעמע, און זיך אַפּילו מטריח געווען צו גיין איבער די דערפער זוכן אַ שטיקל אַרבעט.

די מאָדיטסקעס האָבן אויך געפירט אַ טיש און געגייט פאַר די שטעטלשע פרויען און דאַמען, איבערהויפּט פאַר כלות אָנצופילן זייער אויסשטייער. די מאָדעלן האָט מען אַזש געבראַכט פון אָדעס.

היות די שניידער־אינגלעך און נייטאָרינס־מיידלעך האָבן פון קיין יוניאָן נישט געוואוסט, האָבן די טאַנדייטניקעס און מאָדיסטקעס זיי עקספּלאָאַטירט און געאַרבעט מיט זיי גאָר לאַנגע שעה'ן. דעם צאָרן און פאַרדרוס האָבן זיי אָפּט אויסגעדריקט אין רעוואָלוציאָנערע, קעמפערישע לידער און זיך געטרייסט, קוויקנדיק מיט די נשמה'דיקע זיסע טענער פון הייסע ליבעס־לידער

איך פאַררוק דאָס פאָרהענגל אין אַ זייט, דרינג אַריין אין דעם ווייטן אַמאָל און איך זע: עס איז שוין אין דער שפּעטער שעה פון אַ זילבער־נאַכט, אַלעס אַרום איז הייליק־שטיל. דאָס קאַפּיטאַנקע־געסל איז פאַר־כלינעט מיט ווארעמקייט. אין די קליינע שטיבלעך איז טונקל און עס חלום'ט זיך, בלויז ביי בלומע די מאָדיסטקע לייכט זיך. מען דאַרף אַרויס־ענדיקן דאָס חופּה־קלייד פאַרן גביר'ס טעכטערל...

ביי אלתר שלום'ס אויפן פידאַשיק (שוועל), איז נאָך פון יונגן אָוונט פאַרבליבן זיצן אין אומאַרמונג אַ פאַרליבט פּאָרל און קאָנען נישט שטילן זייער גליענדיקע תאוה און דורשט פון כוס פון ליבע. זיי רעדן שטיל־סודות'דיק און פאַרגייען זיך אין לאַנגע קושן. איבערלאָזן אַזאַ צויבער־נאַכט און גיין שלאָפן, וואָלט געווען אַ גראָבע עבירה.

די אלתרקע צעהוסט זיך, קאָן דעם אָטעם נישט כאַפּן — עפנט זי דאָס פענצטערל אַריינאָטעמען פרישע לופט. זי דערזעט דאָס פאַרליבטע פּאָרל, וויל עפּעס זאָגן און כאַפּט זיך באַלד צוריק. משמעות, זי האָט זיך דערמאָנט אין די אַמאָליקע נעכט, ווען זי איז נאָך אַליין געווען שיין און רייצנד.

שטילערהייט האָט זי אַמאָל געשפּילט אַ ליבע מיט אַן אַנדערן בחור, אַפילו נישט פון דער הויכער פאַן, אָבער אַזאַ צאַרטער און איידעלער. דעם סוד האָט זי אָפּגעהיט ביי זיך אין האַרצן. האָבן אירע עלטערן איר

אָפּגעטאָן, און פאַר׳כּנס׳ט צו אַלתר׳ן... ווען זי האָט געעפנט דאָס פענצטערל און דערזען דאָס פּאַרליבטע פּאָרל, איז אָנשטאָט זיך אויסשרייען און זיי אויס׳מוסר׳ן, האָט זי זיך צוריקגעצויגן, זיך אָװעקגעזעצט קעגן דער לבנה, לאַנג געקוקט און שטום געשוויגן...

די נייטאָרינס ביי בלומען אַרבעטן אַזוי שווער און שפּעט, אַז ס׳איז גאָר פּשוט קיין צייט נישטאָ אַ טראַכט צו טאָן וועגן אַן אייגענעם תּכלית. די יאָרן איילן זיך און אַנטלויפן. אַלע האָבן שוין דערוואַרט די חופּה־שטאַנגען. נייען זיי מיט אָפּגעהיטענע שטעפּעלעך די חופּה־קליידער פאַר אַנדערע כּלות, אָבער זייערע אייגענע קליידער, ווייסט נאָר איין גאָט ווען זיי וועלן נייען...

צום שניידעריי־פאַך דאַרף מען אויך מוסיף זיין פעלצן־מאַכער, זאַגאָ־טאָוטשיקעס (קאַמאַשן־שטעפּער) און קירזשנעריי. דעם איין און איינציקן קאַמאַשן־שטעפּער, וואָס איך געדענק און וועל מיט אייך צוזאַמען קיין מאָל נישט פאַרגעסן, איז געווען לייב קוויטקאָ, וועלכער האָט זיך אויסגעשיילט און אויסגעצייכנט אַלס איינער פון די גרעסטע דיכטער אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד.

פון די פעלצן־מאַכער געדענק איך אברהם׳ן, נעבן הערשל געדענדיס און שמואל־הערש — אַ איד אַ בעל־הבית, וועלכער האָט געגעבן זיינע קינדער אַ געהעריקע דערציאונג.

די פעלצן פלעגט מען אויפנייען, פאַרבן און פאַרקויפן צו די פּויערים

קירזשנעריי איז געווען אַ פיינע און געהויבענע מלאכה, נישט קוקנ־דיק וואָס די סחורה פלעגט מען דווקא אויסאַרבעטן אין קעלערס, הינטער גאַלאַנטעריינע אָדער באַקאַליינע קלייטן, אין סאַמע צענטער פון מאַרק. די קירזשנערס פלעגן מיט געניטקייט אויפנייען פאַרשידענע היטעלעך מיט און אָן גלאַנצנדיקע קאַזראַקן, און פאַר די פּויערים שמויסענע קוטשמעס.

סטאָלעריי

דער צווייטער פּאָפּולערער פאַך איז געווען סטאָלעריי, וואָס האָט זיך אויך איינגעטיילט אין צוויי קאַטעגאָריעס:

הויז־סטאָלערס, ד. ה. אַזעלכע, וועלכע האָבן אָנגענומען אַ שטיקל אַרבעט אין הויז, ווי מאַכן אַ טאַפּטשאַן, פּאָליצעס, אָדער שטאַכעטן אַרום אַ פּאָלסאַדניק (גאָרטן). אויף דעם געביט האָבן זיך אויסגעצייכנט משה סטאָלער, לייב דעם אַלטן ניסימס און נח איצי מאַניעס.

סטאָלערס־טאַנדייטניקעס, וועלכע האָבן אויפגעאַרבעט גרייטע ראַמען פאַר פענצטער און טירן ווי אויך בענקלעך, טישן א. אַז. וו. און דאָס אויפ־געאַרבעטע פאַרקויפט צו די פויערים. אַזעלכע זיינען געווען: פייסי און זיין זון חיים, דוד־בער און זיין זון אברהם. דוד־בער מיט זיינע גרויסע בלויע שפּאַקולן, פלעגט אויך צוזאַמענקלאַפּן מצבות פון דעמבענע ברעטער. איידער ער פלעגט זיי אַוועקפירן אויפן בית־הקברות, האָט ער די מצבות אַוועקגעשטעלט און אָפּגערוקט פון זיין מאַסטערסקאַיאַ אַזש אין רשות הרבים, ווי ער וואָלט אין דעם געהאַט אַ טיפע כונה — צו וואָרענען און דערמאָנען דעם קליינעם מענטשעלע „זכור כי עפר אנחנו“...

אויף דער מצבה פון אַ אשה, האָט ער איבער דעם „פ״נ“ אויסגעשניטן פון בלעך אַ מין זיגזאַגישע קרוין, וואָס האָט באַצירט דעם עפּיטאַף, הגם דורך די ברייטע שפּאַלטן פון די פאַנאַנדערגעקלאַפּטע ברעטער האָט אַרויס־געקוקט אַ לערע פּוסטקייט. פונדעסטוועגן האָבן מיר, חדר־אינגלעך, באַ־שיימפּערלעך געזען אינעווייניק דעם מת אַ לעבעדיקן, וועמענס נאָמען עס איז געווען אויסגעקריצט אויף דעם ווענטל פון דער מצבה.

שוסטעריי

יעדעס געסל האָט געהאַט איר שוסטער, און אייניקע געסלעך — צוויי און טאָקע דריי. ווי אמתע קינסטלער אין דעם פאַך פון שוסטעריי האָבן זיך אויסגעצייכנט די דריי ברידער: יוסף־לייב, מאיר און יעקב־יאָסי. יוסף־לייב איז געווען אַ שטילער, באַשיידענער און גרויסער בעל־צדקה. זיינע געראָטענע צוויי קינדער, האָט ער אַוועקגעשיקט אין דער גרעסערער שטאָט, קיין אומאַן, שטודירן. און כאָטש שיינע אידן האָבן אַפילו יאָ געזוכט אים מצרף זיין אין קהל׳שע זאַכן, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט. „עמך“ האָט זיך געגרויסט מיט אים ווי מיט אַ גאָלדן פינגערל. אויך יוסף־לייבס

צוויי ברידער מאיר און יעקב־יאָסי זיינען געווען שטילע און סטאַטעטשנע בעלי־מלאכות. אַלע דריי צוזאַמען האָבן באַשוכט דאָס שטעטל פון רייכערן קלאַס.

עס איז כדאי אָנצומערקן, אַז נאָך אין קליינעם שטעטל, האָבן די דריי ברידער פאַרטיידיקט זייער פאַך, און אַרויסגעוויזן אַ מוסטער פון פאַר־אייניקונג, ווי צ.ב.ש: ווען משה לייבעניוס, משה חיים־ישראלס און עזריאל ליבערס האָבן אָנגעהויבן צו פאַרקויפן אין זייערע קלייטן אויך פאַרטיקע שיך, וואָס זיי האָבן געברענגט פון וואַרשע און פעטערבורג, האָבן די ברידער־שוסטער געמאַכט יד אחת, אַז אויף אַזעלכע שיך זאָל מען פאַר קיין פאַל קיין „פאַטשינקעס״ (פאַריכטונגען) נישט מאַכן. דער סוף איז געווען, אַז אַלע דריי קרעמער זענען געווען געצוואונגען אין אַ קורצער צייט אָפּצושיקן צוריק די שיך צו די פאַבריקאַנטן.

עס זיינען געווען נאָך שוסטער, וועלכע האָבן געצויגן זייער חיונה פון אָרעמערן קלאַס און פון די פויערים, ווי: זלמן חיה׳טשקעס, וואָלף־בער, לייב שוסטער און אַנדערע. צו דעם פאַך דאַרף מען אויך מוסיף זיין לאַטוטניקעס, ווי: גאַרבאַלדי און שושע־יאַנקל. דער לעצטער איז געווען דער גרעסטער עני ואביון. זייער זעלטן, ווען אין זיין רשות איז אַריינגע־פאַלן אַ פאָר הארטע מטבעות. פון קיין צורת „פאַזיט״ האָבן שושע־יאַנקלס באַוואַקסענע אויגן ווי מיט מאָך, קיין מאָל נישט געוואוסט. ער האָט שטאַרק געצווייפלט צי אַפילו גבירים אַדירים אָדער דער קייסער אַליין, פאַרמאָגט אַ סך פון דעם מין... זיי מעגן זיך, זאָגט ער, פאַרמאָגן פיל נכסים, אָבער ווי קומט דאָס צו אַ מזומן קערבל ?...

דער באַרדיי, אין וועלכן שושע־יאַנקל האָט מ׳שטיינס געזאָגט געוואוינט, איז געווען אַזוי נידעריק ווי צוזאַמענגעוואָקסן מיט דער ערד. ווינטער־צייט, אין די ביטערע קרירות און גרויסע שנייען, ווען דאָס גאַנצע שטעטל איז געווען פאַרצויגן מיט אַ ווייסן פאַרפרוירענעם ליילעך, איז אָנשטאָט דעם באַרדיי, האָט זיך בלויז דאָס שוואַרצע קוימענדל אַרויס־געזען. דאָס סטרונעלע רויך פון אַ פאָר מאָגערע שטרוי, איז געווען אַן אָנזאָג, אַז דאָס לעצטע ביסעלע הייצונג ברענט אויס, און ווי אַזוי וועט ער מנצח זיין די עסעדיקע קעלט!... באַלד נאָך פורים, האָט צוזאַמען מיטן

שניי ,אויך דער באָרדיי איינגעשרומפּן און צעגאַנגען. דעם נשאר האָבן די ברויזנדע כוואַליעס פון צעווילדעוועטן טייך פאַרפּלייצט און אויסגע־לעקט די ליים ביז אין די ביינער, בלויז אַ הילצערנער סקעלעט איז פאַרבליבן.

זומער האָט קהל אים ווידער באַקליידט מיט פרישער ליים, אָפּגע־שמירט אין טונקל־ברוינעם קאָליר, און שושע־יאַנקל האָט זיך ווידער געזעצט צום וואַרשטאַט פאַרדינען אַ פּאָר גראָשן. דער ליימענער דאַך האָט געשפּראָצט מאָגערע שפּילקע־בודיגעס (דערנער), וועלכע האָבן זיך קוים דורכגעריסן צווישן אַ נעץ פון קאַלאַטשקעס (בעכער־בלעטלעך), און אויס־געשטרעקט רחמנות׳דיקע דינע העלדזלעך צו די וואַרעמע שטראַלן פון דער צעפּלאַמטער זון.

שמידעריי, שטעלמעכעריי און באָנדעריי

פונקט ווי פון די פאַרשידענע קראָמען, האָט זיך די שניט־קראָם אָפּגעזונדערט אין אַן אייגן געסל, אַזוי האָט זיך צווישן די פאַרשידענע מלאכות, שמידעריי קאָנצענטרירט אין איין פּלאַץ, באַרג־אַראָפּ דעם שטיינערנעם וועג, אַזש צום בית המרחץ אויפן ברעג פון בוג.

צו שמידעריי מוזן מיר אויך באַהעפטן באָנדעריי און שטעלמעכעריי. אַלע דריי מלאכות האָבן זיך געפּלאָנטערט איינער דעם צווייטן צווישן די פּיס, און זיך אָנגעזעצט איינער דעם צווייטן אויפן האַלדז אָן שום סדר, ווי מצרישע פּיראַמידן. פון אַלע שטעלמעכער און באָנדערס, האָבן זיך איינגע־קריצט אין מיין זכרון: דוד, זיידע, אַהרן און בעני. זיי האָבן געבויט זייערע וואוינונגען אין שכנות מיט פאָלגנדע שמידן: משה, יאַנקל, נאָסי און לייב.

עס איז געווען אַ בעסערער קלאַס שמידן, וועלכע האָבן זיך אויסגע־צייכנט אין זייער פאַך: איצי, מענדל און טרייטל. זיי האָבן געבויט זייערע קוזניעס אויפן ברייטן קריוואָזערער שליאַך.

איצי האָט אויך געגעבן זיינע קינדער א פיינע דערציאונג, אין ליכט פון אידישן גייסט און טראַדיציע.

נאָסי קאָוואַל האָט זיך מיט זיין אייגענער פּראָפעסיע נישט באַנוגנט. אַ פאַרהוילענע קראַפט האָט אים געשטופּט צו כאַפּן אַ גרינג קערבל. דערפאַר פלעגן די פערד־שטאַלן אין שטעטל זיין שטאַרק פאַרזיגלט אויף זיבן שלעסער...

בלעכער

היות דאָס רוב דעכער און דעכלעך, אין מיין שטעטל, זיינען געווען געדעקט מיט שטרוי אָדער ליים, האָט פון בלעכעריי בלויז איין איד, אַלתר מיכל־בעקערס, געצויגן זיין פרנסה און טאַקע ברעווח. און היות אַ בלעכענער דאַך האָט שוין געהערט צו אַ מין לוקסוס שלא כל איד זוכה, איז שוין פאַרענטפערט, פאַרוואָס מען האָט אלתרן דערלויבט צו בויען זיין מאַסטערסקאַיאַ אין סאַמע מאַרק, מיטן פּנים צו חנא אָורעך און מיטן — צו ישראל נאמן.

מיט „עמך" האָט זיך אַלתר נישט געוואָלט מישן, ער האָט געהאַלטן זיין פאַך אויף אַ גאַר העכערע מדרגה — אויפן דאַך... עס איז אַלתרן אָוועק אַזוי גוט, אַז ער האָט זיך שוין געוואַגט צו טראַכטן וועגן קויפן אַ שטאָט אין דער נייער קלויז, און דוקא אין מזרח, נעבן משה גראַנאָווסקי...

פאַרבערייַ

מיט פאַרבעריי האָבן זיך באַשעפטיקט אַ צאָל אידן, פון וועלכע איך געדענק: שלמה פאַרבער ,יאָסל איצי קיילעס, קלמן, שרה דער ריבעטשקעס, אָשר און לוי. זיי פלעגן פאַרבן שעפּסענע פעלעכלעך פאַר פעלצן, געוועבטע טעפּיכער, פויערישע בלוזקעס און קורטקעס. אייניקע האָבן אַפילו פאַרמאָגט מאַשינען צום באַרשטן וואָל. דאָנערשטיק, דער טאָג פון יאַריד פלעגן די פאַרבערס אַרויסהענגען גאַנצע פּעק מיט פאַרשידענעם רעגנבויגן־קאָליר פון ביינוול און וואָל.

גלעזעריי

מיט גלעזעריי האָט זיך פאַרנומען בלויז שליאָמע דוד־בערס. נישט דערפאַר, ווייל ער האָט קיינעם נישט צוגעלאָזט צום פסוק, נאָר פאַרקערט, ווייל אַפילו פאַר אים אַליין האָט נעבעך נישט געקלעקט. ווען נישט דאָס זייטיקע שטיקל קהל׳שע שטעלע פון בעל־שחרית אין דער נייער קלויז, אָסור צי עס וואָלט מספיק געווען.

וואָס, מ׳שטיינס געזאָגט, האָט שליאָמע געקאָנט פון שטעטל דער־וואַרטן? ווען אַ פאַרשאַרט אינגל האָט שוין יאָ אַמאָל אַריינגעוואָרפן אַ שטיין אָדער אַ פילקע אין אַ שכנס פענצטער, איז אָנשטאָט אַריינשטעלן אַ נייע טאָפליע (גלאָז), איז דאָס גאָר פאַרשטעקט געוואָרן מיט אַ קישן, אַ שטיקל בלעך אָדער גאָר אַ ברעטל... פלעגט שליאָמקע טאַקע נעבעך אַ גאַנצע וואָך זיך אַרומשלעפּן איבער די אַרומיקע דערפער, און קומען צוריק פרייטיק אַ פאַרמאַטערטער צו קבלת־שבת.

שליאָמע האָט זיך קיין מאָל נישט פאַרקלאָגט אויף זיין מערכה. ער איז געווען אַן ערלעכער, פרומער איד און אַ מסתפק במועט. זיין חיה האָט זיך אַפילו יאָ געבייזערט, נישט געקאָנט פאַרשטיין דעם שוכן במרומים, און אויסגעלאָזט צום מאַן: „ס׳טייטש, שליאָמע? ביסט עפּעס אַ טאַטע? צוויי טעכטער, שוין ווערט די חופה־שטאַנגען!...

שליאָמע האָט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ, און די צעשויבערטע באָרד ביסלעכווייז אַריינגעשטופּט אין צעכראַסטעטן בוזעם פון צעריסענעם פעלץ, וואָס איז געווען אַרומגעגאַרטלט מיט אַ דין צוקער־שטריקל, אַ כאַפּ געטאָן דעם קאַסטן גלאָז אויף זיינע מידע פּלייצעס, און מיט אַ טיפן קרעכץ זיך אָוועקגעלאָזט אויף דעם ווייסן שניי־באַדעקטן פעלד צו די אַרומיקע דערפער.

שערערס

צוויי שערערס האָבן געשוירן און געגאָלט מיין שטעטל: הערשל און שמואל יעקב־יאָסיס. דער ערשטער איז געווען דער אַריסטאָקראַטיש־בעל־הבתישער. דער צווייטער, דער פּראָלעטאַרישער אָדער עמך׳שער.

אין סאַמע צענטער פון מאַרק, האָט אויף אַ פאַרזשאַווערטן סוואָראָן (הענג־פלאָקן), געהאָנגען אַן אָפּגעריבענע שילד, אויף וועלכער ס'איז געווען אויסגעמאָלט אַ בילד פון אַ האַלב־אָפּגעשוירענער פיגור, זיצנדיק אין אַ שטול, און איבער אים איז געשטאַנען דער שערער אַזוי צירלעך־מאַנירלעך, מיט אַ שערל און קעמל אין זיינע בייסיקע פינגער. פון צופיל ווינטן און רעגן, האָט איין אויג ביים שערער אויף דער שילד אויסגערונען, און צעדרייט די בוכשטאַבן פון פאַריקמאַכעריי.

צו הערשל שערער פלעגן זיך צוזאַמענקומען פיל יונגעלייט פון שטעטל, שמועסן וועגן שווערע מלחמות, וואָס רוקן זיך אָן אויף דער וועלט בכלל, און אויף כל ישראל בפרט.

אָט אָט און בייליס בלוט־בלבול איז שוין אויף דער שוועל פון משפט. אַ שוואַרצער וואָלקן רוקט זיך אָן. זאָל מען חלילה פאַרשפּילן, איז דאָס גאַנצע אידישע פאָלק אויסגעשטעלט צו פאַרטיליקונג און אונטערגאַנג.

כאָטש ביי הערשל שערער, פאַרזיכערן אידן, און לייגן איין וועלטן, אַז מיט אַזאַ שאַרפן מוח ווי אונדזער מאָסקווער רב מזאה, און דורך אַזאַ געשליפן צינגעלע ווי קאַראַבטשעווסקי, איז אוממעגלעך צו פאַרלירן. פונדעסטוועגן גייען אידן אַרום מיט אַרונטערגעבויגענע קעפּ...

ערשט נאָר וואָס זיך באַפרייט פון אַזאַ שווערן קאָשמאַר — די רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה. מיין שטעטל האָט פאַרזיכטיק נאָכגעפאָלגט דעם גאַנצן סטראַטעגישן גאַנג פון מלחמה, באַטראַכט די תכסיסי־מלחמה, דערשפּירט די שוואַכקייטן פון פּאָניעס זעלנער.

מיין שטעטל האָט אויך מיטגעמאַכט דעם גאַנצן גרויל, און נאָכגע־פאָלגט די אַרמייען אויף די שלאַכטפעלדער אַזש ביז פּאָרט אַרטור.

דאָרט, ביי הערשל שערער האָט מען געשריבן די שלום־באַדינגונגען. עס רעדט זיך בלויז גלאַט אַזוי, נישט מיר און נישט דיר און געשריבן? עפּעס זיינען מיר דאָך אַן עם קשה־עורף, האָט איינער דעם צווייטן נישט נאָכגעגעבן און זיך איינגעשפּאַרט אויף יעדן פּונקט: — „זיי אַ גוטער און גיב אַוועק גאַנצע שטיקער טעריטאָריע. און אַז ס'איז ערגעץ ווייט אין סיביר איז וואָס?" עס זיינען אָנגעגאַנגען רייבונגען און קאָנפליקטן צווישן מיינע אידן, ביז מען איז מיט מזל געקומען צו אַן אויסגלייך.

ביי שמואל יעקב־יאָסיס איז גאָר אַן אַנדערע וועלט — אַן אַנדער געדאַנקענגאַנג. דאָרט זיצן „„זייעריקע" פון „עמך" געמישט מיט „זיי" — שליאַכטשיצעס און מען שאַרפט זיך די מוחות ווי אָפּצוטרייסלען פון זיך דעם שטויב פון דער אַלטער קאָרומפּירטער וועלט, און בויען אַ וועלט פון יושר, אין וועלכער דער פאַרשקלאַפטער זאָל אויך מעגן אויפהייבן אַ קאָפּ...

דאָס אידישע פאָלק איז פון קנאַפּע וויכטיקייט, זייער אויפגאַבע איז צו באַפרייען דווקא די גאַנצע וועלט, און דער איינציקער אויסוועג איז לכתחילה אָפּצורוימען דאָס "פּאָטערל" פון וועג...

נאָך מער צוציאונגס־קראַפט האָט צוגעגעבן הערשל שערערס צירולניע, חיים־לייזער דער זייגערמאַכער, וועמען הערשל האָט אָפּגעגעבן אַ פענצטער פאַר זיין וואַרשטאַט, אויף וועלכן עס איז געווען אָנגעוואָרפן אָן שום אָרדענונג טויזנטער רעדעלעך, רינגעלעך, שרייפעלעך און געפּלאַצטע האָר פון צעבראָכענע זייגערלעך.

בשעת אידן האָבן זיך געאַמפּערט מעניני דיומא, אָדער גאָר זיך געפּלפּולט וועגן אַ קוצו של יוד, האָט זיך לכתחילה אויסגעדאַכט, אַז חיים־לייזערן גייען די אַלע דיסקוסיעס אָן ווי דער פאַראַיאָריקער שניי, ווייל תמיד האָט איר אים געפונען אַריינגעטאָן אין דעם שפּאַקטיוועלע (פאַרגרע־סער־גלאָז), דורך וועלכן ער האָט געקאָנט בודק זיין די געדערים־מעכאַניזם פון קראַנקן זייגערל. אָבער ווי דערשטוינט מען איז געבליבן, ווען גאָר פלוצים האָט פון קליינעם שפּאַקטיוועלע אַ שטיק אויג אַרויסגעקוקט, און אַ קול האָט אַרויסגעברומט אויך זיין מיינונג, אין דער אָדער יענער אָנגע־לעגנהייט. און גראָד מיט חיים־לייזערס מיינונג האָט מען זיך געמוזט רעכע־נען, ווייל ער איז דאָך אַ וועלטס־מענטש...

היות קיין סך אַרבעט איז פאַר חיים־לייזערן אין האָלאָסקאָוו נישט געווען, פלעגט ער זיך פון צייט צו צייט אַראָפּכאַפּן.

אין מיין שטעטל איז כמעט יעדער איד געווען אַ יודע שעה. מען האָט נאָר באַדאַרפט נאָכפאָלגן דעם שאָטן אָדער גאָר פאַרקנייטשן דעם שטערן, זיך אָנשפּאַרן אויפן שטעקן, און כאַפּן אַ קוק אויף דער זון גלייך אין איר אש־להבה׳דיקן פּנים, און דער סוד פון צייט איז נתגלה געוואָרן. פאַרלוירן

האָט זיך מיין שטעטל דערפילט בלויז אין די אָנגעכמורעטע וויינענדיקע האַרבסט־טעג, ווען די זון האָט זיך באַהאַלטן הינטער געדיכטע, אויפגעשוואָלענע וואָלקנס.

פאַר דער צייט פון חיים־לייזערס אָפּוועזנהייט, זיינען אַ פּאָר דרשה־געשאַנק־זייגערלעך ביי יונגעלייט קאַליע געוואָרן, אָדער ערגעץ וואו האָט זיך אַן אומרו אויף אַ וואַנט־זייגער צוגעפּוילט און פאַרלוירן די פּינקט־לעכקייט. חיים לייזער איז געווען אַזוי בקי אין זיין פאַך, אַז ער האָט שוין אַפילו געוואוסט פאַראויס ווען דער אָדער יענער וואַנט־זייגער איז פאַר־משפּט אויסצואָטעמען דעם לעצטן אָטעם. מערקווירדיק! ער האָט אַזעלכעס באַשיינפּערלעך געזען און אויסגערעכנט, אַז ס׳זאָל דוקא פּאַסירן אין דער צייט פון זיין קומען צוריק אין שטעטל...

דאָס ווערשערל

געווען איז דאָס זומער־צייט אין גרויסן פאַרטאָג, ווען דער באַרג איז נאָך געווען פריש אויסגע׳טובל׳ט אין פּערלדיקן טוי און ווען אידן טרייבן זייערע ציגן און בהמות זיך פּאַשען, האָט זיך צו די קלייטן פון מאַרק געטוליעט אַ קליין מענטשעלע, צו יעדער זאַך האָט „דאָס" זיך צוגעקוקט מיט קורצזיכטיקע אייגעלעך, אַלעס באַטראַכט און באַוואונדערט ווי אַ מרגל.

די נייעס, אַז אין שטעטל איז געקומען אַ קליין מענטשעלע, האָט זיך ווי אַן עלעקטרישער שטראָם צעטראָגן איבערן גאַנצן שטעטל. אידן זיינען אַרויס אין מאַרק אָפּגעבן דעם פרעמדן „שלום־עליכם", אים מקרב זיין, און זיך טאַקע גלייך דערוואוסט, אַז ער קומט מיט ווייב און קינד אַזש פו דער ליטע, און האָט בדעה זיך דאָ צו באַזעצן. זיין פאַך איז ווערשריי, אָבער נישט קיין פּראָסטע געוועש ווי די פּראָקאָפּעכע אָדער סידירעכע, נאָר וואַשן איידעלע זאַנאַווועסן (פאָרהאַנגען), רולעטן און דעליקאַטע אונטערוועש מיט קרוזשעווען (געהעפטע שפּיצן).

זיין ריכטיקן נאָמען האָט קיינער נישט געוואוסט. עס איז געווען געגוג צו זאָגן „דאָס ווערשערל".

אויסגעבויט האָט ער זיך אַ באַרדיי הינטערן שטעטל אויפן וועג צום

בית־הקברות, וואו די טשערעדע לאָזט זיך אַרונטער פון סטעפּ. לכתחילה האָט „דאָס וועשערל" געליטן אַ שלעכטן אָפּשניט, וואָס האָט אים שיעור געמאַכט פאַר אַ וויסטער קאַליקע.

אויסהענגענדיק אַנומלטן דאָס געוועש פון רייכע בעלי־הבתטעס, צווישן וועלכע עס האָט זיך אויך געפונען אַ פּאָר צונטער־רויטע שטיקער געוואַנט, האָט פונוויטנס געררייצט דעם שטאָט־בוהאַי'ס אויפמערקזאַמקייט, און טאַקע כהרף עין איז דאָס גאַנצע געוועש געלעגן צעריסן און צעפּיצלט, איינגע־שמירט אין דער פייכטער ערד ווי נאָך אַ חורבן. דער בוהאַי האָט געגומען „דאָס וועשערל" אויף זיינע שפּיציקע הערנער און דער סוף איז געווען, אַז דאָס אָרעמע וועשערל, אַ פאַרבאַנדאַזשירטער און אַ צע'ממית'טער איז פון אַן עדה אידן אָפּגעפירט געוואָרן אין בית־המדרש אַריין גומל בענטשן...

משה'לע צוקערניק

האַלאָסקאָוו האָט אויך פאַרמאָגט אַן אייגענעם צוקערניק, וועלכער פלעגט מאַכן פאַרשידענע מאַנפעסיע (צוקערקעס), געפּופּטשיקטע און גלאַטע, האַרטע און געפילטע מיט וואַרעניע (איינגעמאַכטס). פורים־צייט, צוליב משלוח־מנות, פלעגט ער פון זידיקער פליסיקייט און פון זיסער קלעפּיקייט אויסגיסן צוקערלעך אין געשטאַלט פון פאַרשידענע חיות, בהמות און עופות, ווי אויך קישעלעך קאָלירטע מיט פילפאַרביקע שטריי־פעלעך. געהייסן האָט ער משה'לע, גרויס ווי אַ געניץ און גערופן האָט מען אים „דאָס צוקערניקל". דאָס אַליין איז שוין מעיד, אַז ער איז נישט געווען קיין עוג מלך הבשן אָדער גוג ומגוג, נאָר טאַקע גרויס ווי אַ צוקערקע — אַ שרויטעלע. זיינע שטענדיק שמייכלדיקע אויגן האָבן אַרויסגעקוואָלן פון זיינע געדיכטע ברעמען ווי צוויי פּייערלעך פון אַ געדיכטן וואַלד. זיין געלבלעכע שווערע באָרד האָט דערגרייכט ביזן נאָפּל, און זיך געפּלאָנטערט ווי אַ שווער געוויכט צווישן זיינע קורצע אינגלשע פיס.

אַ פאַרשלעפּטע קרענק געוועזן משה'לע. ער האָט פאַרמאָגט אַ חוש פון טיפן הומאָר, ער איז געווען אַ בריה אַריינצוזאָגן עמיצן, אַז ס'פלעגט דערגרייכן אָזש ביז אין דער זיבעטער ריפּ. מיר חברה פלעגן שטאַרק הנאה

האָבן פון זיין „באַזעצן אַ כלה״ מיטן טיף־טרויעריקן און סאַטירישן ניגון, אימיטירן אייניקע נגידים, און איבערהויפּט, ווען ער פלעגט זיך נאָכקרומען קאָסי שמש, ווען ער וועקט דאָס שטעטל צו סליחות, צו עבודת הבורא, און בכלל פלעגן מיר זיך האַלטן פאַר די זייטן פון זיינע פּיפּיקע ווערטלעך.

דערפאַר האָט אים דער רבונו של עולם מזכה געווען מיט אַ הויכער, דיקלעכער אידענע, באַשפּרענקלט מיט אַ רעשעטע קלייען אויף איר צעצויגענעם פּנים. אַז זי פלעגט זיך אויף אים אָנבייזערן ,און נישט מיט איר קול אויסשרייען: מ־ש־ה־ל־ע!! פלעגט ער זיך טאַקע ווי אַ שרויטעלע דורכשאַרן דורך איר שמוציקער שירץ און זיך ראַטעווען אין צווייטן חדר ווי אַ נישט דערוואַקסן אינגל.

אייזיק טעפּער

אַז מיין שטעטל האָט אויך פאַרמאָגט אַן אייגענעם טעפּער, האָט מען געקאָנט באַמערקן דאָנערשטיק אויפן יאַריד, ווען אייזיק פלעגט זיך רחבות׳־דיק צעשפּרייטן איבער דעם גאַנצן פאַרנט פון זיין הויז מיט ערדענע כלים מכל המינים: טיפּע און נאָך טיפּערע, פלאַכע און נאָך פלאַכערע, רונדע, פּירעקיקע און געקווייטלטע.

אייזיק טעפּער האָט זיך ביים שטעטל איינגעקויפט אַ צונאָמען, צוגע־פּאַסט לויט זיינע אויסטערלישע דרכים. זיינע קליינע טונקל־ברוינע אייגע־לעך ווי צוויי פינטעלעך קוועקזילבער האָבן זיך אומרואיק, מלא חימה׳דיק געטוליעט צו די געקנייטשטע דעקלעך פון זיינע צעשויבערטע ברעמען. זיין געקרייזלטע באָרד איז שטענדיק געווען אַן אויסגעצוואָגענע, אַ פייכטע, ווי ער וואָלט תמיד געלאָשן אַן אייביק בייסעניש.

און כאָטש ער איז געווען אַ מטופל מיט זעקס קינדער, — אַ בת יחידה און פינף זכרים, — איז בלויז זיין בן־זקונים, יאַנקל, אים געקומען צוהילף אין זיין טעפּעריי. די איבעריקע זין האָבן פאַרמאָגט שאַרפע קעפּ און זיך אַליין דערגנערט, אָנהויבנדיק פון חומש מיט רש״י אַזש ביז זוהר און קבלה. זיי זיינען אפילו אויך געווען באַהאַוונט אין וועלטלעכע לימודים. נאָך פון קליינערהייט אָן האָבן זיי פאַרלאָזט דעם טאַטנס טיש, אַוועק אין מרחקים,

געלערנט אין פאַרשידענע ישיבות, געגעסן „טעג" ביז זיי זיינען געקומען אַ היים גרויסע למדנים.

פון די פינף זין האָט זיך יהודה־לייב אויסגעצייכנט מיט זיין סאָציאַלע דערנעענטערונג און פריינדלעכקייט צו יעדן איינעם. אַלע חברים האָבן אים ליב באַקומען פאַר זיינע גרויסע פעאיקייטן אין אידישע ווי אויך וועלטלעכע לימודים און אין שפראַכן. ער האָט דערגרייכט צו דער שטופע פון אַ לערער פאַר דערוואַקסענע. אָבער אים וועל איך ווידמענען אַ באַזונ־דער קאַפּיטל.

בעלי־עגלות

אויבנאויף האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די צאָל פון בעלי־עגלות אין מיין שטעטל איז די ויותר, אָבער אין תוך גענומען, זיינען איינגעפונדעוועטע געווען בלויז דריי, לויט די צאָל פון די דריי שכנישע שטעט, מיט וועלכע מיין שטעטל איז געווען אַרומגערינגלט און ענג פאַרבונדן עקאָנאָמיש, סאָציאַל און קולטורעל.

פון מערב־זייט מיט קריוואָזער, פון דרום־זייט מיט באַהאָפּאָליע, פון צפון־זייט מיט גאָלאָוואַניעווסק און פון מזרח־זייט בלייבט מיין שטעטל אַן אָפּגעצוימטע, — חוץ דער שמאָל־באַוואַקסענער סטעזשקע, וואָס פירט צו דער בוינע, בית־הקברות און צו איניקע פריצים, ווי: בעלסקי, טשאַרטאָ־ריסקי, צורקאַן און קאַפּעריאַן. אייגנטלעך איז האָלאָסקאָוו געווען אַרומגע־רינגלט פון פיר שטעט. סאַווראַן, וואָס האָט שטענדיק געדרימלט און גע׳חלומ׳ט. עפּעס אַן אַ פּאַרוואָס, האָט מיין שטעטל איבערגעשניטן די שכנה׳שאַפט, און נישט געהאַט קיין שום מגע ומשא מיט סאַווראַן אַחוץ, וואָס איינמאָל אין אַ יובל האָט אַ גלידשוועסטערקינד אָדער סתם אַ ווייטער קרוב פון זיידנס אָדער באָבעס צד, זיך אַראָפּגעכאַפּט קיין האָלאָסקאָוו צו גאַסט.

עקאָנאָמיש און סאָציאַל האָט סאַווראַן לחלוטין נישט עקזיסטירט פאַר מיין שטעטל, אָבער אויפן קולטורעלן געביט האָט סאַווראַן געצויגן איר־

יניקה פון האָלאָסקאָוו, וואָס איז טאַקע געווען דריי מאָל קלענער אין קוואַנ־טיטעט, אָבער דריי מאָל גרעסער אין קוואַליטעט.

הגם קיין פאַראיין פון בעלי־עגלות האָט ביי אונז נישט עקזיסטירט, פונדעסטוועגן האָבן זיי צווישן זיך אָפּגעהיט אַ פאַרשפּראָכענעם אָפּמאַך: נישט פאַרלויפן דעם וועג איינער דעם צווייטן.

קיין באָהאָפּאָליע האָט אונז געפירט שמואל קאַראָל מיט זיינע בנים: מאיר, טעוועלע און בענדיק. קיין קריוואָזער — אהרן גאָרמאַך מיט זיינע בנים: יאַנקל, נאָסי און וועלוול. און קיין גאָלאָוואַניעווסק — אלתר מיט זיין אברהם און עליקן. אַחוץ ווען אַ האָלאָסקאָווער סוחר אָדער קרעמער האָט עפּעס וויכטיקס באַדאַרפט איבערגעבן, ווי למשל, אויסקויפן אַ וועק־סעלע אָדער שיקן מזומנים, האָט דאָס פאַרטרויט בלויז בערל גאָדיס און זיין מאָטיען.

עס איז כדאי צו דערמאָנען, אַז אויף יאַרידים פלעגן שניט־קרעמער און טאַנדייטניקעס דינגען גויישע פורן. אויב בעלי־עגלות האָבן געהאַט צווישן זיך אַ סכסוך, איז דאָס אויסגעגאַנגען צום קאָפּ פון דער שטומער באַשעפעניש — דאָס פערד, וועלכן מען פלעגט דעם צווייטן טאָג געפונען ביי דעם אָדער יענעם בעל־עגלה אין דער סטאַיניע (שטאַל) אַן אויסגע־צויגענעם מיט אַ געשוואָלענעם בויך און מיט צוויי אויסגעגלאָצטע אומ־שולדיקע אויגן, ווי זיי וואָלטן געטענהט: — וואָס האָט איר געהאַט צו מיר?... אַזאַ בלוטיק שפּיצל האָט דעם בעל־עגלה וויי געטאָן עד הנפש...

וואַסער־פירער און וואַסער־טרעגער

פּייוול וואַסער־פירער

קודם כל וויל איך אייך דערקלערן דעם חילוק צווישן וואַסער־פירער און וואַסער־טרעגער. אַ וואַסער־פירער האָט פאַרמאָגט אַ טאַליגע (אַ פעסל צוגעפעסטיקט צו צוויי רעדלעך) צו וועלכן עס איז געווען איינגעשפּאַנט אַ בלינד אויסגעמאַגערט פערדל, מיט אַ צעריבענער פעל און מיט אַ האַלב אויסגעקראַכענעם עק.

דער וואַסער־פירער פלעגט אָנפילן די טאַליגע מיט וואַסער פונעם טייך בוג, און עמערווייז דאָס צעפירן און אויסמעסטן צווישן די שטיבלעך.

אַ וואַסער־טרעגער פלעגט אָנפילן צוויי עמער וואַסער פון אַ קרענעצע און אויף אַ קאַראָמיסלע, אויף זיינע מידע פּלייצעס, דאָס צעטראָגן צו די בעלי־בתים.

פון די וואַסער־פירער געדענק איך צוויי: פּייוול און מאָטע דער עלי־לייבעכעס, און בלויז איין וואַסער־טרעגער: ישראל דער צעדרייטער.

אַלע דריי זיינען געווען גייסטיק צעשרויפט....

פּייוול וואַסער־פירער, נישט קוקנדיק אויף זיין הויכער עלטער, איז נאָך געווען גאַנץ זשוואַווע, מוטיק און שטאַרק. זיין האַניק־קאַליר שיטער באַוואַקסן בערדל, האָט באַהאַלטן די עטוואָס גרויע האָר און אים פאַריונגערט אויף עטלעכע היפּשע יאָר.

מיר חברים האָבן געהאַט אַ גוואַלדיקע הנאה זיך מיט אים צו פאַר־טשעפען. און איינמאָל בין מנחה למעריב, אין אַ האַרבסט־קויטיקן פאַרנאַכט, האָבן מיר זיך אָנגעזעצט אויף אים:

— ר׳ פּייוול, ווי אַלט זענט איר, געוויס שוין קרוב צו די שבעים, האַ?

האָט דער וואַסער־פירער פאַרגלאָצט זיינע קאַלאָמוטנע אויגן, זיך בענקנדיק פאַרקלערט, און אַ רייב געטאָן זיין געאַקערטן שטערן, ווי ער וואָלט געוואָלט אָפּטרייבן דעם שר השכחה...

אַ זיפץ האָט זיך געשטופּט צו אים אין האַלדז אַריין. פּייוול האָט אַריינגעכאַפּט אַ שפּיץ פון זיין שיטער בערדל צווישן זיינע גראָבע ליפּן, האַסטיק געאָטעמט, געציילט און גע׳חשבונ׳ט עפּעס אויף די פינגער, און פּלוצים אַרויסגעברומט ווי פון אַ טאָליגע.

— שבעים, יאָק שבעים, זיבציק אוודאי...

ווען פּייוול האָט פון אַ גראָשן צו אַ גראָשן צוזאַמענגעקליבן 25 רובל, האָט ער זיך אָנגעהויבן צו זאָרגן און זיך געמאַטערט אין שלאָפלאָזע נעכט:

— ווי אַזוי קאָן מען האַלטן ביי זיך קיין עין הרע אַזאַ אפּותיקא? זיין ריקל וואַקסט ווי אויף הייוון, די יאָרן לויפן, צייט שוין זיך צו פאַרטראַכטן וועגן אַ שידוך פאַר איר. האָט ער די 25 רובל איינגעקנופּט אין אַ שמאַטע, געבראַכט צו ר׳ מאָטל פּייוועלעס, און אַ זאָג געטאָן, שלינגענדיק קליינע זיפצעלעך, בזה הלשון:

— ר׳ מאָטל, דאָ האָט איר 25 רובל, שווער פאַרהאָרעוועט געלט. האַלט דאָס פאַר מיר. איר קאָנט אַפילו טאָן מסחר מיט דעם, און פאַר דער עיסקא וועל איך אייך פירן וואַסער ווי לאַנג ס׳איז מיר אָנגעצייכנט צו לעבן...

מאָטע דער עלי־לייבעכעס

מאָטע האָט געהאַט אַ גלאַט־אינגלש פּנים. הגם ער האָט שוין אָפּגעציילט העכער דריי צענדליק יאָר, האָט אַפילו קיין סימן פון קיין האָר נישט געשפּראָצט אויף זיין בלייך אויסגעצערטן פּנים. חוץ זיין שטאַמלען, פלעגן די ווערטער אַרויסקומען אָפּגעהאַקטע, נישט דערגענצטע און מיט אַ מאָדנע קוויטשיקל.

דער איינציקער, פאַרוועמען מאָטע פלעגט אויסגיסן זיין האַרץ, איז געווען זיין קליאַטשע — די אָרעמע שטומע באַשעפעניש.

העט ווייט, אַזש אַקעגן בית־הקברות, דאָרט וואו דער בוג איז פלאַך און פלאַטשיק, פלעגט מאָטע אַריינפאָרן מיט זיין טאָליגע ביז אַ העלפט פון די רעדער, און אָנפילן די טאָליגע מיט וואַסער. עס האָט אָבער געטראָפן, ווען נאָך אַ גאָס־רעגן איז דער וועג געווען אַ בלאָטיקער, אַ קלע־

פיקער, און דער צער־בעלי־חיים האָט סאַפּנדיק ווי אַ פּאַראַוויק, חנניה׳ס באַרג נישט געקאָנט אַרויפּציען. פלעגט זיך מאָטשע קיין מאָל נישט באַנוצן מיט דער בייטש, נאָר אַפּעלירן צום פערד ווי צו זיינס גלייכן. ער פלעגט זיך אָוועקשטעלן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און גלעטנדיק דעם פערדס אָדער־דיקן האַלדז, זיך געבעטן מיט רחמים: — „נאָך אַ ביסעלע! נאָך אַ קאַפּעטשקעלע! דער האַנט־פּאַס אין בית־המדרש איז טרוקן, און אידן וועלן דאָך באַלד קומען דאַוונען מנחה״... דאָס פערד פלעגט פאַרקאַטשען די אויבערשטע שוואַרצע ליפּ, צוויי קרומע שורות מיט פוילע ציין־לאָפּעטעס, האָבן זיך אַנטבלויזט, אַרויסלאָזנדיק אַ פאַרכריפּעטן הירזש פּ־ר־ר־ר!! אַלס סימן, אַז ער האָט פאַרנומען זיין בעל־הבית׳ס בקשה, און מיט שווערע טריט געטיאָפּקעט ווייטער...

קיין זאַך פלעגט מאָטען אַזוי נישט אויפברויזן און דערצערנען, ווי ווען אידישע שקצים פלעגן זיך שטילערהייט פאַר׳גנב׳נען און אַרויסציען דעם צאַפּן פון פאַס. אַנשטאָט צו פאַרהאַמעווען דעם שטראָם און פאַרהאַקן דעם גרויסן פאַרלוסט פון וואַסער, פלעגט ער זיך גאָר נאָכיאָגן נאָך זיי, פאָכען מיט דער בייטש, און מיט באַנומענע קולות זיך צעוויינען ווי אַ קליין קינד.

ישראל וואַסער־טרעגער

אַן אַלטער בחור, קרוב צו פערציק, און קנאַפּער בר־דעת. זיין באַוואַקסן פּנים איז געווען אַזוי געדיכט, אַז ס׳איז געווען שווער אָפּצו־טיילן די געלאָקטע שוואַרצע פאות פונעם בערדל. זיינע שוואַרץ־ברענענ־דיקע אויגן, אָנגעגאָסן מיט אַנגערייצטער תאווה־גלוסטעניש, האָבן אויס־געדריקט דעם שטענדיקן באַגער פון „חשקה נפשי באשה״.

ישראל פלעגט זיך שפּיזן לויט זיין אייגנאַרטיקער לאָגיק, ווי, למשל: ווען זיינע אַקסלען האָבן זיך געבויגן הינטער דער משא פון צוויי שווערע עמער וואַסער, איז אויב ס׳איז געווען נאָענט צו דער קרענעצע פלעגט ער בעטן צוויי קאָפּיקעס, און אויב ער האָט באַדאַרפט טראָגן וואַסער וויט אַזש צום באַרג, פלעגט ער בעטן בלויז איין קאָפּיקע.

— היתכן, ישראל? ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך, אַז צו אַ ווייטן בעל־הבית פּאָדערסטו ווייניקער ווי צו אַ נאָענטן?

ישראלס אויגן האָבן זיך ברייט פאַנאַנדערגעעפנט, זיין פּנים האָט אויפגעפלאַמט, און מיט אַ סאַרקאַסטיש דריבנע געלעכטערל געענטפערט, ווי ער וואָלט אָפּגעשפּעט, פאַרוואָס מענטשן האָבן אַזאַ שמאָלן פאַרשטאַנד:

— אַ חכמה! אַז ס'איז ווייט קאָן איך זיך אָפּרוען!...

מלמדים

איר פרעגט, פאַרוואָס איך בין די לעצטע צייט אַזוי פאַר׳דמיונ׳ט, פרעגט איר? גאַנץ פשוט, איך טראַכט וועגן די אַמאָליקע חדר־יאָרן, טראַכט איך. איך פיל איצט ווי זיך איבערגעבן אין די הענט פון דער זיס־טרויעריקער, גלאָררייכער פאַרגאַנגענהייט, און וואַרפן אַ בליק אויף צוריק...

הגם, מיר האָבן זיך שוין אויסגעליידיקט פון די שטורמישע חדר־יאָרן, זיינען דאָך נאָך פאַרבליבן צווישן די קופּקעלעך אַש פונקען, וועלכע האָבן געטליעט און איצט אויפגעפלאַקערט אין אַן אש־להבה.

וואָס האָט געמיינט אַ חדר?

פיר קרומע, כורעים־ומשתחוים׳דיקע ווענט, אַ טיש אַ קאַליקע, אַן אומגעלומפּערטער, מיט אַ שווערן דעמבענעם צודעק, אויף וועלכן עס איז אָנגעוואָרפן אַ באַרג מיט פאַרגעלבטע שמות און פון וועלכן עס טראָגט זיך אַ געמישטער ריח פון פאַרשיידענע וואַרעמעסן, ווי: כאַלווע, טולקעס, הערינג, אַ שטיקל קאַדע, צוויי רעפּטלעך ברויט, באַשמירט מיט געגדזענע הירזשעקע שמאַלץ, מיט פּאָווידלע און דער שאַרפער ריח פון יונגן קנאָבל, ציבלקעלעך און ראש־חודש־רעטעכלעך.

פון אויבנאָן שטייט דעם רבינ׳ס קאַסטן, באַשלאָגן מיט מעשענע שטיפטן, אויף וועלכן עס שאָקלט זיך אַן אויסגעבויגענער גוף פון אַ רבי׳ן אַ כעסן, אַ בייזער מיט אַ קאַנטשיק ביי דער זייט...

גראָד פון יענע טוכלע ווינקעלעך, האָבן מיר געצויגן די יניקה; איינגעזאַפּט די שיינע זיטן און טראַדיציעס, די אייגנאַרטיקייט פון אידישן געדאַנקענגאַנג און דערפילט דעם הייליקן ציטער פון דער רייצנדער, ליידנשאַפטלעכער געשפאַנטקייט פון אידישע אגדות, לעגענדעס משלים און נמשלים, חלומות, סאַטירע, אַלעגאָריע און מוסר, און איבערהויפּט די אידישע געשיכטע נאָך אין אירע וויקעלעך; אָנהויבנדיק נאָך פון זיידן נח ,אברהם, יצחק ויעקב, משה רבינו, נביאים ותנאים. דער נאַציאָנאַלער העראָאיזם פון די חשמונאים און מאַקאַבייער. די ביל״ו׳צעס, ד״ר הערצל,

אַזש ביז צו אונזערע שטורעמדיקע, גורלפולע טעג פון נאַציאָנאַלער סוווערענער רעכט פון ווידעראויפקום, ווידעראויפבלי און ווידעראויפבוי פון דער אידישער מדינה.

*

לויט די גרויס פון מיין שטעטל, איז געווען אַ שפע אין מלמדים. איבערהויפּט האָט זיך זייער צאָל געמערקט בין הזמנים, ווייל דורך דעם גאַנצן ווינטער אָדער זומער זיינען זיי געווען פאַרשפּאַרט אין די ענגע חדרים, קנעלנדיק מיט תלמידים. אָבער ווען ס׳איז געקומען בין הזמנים, פלעגן זיך די מלמדים אויספּוצן אין זייערע אַטלעסענע קאַפּאָטעס, אָדער סורדוטן, וועלכע האָבן געגלאַנצט און געגרינט פון אַלטקייט, זיך פרום געגלעטן די פאות און קומען צו די בעלי־בתים פאַר אַ גלעזל וואַרעמס — אַ מין דיפּלאָמאַטישער שריט, אָנצוטאַפּן דעם דופק, צו ווען דער בעל־הבית קלויבט זיך אָוועקצוגעבן זיין תכשיט פאַרן קומענדן זמן...

מיר קינדער פלעגן זיך שרעקן חלילה נישט אַריינצופאַלן צו שמואל בייסער אָדער ישראל רוצח. אַז ס׳פלעגט קומען צו די האַרבע סדרות „ואני, און איך, יעקב", ווען יעקב האָט זיך קודם פטירתו געזעגנט מיט זיינע זין, אָדער ביי „אמור ואמרת" — „זאָג די גרויסע כוהנים זיי זאָלן זאָגן די קליינע כוהנים"... פלעגן מיר ציטערן אימת מות.

פון אַלע מלמדים האָבן זיך אין מיינע שלייפן פון זכרון איינגעשלאָסן דעראינערונגען פון אָרקע מלמד און יאַנקל ליבערס. ארקע פלעגט מיט אונז לערנען דקדוק, עברית בעברית און אפילו לייענען מיט אונז דעם „בכורים" און „סגנון העברי". יאַנקל ליבערס האָט מיט אונז געלערנט אָדער ריכטיקער געזאָגט, געזונגען תנ״ך, און טאַקע מיטן זעלבן אָריענטאַליש־בענקנדיקן ניגון, מיט וועלכן דער נביא פלעגט שטראָפן דאָס עם חוטא.

אַ גאַנצן טאָג פלעגט ער מיט אונז לערנען גמרא מיט תוספות און „עין יעקב", אָבער תנ״ך, פלעגט ער דוקא וואַרטן ביז בין־השמשות. איבערהויפּט צו „איוב" פלעגט ער זיך פאַרגיסן מיט אַ הינטערנאַזיקן, אָטעם־פאַרכאַפּנדיקן ניגון, וואָס האָט דערגרייכט צו די טיפסטע קעמערלעך פון דער נשמה...

כלי־קודש און שמשים

...און עס טרעפט אָפט, זייער אָפט, ווען אַלעס אַרום גליווערט און זינקט, ווען אַ נאָגנדע בענקעניש שווימט אָן, דאַן פאַרמאַך איך די אויגן, און אַנטלויף פון דאָאיקן אויפגעבלאָזענעם לעבן. מיינע שלייפן צעעפּענען זיך ברייט און אויף די כוואַליעס פון זיסע זכרונות און דעראינערונגען טראָג איך זיך צו מיין אייביק נישט־פאַרלאָשענעם שטעטעלע. איך לעב דורך אויפסניי אַלע ניואַנסן מיט נאָסטאַלגישער נעימות פון יענעם אַמאָל.

עס וויקלט זיך פאַנאַנדער פאַר מיינע אויגן אַ ברייטע פּאַנאָראַמע פון מיין האַלאַסקאָוו און עס גייט דורך אַ גאַלעריע פון ליבע, ערלעכע געשטאַלטן, טהורים וקדושים, וועלכע זיינען שוין לאַנג שוכני־עפר. זיי באַקליידן זיך מיט פלייש, פאַרקניפּן זיך מיט אָדערן, באַנעצן זיך מיט בלוט און שטייען אויף תחית המתים .זיי אַנטפּלעקן זיך פאַר מיינע אויגן רייענווייז. אין דער ערשטער ריי — דער אַלטער רב יעקב־אלי און זיין זון, דער שיינער בעל צורה, און מאַגנעטישע פערזענלעכקייט, חיים דער רב. אין דער צווייטער ריי — דער דאַרינקער נח שוחט מיט זיינע צוויי זין: פייוול און משה־הערש שוחט, דער קרעפּטיקער אליעזר שוחט מיט זיינע צוויי זין: מאָטל און אלי־אהרן שוחט, און אין דער דריטער ריי — די שמשים פון בית־המדרש, פון דער שול און פון דער נייער קלויז.

רעדנדיק וועגן בית־המדרש, וויל איך קודם כל אויסלאָדן פאַר אייך אַ טשיקאַווע עפּיזאָד אין שייכות מיט צוויי בחורים — מאיר, יונה־מאָץ׳ס און לייב, אברהם ראובנס, וועלכע פלעגן אין די ווינטערדיקע נעכט לערנען אין בית־המדרש ביי דער אָנגעהייצטער הרובע.

יענע נאַכט האָבן ווייסע געפרוירענע ליילעכער זיך געשפּרייט איבער די געסלעך, און דער שניי־ווינט האָט געשריען איבער דעכער און זיך געוויקלט אַרום די קוימענס.

אין בית־המדרש בלעזלט אַ מאָגער ליכטל, און דורך די שפּאַרונעס רינט אַרויס דער גמרא־ניגון פון מאיר, יונה־מאָצ׳ס, וועלכער זיצט ביי

דער הרובע פאַר׳דמיונ׳ט אין דער מסכתא, „ארבעה אָבות נזיקין״ פון „בבא קמא״.

דער צווייטער בחור לייב אברהם־ראובנס, האָט זיך פאַרקליבן אין אַ ווינקל פון מזרח־וואַנט און לערנט גמרא „גיטין״.

מאיר יונה־מאָצ׳ס איז שוין העט ווייט ערגעץ אין אַ מסיבה פון גרויסע למדנים. ער לערנט בקול רם, און פלפולט זיך וועגן „ווען דער אָקס איז אַ „תם״ און ווערט אַ „מועד״.

ער ווערט אַריינגעצויגן אין אַ דעליקאַטן וויכוח, וואו דער אָקס אַנשטאָט אַ „מועד״ ברענגט דער תנא אַרויס דעם פסק־דין, אַז ער איז נאָך אַ „תם״. מאיר איז נישט מסכים מיט דעם פסק־דין און שרייט מיט באַנומענע קולות: — רבותי, דאָס איז אַ פאַלשער פסק־דין! לויט מיין פאַרשטאַנד איז דער אָקס שוין אַ „מועד״! און אַזוי שרייענדיק, איז ער אַריינגעפאַלן אין היסטעריע, און אַ קלאַפּ געטאָן אין דעם דעמבענעם טישל מיטן גאַנצן כח פון זיין האַנט. דער גרויזאַמער ווייטיק האָט אים אויפגעוועקט ווי פון אַ לעטאַרגישן שלאָף, ער האָט זיך אַרומגעקוקט, אַז ער איז גאָר אין בית־המדרש און נישט אין בית־הסנהדרין... דאָרט אין אַ פאַרשטויסן ווינקל ,האָט לייב אברהם־ראובנס זיך געגריבלט אין גמרא „גיטין״, זיך געציפּט דאָס שיטערע בערל, און געלערנט מיט התמדה און מיט אַ ניגון:

„השולח גט ממדינת הים״, אַז איינער שיקט אַרויס אַ גט פון אַ מדינה פון יענער זייט ים...

ער רייבט זיך דעם שטערן און קוקט אַריין דורכן אייז־געקווייטלטן פענצטער אין דער חשכות פון דער נאַכט. — ווי ווייט, למשל, קאָן זיין אַמעריקע? וואָס עפּעס אַמעריקאַ? עס זיינען דאָך פאַראַנען אַ סך אַנדערע לענדער פון יענער זייט ים. מיט אַמעריקאַ האָט ער באַזונדערע חשבונות, צוליב זיינער אַ קרובה צירל, וועמען איר מאַן האָט פאַרלאָזט מיט צוויי קינדער און אַוועק קיין אַמעריקאַ... שוין דריי יאָר ווי אין וואַסער אַריין, אין קול ואין עונה. זי מוטשעט זיך נעבעך. צירל איז גראָד אַ יפת־תואר, און מענער קלעפּן זיך צו איר ווי פליגן צו האָניק. ווייסט מען אָבער נישט, וואָס האָט פּאַסירט מיט איר מאַן דעם שאַרלאַטאַן. זי איז נישט קיין

גרושה און נישט קיין עגונה. לייב אברהם־ראובנס האָט זי זער ליב און וואָלט געוועזן גרייט חתונה האָבן מיט איר, איז עס על פי דין אוממעגלעך. זיצט ער אַזוי נאַכט־איין נאַכט־אויס אין בית־המדרש, גריבלט זיך אין דער גמרא „גיטין״, און וויל שטילערהייט אַרויסקריגן אַ גט פאַר צירלען פון אַמעריקאַ...

קאָפּי שמש פון בית־המדרש

קאָסי — דער בלעם פון שטעטל. מען האָט אים גערופן בלעם, ווייל יעדן פלעגט ער חרמה׳ן און קללה׳ן, און בעתן שעלטן, האָבן זיינע אויגן געצונדן נקמה־פונקען.

די גאַנצע תוכחה פלעגט ער אויסגיסן נישט נאָר אויף בעלי־חיים, נאָר אַפילו זאַכן שאין בהם רוח חיים ווי, למשל, אויב דער בליץ־לאָמפּ אין בית־המדרש האָט זיך נישט געוואָלט אָנצונדן איבער דער מאָגערקייט פון קעראָסין, פלעגט קאָסי אים שעלטן: „אַז ברענען זאָלסטו רבש״ע אויף גאַז!״. אָבער ווען די פלאַקסיווע (וויינענדיקע) נעכט פון סליחות האָבן זיך דערנעענטערט, האָט קאָסי אַרונטערגעוואָרפן פון זיך בלעמ׳ן, און געביטן זיין גאַנצן געדאַנקענגאַנג. ער פלעגט אַפילו מאריך בתפילה זיין מיט גרויס התלהבות, און זיך אפילו גריבלען אין הימלישע זאַכן.

דאָס לעבן, האָט ער געהאַלטן, האָט נישט די ווערט קיין שיבוש. יאָרן, האָט זיין לאָגיק אים פאַרפירט, איז בלויז אַ המשך, וואָס גייט נישט לאיבוד. ווייל אַז איינער שטאַרבט, איז ממשיך אַ צווייטער א. אַז. וו.

קאָסי האָט אויך געהאַט אַן אַרויסהעלפער, אַ „פאָד־שמש״, טאַקע זיין אייגענעם איידעם, חיים דזשיגאַלאַ, צו וועמען ער האָט פאַר׳כּנס׳ט זיין איינציקע טאָכטער גיטל. ער האָט צוגעזאָגט זיין איידעם, אַז אַלע מטבעות פון יאָרצייטן וועט ער געבן חיים׳ן אַלס באַלוינונג פאַר דעם נדן, וואָס עס האָט אים צוגעזאָגט און קיין מאָל נישט גע׳סילוק׳ט.

ערב די ימים־נוראים, ווען קאָסי ווערט געלייטערט און זיינע אויגן גיסן זיך אָן מיט דערבאַרעמקייט, ווערט אויך זיין חיים באַלוינט מיט גרויס איינזעעניש. נו, פאַר וועמען דען זאָל ער זיך מיען, אויב נישט פאַר זיינע אייגענע קינדער?...

*

די ערשטע סליחות. עס איז שוין אין דער טיפער שעה פון דער נאַכט. אין דרויסן איז די נאַכט געשטאַנען מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם. פון דער הויך האָט אַ בלויער הימל אַראָפּגעשוויגן מיט סאַמעטענער ווייכקייט, און געפינטלט מיט העל־גאָלדענע אייגעלעך. פון יענער זייט טייך האָט זיך געשלענגלט אַ דין רויכל, און געקיצלט די נאָזלעכער מיט אַ היימישן ריח פון אַן אַלטן אָקאָלאָט שטרוי. די שטיבלעך זיינען אַריינגעטאָן אין טיפן שלאָף, און די שטילקייט שרייט מיט טויזנטער קולות:

— צאָן קדושים, שטייט אויף צו סליחות!...

— „א״ד״ם ד״ו״אג על אי״ב״וד ד״מ״יו, ו״אי״נו ד״ו״אג על אי״ב״וד י״מ״יו״, — הערט זיך דאָס נידערגעשלאָגענע קול פון קאָסי שמש מיט אַ ניגון פון צעבראָכענעם געמיט — אידעלעך, שטייט אויף צו עבודת הבורא!

אין זיין שטים איז געווען בענקעניש, ווי די בענקעניש פון אַן איינזאַמען פויגל, וואָס איז פאַרבליבן אַליין אין אַ קאַלט לאַנד. דאָ און דאָרט האָבן זיך געצונדן ליכטלעך אין די שטיבלעך. פענצטער און טירן האָבן געסקריפּעט, און די שטילקייט פון דער נאַכט איז צעריסן געוואָרן.

מרדכי שמש פון פּנחס אהרנ׳ס שול

עס איז איבעריק צו דערקלערן, פאַרוואָס די שול איז אויף פּנחס־אהרנ׳ס נאָמען, ווייל ער האָט מנדב געווען כמעט די גאַנצע געלט צו בויען די שול מיטן שיינעם פּאָליש.

מרדכי שמש איז געווען אַ ברייטפּלייציקער, מיט פאַרשאַרצטע פּאָלעס. שטענדיק אַן אָנגעב׳ברוגז׳טער, אַ פאַרביטערטער ווי אַ וואָרצל כריין און גרויע אויגן ווי פון אַן אָדלער, וועלכע זיינען גרייט אייך דורס צו זיין. צוליב זיין שטענדיקן שמעקן טאַבאַק, האָט זיך פון די פאַרגעלטע וואָנצעס, און פאַרפוילטע פּיעניאָקעס (ציין־וואָרצלען) געצויגן אַן אָפּשטויסנדער ריח ווי פון אַ נבלה. מרדכי האָט שטאַרק אויפגעפּאַסט, אַז מיר,

חברה, זאָלן זיך נישט פאַרזאַמלען אין אַ געזעמל אין פּאָליש בעת מען דאַוונט. ער האָט געהאַט אַ ווילדע הנאה צו קניפּן אין זיץ־פלייש מיט אַזאַ אכזריות, ביז מען איז זיך פאַרגאַנגען אין טרערן. אָבער נאָך ערגער איז געווען, ווען נאָכן קניפּן פלעגט ער זיך באַנוצן מיט שבט מוסר. בשעת זיינע שטראָף־רייד, פלעגט ער זיך דערנענטערן אַזוי נאָענט, אַז מען האָט גלייך דערפילט דעם אָפּשטויסנדן ריח פון זיין מויל, ביז מען איז פאַרטשאַדעט געוואָרן און געפאַלן אין חלשות.

אויסער פּנחס אהרנ׳ען האָט מרדכי נישט געהאַט קיין דרך־ארץ פאַר קיין בעל־הבית. פּנחס־אהרן איז געווען דער איינציקער, וועלכער האָט געהאַט איבער אים אַ שליטה.

מרדכי האָט שטאַרק ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפּן. ער האָט נישט פאַרפעלט קיין איין יאָרצייט, בר־מצוה און אפילו געווען אַן אומ־געבעטענער מחותן צו א חתונה.

פון לאַנגער דערפאַרונג איז באַוואוסט, אַז ווען עמיצער שיכורט זיך אָן, איז איינס פון די ביידע: אָדער מען ווערט פריילעך, מען זינגט און מען לאַכט, אָדער עס טרייבט אַריין אין אַ טרויעריקער שטימונג, ווי ווייגען, כליפּען און קרעכצן. אָבער ווען מרדכי שמש ווערט בגלופין, ווערן זיינע גרויע אָדלערישע אויגן אָנגעגאָסן נאָך מיט מער כעס און רציחה, קלאַפּט אין טיש און רייסט זיך שלאָגן...

דוד אָדער „טימקע" פון דער נייער קלויז

מיט דוד שמש האָבן מיר געלעבט בשלום. זיין מאַטאָ איז געווען:
— „טשעפּעט מיך נישט און איך וועל אייך נישט טשעפּען". צייטנווייז פלעגן מיר אים אַפילו ליב באַקומען, ווייל אויפן בוידעם פון דער נייער קלויז, הינטער דעם גרין־געפאַרבטן בלעכענעם דאַך, האָבן טויבן געבויט זייערע נעסטן. די טויבן זיינען געווען נישט נאָר גלאַט פּראָסטע און דיקאַרן, נאָר טאַקע טירטל־טויבן. נקודים וברודים, וועלכע פלעגן בעתן פליען פּאַטשן מיט די פליגלען, באַווייזן קונצן, און זיך איבערקוליען אין דער לופטן.

נאָר אײן חסרון האָבן זײ געהאַט די בעלי־כנף. — זײ האָבן זיך נישט געלאָזט כאַפּן...

נישט אײנמאָל פּלעגן מיר שלעכט אָפּשנײדן. היות קײן לײטער, וואָס זאָל דערגרײכן צום בוידעם־טירל אין דער װײבערישער אָפּטײלונג איז נישט געווען, פּלעגן מיר בויען אַ טורעם פֿון סטענדערס, בענק און קעסט־לעך, און ווען אײנער האָט זיך אײנגעשטעלט אַרויפצוקלעטערן צום בוידעם־טירל, פּלעגט ער פּאַר שרעק פֿאַרלירן זײן גלײכגעװיכט און טראַך — — —

הגם דוד שמש האָט אונז נישט נאָכגעיאָגט און נישט געשלאָגן, פּלעגט ער אָבער דערצײלן דעם טאַטן, וואָס איז געווען אַ סך ערגער...

שטאָט־גויים

פיר שטאָט־גויים זיינען זיי געווען, דריי ברידער: מיליאַן, מאַקסים און מיכאַילאָ, און דער פערטער איז געווען מיקיטאַ ווישניאַווסקי. אַלע האָבן זיי גערעדט אַ פריילעך אידיש, חוץ וואָס פון אַ „נון" איז ביי זיי אַרויסגעקומען אַ „מם", ווי, למשל: פון אידן איז ביי זיי אַרויסגעקומען „אידים", פון כריין — „כריים" און פון הושענות — „הושעמור".

אַלע פיר זיינען געווען באַקאַנט מיט די אידישע ימים־טובים, באַזונ־דער מיט יום כיפור, סוכות און פסח און אַפילו טיילווייז מיט אידישע דינים...

פון די דריי ברידער, פלעגט מילאַן אויסגראָבן אין דער לינעסטשע (ליים־גרוב) געלע ליים און צעפירן אויף זיין אַלטן פערד־און־וואָגן צווישן די הייזער, וואָס איז באַנוצט געוואָרן צו שמירן די ווענט און די ערד.

מאַקסים פלעגט פאַרקויפן רויטן זאַמד, וואָס מען האָט באַשאָטן די פריש־אָפגעשמירטע ערד און מיכאַילאָ פלעגט זיך פאַרנעמען מיט פלאַנצן ביימער, איבערהויפט אַקאַציע־ביימער, זיי באַוואַסערן, און דעם שטאַם אַרומוויקלען מיט אַלטע זעק, כדי ציגן זאָלן נישט קאָנען צוקומען און גריזשען די שאָלעכטס פון בוים.

נאָך יום כיפור פלעגט מיכאַילאָ העלפן אויפשטעלן סוכות, אַריינ־ברענגען דעם גרינעם סכך, און אויך אַריינפירן גאַנצע צווייגן פון ווערבע־ביימער פאַר הושענות.

מיליאַן איז אויך געווען אַ גרויסער לץ — אַ פאַרשלעפטע קרענק. ער פלעגט נאָכמאַכן פיל מענטשן פון שטעטל ווי אַזוי זיי עסן, רעדן און ווי זיי גייען, און זיך בשעת מעשה אַזוי שטאַרק ציכיכיקען, מיט אַזאַ הנאה, אַז ער פלעגט זיך באַגיסן מיט טרערן.

מיקיטאַ ווישניאַווסקי האָט געהאַט אַ סך פרנסות און ווייניק ברכות. אַממערסטן האָט ער זיך אויפגעהאַלטן ביי דער מיל, וואו ער פלעגט אַמאָל אויף זיינע ברייטע פלייצעס אָנלאָדן אַ זעקל מעל, אָדער קלייען און דאָס

צושטעלן צו אַ בעל־הבית אין שטעטל. חוץ די פּאָר מטבעות פלעגט ער אויך באַלוינט ווערן מיט אַ ביסל יי״ש און מיט אַ שטיק ברויט.

מיקיטאַ פלעגט אויך אַרויסהעלפן בערל גאַדיס אויף זיין וואָגן, דורך לאָדן און אויסלאָדן דאָס מעל צו דער נח׳טע אָדער צום אַלטן פייוולען.

ווען ער פלעגט אַריינקומען צו אונז, פלעגט ער אַרונטערכאַפּן זיין היטל און זיך פאַרנייגן:

— ר׳ הערשל, דאָ האָט איר אַ קבלה פּאָר צען שקים ק״ס (קמח סלת), וואָס כ׳האָב פּאָלוטשיט (געקראָגן) פון דער מח׳טע (נח׳טע).

דאָנערשטיק, דעם יאַריד־טאָג, פלעגט מיקיטאַ זיין אַ שומר ביי מירקע ליבערס אין קלייט און איר העלפן מעסטן קעראָסין, בוימל, צוקער א.אַז.וו. אַ גוי האָט ביי מיקיטאַן געהייסן אַ „כפרה׳ניק״ אָדער „ערל״.

אין די שבתים פלעגט מיקיטאַ אַרויסהעלפן מרדכי שמש אין פּנחס־אהרנ׳ס שול. חוץ אָנהייצן די הרובע, אָנצינדן און אויסלעשן די ליכט, פלעגט ער אויך פאַרשפּאָרן מרדכי׳ן אין זיין אַרבעט, אַכטונג געבן, אַז מיר, חברה, זאָלן זיך נישט פאַרזאַמלען אין פּאָליש בעתן דאַווענען, ער האָט אַפילו אויפגעפּאַסט מיר זאָלן אַריינגיין, שטיין שמונה־עשרה, צי „קדושה״ אָדער ענטפערן דעם חזן צו זיינע מאָליטוועס (תפילות) „אָמן״! אָנשטאָט קנייפּן אין זיך־פּלייש, ווי מרדכי שמש, פלעגט מיקיטאַ אָנדרייען די אויערן און זיך צעשרייען בקול רם:

— דו גוי, דו! וואָס וועט זיין פון דיר? דער עולם שטייט שוין „קדושה״!...

אין שייכות מיט מיקיטאַ׳ס באַנעמונג צו אונז חברה, האָט זיך איינ־געקריצט אין מיין זכרון אַ טראַגי־קאָמישער אינצידענט, וואָס האָט פּאַסירט מיט מיין חבר איצי־שמערלס.

יענער שבת איז געווען אַ צעליכטיקטער, אַן עונג־שבתדיקער און אַ פאַרכלינעטער מיט וואַרעמקייט. דער עולם האָט זיך שוין געגרייט צו דאַווענען „מוסף״, און איך מיט איצין האָבן זיך עפּעס פאַרשפּילט אין

פּאַליש. פּלוצים האָט זיך באַוויזן מיקיטאַ, און אַ דערצאָרנטער אָנגעכאַפּט איצין ביים אויער און ווי געוויינלעך זיך צעשריען:

— דו גוי, דו, גיי זאָגן „קדיש״!

איצי׳ס פאַרענטפערן זיך, אַז ער איז חלילה נישט קיין יתום, ווייל זיינע טאַטע־מאַמע לעבן נאָך, האָט נישט געהאָלפן.

— אַז דו וועסט זאָגן „קדיש״ וועסטו מירטשעם ווערן אַ יתום — האָט אים מיקיטאַ פאַרזיכערט און האַלטנדיק אים פאַר אַן אויער פירט ער איצין אַריין אין שול גלייך צו זיין טאַטן, זאָגנדיק:

— ר׳ שמערל, אָט איז אייער סינאָק (זונדל), ער וויל נישט זאָגן קיין „קדיש״.

שמערל האָט אַ שמייכל געטאָן, און די מתפּללים אַרום האָבן געקייכט פון געלעכטער... מיקיטאַ איז אַרויס אַ פאַרשעמטער, מורמלענדיק עפּעס אונטער דער נאָז.

אונזער בעל־בתישקייט

אונזער קו איז נישט געווען גלאַט אַ פּראָסטע בהמה, וואָס האָט בלויז מעלה־גרה׳ט און זיך געלאָזט מעלקן פון איר פולן אייטער, נאָר זי האָט פאַרשטאַנען וואָס מען רעדט צו איר, און זיך געהאַלטן פאַר אַ מיוחסת. זי איז געווען אַ רויטע מיט אַ ווייסן פלעק אויף איר שטערן צווישן די קורצע הערנער און אַ ווייס שטרייפעלע אויף איר קאַטשעראָוון עק. אין שטעטל האָט מען זי גערופן די „פּרה־אַדומה״, אָבער ביי אונז אין הויז האָט מען זי גערופן „דייטשקע״. פאַרוואָס עפּעס אין אַ אידיש הויז אַ „דייטשקע״, ווייס איך נישט, ווייל בטבע איז זי, די קו, הייסט דאָס, געווען זייער אַ גוטע, אַ פריינדלעכע און אַ שפּילעוודיקע. אָבער אַ דייטשקע פון יענע דייטשן איז פונקט דער היפוך: פאַרריסן, שלעכט און גרייט דורס צו זיין...

צווישן אילינע, אונזער דינסט, און אונזער קו „די דייטשקע״, האָט זיך צעפלאַמט אַן איבערגעגעבענע פריינטשאַפט, ווי, להבדיל, צווישן מענטש און מענטש. טרייבן זי אין טשערעדע האָט געמוזט בלויז אילינע, אַנדערש האָט זי זיך נישט געוואָלט רירן. און אין די פאַרנאַכטן, ווען „די דייטשקע״ איז געקומען פון טשערעדע אַן אָנגעפּאַשעטע, אַ זאַטע, מיט אַ פולן אייטער, פלעגט זי צוקומען צום פענצטער, אַריינקוקן און אַרויסלאָזן אַ פאַרבענקטן „מו־ו־ו!״, בכדי אילינע זאָל דערהערן און עפענען פאַר איר דעם טויער פון שטאַל, אַנדערש האָט זי נישט באַוויליקט אַריינצוגיין.

מעלקן האָט זי זיך בלויז געלאָזט פון אילינען. פלעגט טאַקע אילינע אַרויסקומען מיט אַ שעפּעלע, אַרומנעמען „די דייטשקע״, איר אַ קוש געטאָן אין ווייסן פלעק.

בשעתן מעלקן פלעגט זיך אילינע פאַרגיין אין אַ טרויעריק־פאַרבענקט אוקראַיניש ליבעס־ליד „וויאוט, וויאוט וויטרי״ (עס וואָיען ווינטן). דאָס לידל האָט משמעות שטאַרק נושא חן געווען ביי דער „דייטשקע״, ווייל זי פלעגט זיך אויסדרייען מיטן קאָפּ צו אילינען און אַרויסלאָזן אַ הייזעריקן „מו־מו!״ פול מיטגעפיל.

אונזער ווייסער קאָטער „מורקע״, דער זולל־וסובא, מיט די צוויי שוואַרצע פּינטלען אַרום זיינע פייערדיקע קוקערס, האָט אויסגעזען ווי עמיצער וואָלט זיי אים אונטערגעשלאָגן, איז געשטאַנען פון ווייטנס, זיך באַלעקט מיטן רויטן צונגל און געהיט ווי אילינע צאַפּט די מילך און אַרויסגעקוקט, אפשר וועלן אַ פּאָר טראָפּנס אַראָפּקינען פון שעפעלע אויף דער ערד... מורקע האָט מיט אַנגערייצטן אַפּעטיט געמיאוקעט און גע־מיאַוקעט, און ווען אילינע האָט אויף אים געוואָרן אַ בייזן קוק, איז ער גלייך פאַרשוואונדן הינטערן טאַפּטשאַן, — דאָרט איז געווען זיין אַנט־רינונגס־פּלאַץ.

פונקט ווי אילינע איז געווען זייער באַפריינדעט מיט אונזער קו, די „דייטשקע״, אַזוי האָט זי געטראָגן אַ גרויסע שנאה אויף מורקען. זי האָט פיינט באַקומען זיינע גענג, ווי ער פירט זיך אויף. די שנאה האָט זיך צעפלאַקערט ביי איר, ווען זי האָט באַמערקט, אַז דער זולל־וסובא יאָגט זיך נאָך די פייגעלעך און פאַרצוקט זיי. אילינע האָט זייער ליב געהאַט דאָס זינגען און צוויטשעריי פון די פייגעלעך. מורקע איז אויך געווען אַ מפונק, ער האָט קיין מאָל נישט געהאַט קיין חשק צו עכברים, נאָר פייגעלעך גיב אים, דעם נאַשער... ווי עס וויזט אויס, איז נישט קוקנדיק, וואָס ער האָלט זיך אויף אין אַ אידיש הויז, איז ער אויך נישט געווען אָפּגעהיט אין „בשר וחלב״, ווייל נאָכן פאַרצוקן אַ פייגעלע, האָט ער שוין גענישטערט זיך אַנצוזשלאָקען ערגעץ צווישן די קריגלעך מילך.

דער קאָטער פלעגט ציטערן אימת־מות פאַר אילינען. ביי יעדער געלעגנהייט האָט זי זיך מיט אים אָפּגערעכנט. האָט זי געטראָגן אַ בעזים, האָט זי אים אַ שטורך געטאָן מיטן בעזים, איז זי פאַרבייגעגאַנגען מיט אַ נאַסער שמאַטע, האָט זי אים גלייך דערלאַנגט איבער זיין גלאַנצנדיקער, סאַמעטענער פעל, אַז ער האָט זיך געהאַלטן אין איין וואַשן און לעקן.

עס האָט אָבער געטראָפן, ווען מורקע האָט מיט שטילע סאַמעטענע טריטעלעך גע׳גנב׳עט אַ פּיפּיקל אָדער אַ גערגעלע פון זאַלץ־ברעטל, דאָן פלעגט אילינע כאַפּן די קאַטשעלקע און אים נאָכיאָגן. ער האָט שטאַרק מורא געהאַט פאַר דער קאַטשעלקע, איז ער אַנטרונען דורכן אָפענעם פענצטער מיט דער זאַמד־באַשאָטענעם סטעזשקעלע, וואָס האָט געפירט צום פּאָל־

סאַדניק און זיך באַהאַלטן צווישן די שטעכיקע צווייגלעך פון די נידעריקע אַגרעסט־ביימלעך. דאָרט פלעגט ער ליגן שעהנווייז, ביז דער כעס ביי אילינען איז פאַרגאַנגען.

איך געדענק, ווי אַנומלטן האָט אונזער קו „באַליעט״ (געקרענקט). זי האָט נישט געגעסן נישט געטרונקען. אירע אויגן האָבן זיך פאַרצויגן מיט ווייסן שוים. אילינע האָט זי געגלעט, געקושט, געהאַלזט און אַרבעס־טרערן האָבן גערונען פון אירע אויגן. מען האָט גלייך געשיקט נאָך זלמן „פון אויף יענער זייט״. אַ איד אַ היוכער, מיט פאַרשאַרצטע פאָלעס און מיט אַ גרויסן סוקאָווע שטעקן, אויף וועלכן ער פלעגט זיך אָפט אָנשפאַרן און רוען.

זלמן איז צוגעגאַנגען צו דער „דייטשקע״, אַרויסגענומען אַ קניפּעקל מיט אַ שאַרף קלינגל, אַריינגעשטאָכן אין איר דיך און עס האָט אַ שפּריץ־געטאָן אַ ריטשקעלע בלוט. אין אַ קורצער צייט אַרום איז די קו געזונט געוואָרן.

אילינע פלעגט זיך אויפפירן מעשה בעל־הבית׳טע, זינט מיין מאַמע האָט איר פאַרטרויט די שליסלען פון דער וואַרעניע, לעקעך, צוקער־בייגעלעך, בוימל־בולקעס, און אַפילו פונעם קעלער.

ביי אונז אין קעלער האָט זיך געפונען שפּיז מכל טוב: גרויסע פעסער מיט געפרעסטע עפּל, קיסלעצעס (זויערע עפּל), געזויערטע קאַווענעס (זויערע קירבעס), זויערע אוגערקעס מכל המינים און גרינע און רויטע פּאָמידאָרן (זויערע טאָמאַט), געמישט מיט האַרבע פעפערלעך, וועלכע זיינען געווען צוגעדעקט מיט אַ גרויסן פלאַטשיקן שטיין, באַצירט מיט אַ קרוין פון ווייסן שוים.

די אָרעמעלייט פלעגן זיך אַפילו קוויקן מיטן טונקען ברויט אין ראָסל. אַלע אָרעמעלייט פון שטעטל פלעגן געניסן און הנאה האָבן פון אונזער קעלער. אויף די שטיינערנע טרעפּ פון קעלער זיינען געווען אויסגעשטעלט פאַרשידענע קריגלעך מיט סמעטענע, זויער־מילך, קעז און פּידסמעטענע. אויף די נידעריקערע טרעפּ איז געשטאַנען אַ ריי פון בייכיקע טעפּ מיט גענזענע און הינערישע שמאַלץ. אויף גרויסע פלעקער זיינען געהאָנגען קרענץ מיט ציבעלעס און קנאָבל.

מורקע פלעגט זיך נישט איין מאָל באַהאַלטן הינטער אַ שטייג און אַריינשפּיזן זיינע צוויי גליענדיקע תאווה־אויגן אין דעם קעלער, בכדי מיט זיינע קעציִשע וויכע פיס זיך אַריינ׳גנב׳ענען אַהין. אָבער עס איז אים קיין מאָל נישט געלונגען, ווייל אילינע פלעגט שטענדיק האַלטן אַ וואַכזאַם אויג אויף דעם זולל וסובא.

פון אַלע אָרעמעלייט, וועלכע פלעגן קומען צו אונז מיט שיסעלעך אָנצופילן מיט זויערע אוגערקעס אָדער קיסלעצעס, בכדי מחיה צו זיין זייערע נפשות, האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן איצי־מאַניעס, אַ איד אַ למדן, וואָס פלעגט זיצן יומם ולילה און לערנען, אָבער אַ גרויסער חלוש. צוליב זיין פאַרדאַרבן דעם מאָגן האָט ער געליטן אויף מערידן. אַפילו אילינע האָט שוין געוואוסט, אַז אים, דעם ראַבין, ווי זי האָט אים גערופן, דאַרף מען געבן מיט דער פולער האַנט. זאָל זיך דער אַלטער דערקוויקן.

ויהי, און עס האָט זיך אַמאָל געמאַכט, אַז דעם גביר׳ס טאָכטער איז קראַנק געוואָרן און מען האָט געבראַכט אַ גרויסן דאָקטאָר פון האַלטע, האָט מיין פאָטער זיך צוגעטשעפּעט צו ר׳ איצי׳ן, אַז היות דער רופא איז שוין אין שטעטל, וואָלט געווען אַ גלייכער געדאַנק, אַז ער, איצי, זאָל זיך לאָזן מאַכן אַ שטיקל אָפּעראַציע אויף זיינע מערידן. עס האָט נישט געהאָלפן קיין געבעט. ער האָט גע׳טענה׳ט איין מאָל פאַר אַלע מאָל: ניין! ער וועט זיך נישט לאָזן, ס׳הייסט, ר׳ איצי וואָלט שוין דוקא יאָ איינגע־שטימט צו דער אָפּעראַציע, איז ער אָבער נאָך נישט גרייט. ער וויל וואַרטן ביזן קץ ימיו. דאַן, אויפן וועג „אַהין" וואָלט ער זיך יאָ געלאָזט, ווייל עס ווילט זיך נישט קומען אַהין קיין חלוש, ער וויל הנאה האָבן פון דעם שור הבור, פון דעם לויתן און פון דעם יין המשומר. איצט, טענה׳ט ער, אַז ס׳איז נאָך צו פריִ...

*

ווער אילינע איז און פון וואַנען זי שטאַמט, האָבן מיר קיין מאָל נישט געוואוסט. נאָר, היות קיין טאַטן און מאַמען האָט זי קיין מאָל נישט געהאַט, איז זי מסתמא אויך געקומען פון הימל...

זי האָט געדינט אַ היפּשע צייט ביי אונז. זי האָט זיך אויסגעלערנט אַ געשמאַקן אידיש און געווען געניט אין אַלע אידישע דינים.

ביז, ביז — פּיטאַפּ, דער פּראָקאָפּיעכעס, מיט זיין קוזין סערגיי, האָבן זיך צו איר צוגעטשעפּעט, געגלוסט צו איר און אין אַ שיינעם פרימאָרגן איז זי פאַרשוואונדן אויף גאַנצע ניין חדשים...

מיר האָבן אַלע געבענקט נאָך איר, זי אַרומגעזוכט אומעטום. חוץ מורקע, וועלכער האָט פריי אָפּגעאָטעמט פון איליגעס סטוסאַקעס און מכות־רצח. — — —

*

דריי עופות־הענדלערינס פלעגן צושטעלן עופות, קאַטשקעס, גענדז און אינדיקעס אין אונדזער הויז: טאָבעלע קאַראָל, באַבע מאיר־לייבס און שרה־פייגע.

מיין מאַמע פלעגט טראָגן אַ באַזונדער רחמנות אויף טאָבעלען. זי איז געווען אַ קליינינקע מיט צווי רויטע אויסגעוויינטע אויגן, אַן אויסגע־קאָרטשעט פּנים מיט אַ דערשטיקט קול ווי פון אַ פאַרקילונג. שטענדיק האָט זי געטרוקנט אַ טרער און שטילערהייט געשלונגען שטילע זיפצעלעך. אַגב איז זי געווען אַ דורכגעטריבענע סוחר׳טע. צום ביישפּיל, ווען זי פלעגט אַריינטראָגן צו אונז די עופות, וואָס זי האָט געטראָגן צווישן אירע אויסגעקרומטע פינגער, פלעגט זי אַ וואָרף טאָן די עופות אויפן דיל און זיך גלייך געבעטן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם:

— רחל ליבינקע, גיב מיר אַ בענקל, אָט חלש איך...

אַזוי אַרום איז איר געלונגען צו דערגרייכן צוויי געלעגנהייטן דורכ־צופירן דעם מסחר. ערשטנס, האָט זי געשפּילט אויף מיין מאַמעס רחמנות־געפילן: „נעבעך אַ קראַנקע אַלמנה", און צווייטנס, האָט טאָבעלע דורך אַ וואָרף טאָן די הינער געוואָלט איבערצייגן ווי שווער און פעט זיי זיינען...

מיין מאַמע האָט ווי אַ געניטע בעל־הבית־טע פּרובירט צעבלאָזן זייערע פוך־פעדערן אונטערן עק, ביז די געלע הויט האָט זיך אַנטפּלעקט, און נאָך קורצע דינגענישן האָבן זיי זיך פאַרגלייכט און די הינער זיינען פאַרבליבן ביי אונז.

טאָבעלע האָט געהאַלטן אין איין טענה׳ען און זיך געשוואוירן ביי

אירע אייניקלעך, אַז זי דערלייגט צום מסחר. אַוודאי האָט זי קיין אייניקלעך קיין מאָל נישט געהאַט...

אונזער קאָטער מורקע איז געלעגן איינגעבייגלט און באַטראַכט טאָבעלען און בשעת מעשה אויך אויסגעגלאָצט אַ פּאָר פייערדיקע קוקערס אויף די הינער, אַז זיי האָבן זיך דערשראָקן און זיך געריסן צו באַפרייען פון די געפּענטעטע איינגעצויגענע שטריקלעך.

ביי אונז אין גרויסן הויף האָבן זיך אַרומגעדרייט העכער פערציק הינער, איין האָן, איין קאַטשקע, אַן אינדיק מיט צוויי נשים־אינדיטשקעס און זעקס גענדז. די גענדז האָט מען געזעצט אין אַ שטייג און זיי געהאָ־דעוועט צוליב פסח׳דיק שמאַלץ.

ווען אילינע פלעגט זיי צוטראָגן דעם פּאָסליד (צעהאַקטע קערנדלעך) און אַ מאָל אויך אַ שיסל מיט איינגעווייקט ברויט אין וואַסער, פלעגן די גענדז מרעיש עולם זיין, ווי זיי וואָלטן רעוואָלטירט פּאַרוואָס אַלע עופות דרייען זיך אַרום פראַנק און פריי, נאָר בלויז זיי זיינען פאַר׳משפט צו זיצן ווי פאַרברעכער אין תפיסה...

פאַרוואָס עפּעס בלויז איין קאַטשקע, פרעגט איר? ווייס איך אויך נישט. שוין יאָרן־לאַנג, אַז זי איז מיט איר אייגענעם ווילן געקומען צו אונז אין הויף און זיך איינגעװעקשנ׳ט: לא אצא חפשי!

על פי דין טאָר מען זי נישט שעכטן צוליב צוויי טעמים: ערשטנס, איז זי נישט אונזער אייגנטום, און צווייטנס, איז מען אין ספק, צי זי איז כשר אָדער טריף? האָט מען באַשלאָסן זי צו לאָזן געמאַך, — זאָל זי זיך להבדיל, אַרומדרייען ווי אַן „איידעמל“ איבערן הויף. נאָך אַ שפּריי־רעגן פלעגט זיך דאָס „איידעמל“, איך מיין די קאַטשקע, זיך איינשמירן אין בלאָטע און וויגן שלאַבערדיק דאָס דיקלעכע גופ׳עלע אויף די קורצע שפּילקע־פיסלעך...

דער אינדיק מיט זיינע צוויי ווייבער האָבן זיך באַנומען ווי מיוחסים און זיך קיין מאָל נישט געוואָלט מישן מיט אַנדערע בעלי־כנף. אָבער אַז מען האָט דעם אינדיק געפרעגט ווען איז פּורים, האָט ער צעשפּרייט זיין עק ווי אַ פעכער, זיך געגרויסט מיט זיין בייטשל קרעלן און שנעל אַרויסגע־כאָרכלט:

— אָ־ד־ר, אָ־ד־ר, אָ־ד־ר!...

די הינער פלעגט מיין מאַמע גרופּירן אין פיר קאַטעגאָריעס: גאַלאַנטע, סיווע (גרוי־געפּינטלטע), קוצע (מיט קורצע עקן) און נאָוויטנע (ניי־צוגע־קומענע). אויף די נאָוויטנע פלעגט זי באַצירן זייערע פיסלעך מיט קאָלירטע בענדעלעך, אַז אויב וועלן זיי פאַרפאַלן ווערן אָדער זיך אויסווילן אַן אַנדערן קאַוואַליער (אַ האָן) פון אַ שכנישן הארעם ווייבער, זאָל מען זיי קאָנען דערקענען דורך די בענדעלעך־סימנים און זיי אַריינטרייבן צוריק אין אונזער הויף.

פּאָר אַ האַרעם פון פּערציק נשים־הינער, האָבן מיר זיך באַנוגנט מיט בלויז איין האָן, אָבער אַ ריכטיקער מאַנסביל — אַ ברען צו די הינער... ער איז געווען הויך געבויט, ווי אַן אמתער אַטלעט. אַ גאַנץ ווייסער, באַשפּרענקלט מיט גאָלדענע פעדערלעך אַרום זיין גאווה׳דיקן האַלדז און געטראָגן האָט ער שוואַרץ־געפּינטלטע פעדער־פּלודערן אויף זיינע פּאָלקעס.

מיט זיין שיינעם רויטן קאַם און צוויי ברענענדיקע אייגעלעך, פון וועלכע עס האָבן געשפּריצט ליידנשאַפטלעכע פונקען, האָט ער געוואָרפן אַ פּחד אפילו אויף דעם זולל וסובא מורקע. מיט איין פּיק פון זיין שאַרפן שנאָבל, וואָלט ער אים, דעם קאָטער, אויסגעשטאָכן די אויגן. דער האָן האָט עלאַסטיש געשפּאַנט ווי אַן אויסגעפּוצטער קאַוואַליער און געטריבן אַ קייטל קרעכצעלעך. ביי זיין ערשטער באַקאַנטשאַפט מיט אַ נאָוויטנער הין, פלעגט ער אַרויסשנירלען שיינע רייד, זיך געקנוילט אין איר ווייכן, וואַרע־מען לייב און איר צוגעזאָגט, אַז אויב זי וועט זיין אַ גוטע און זיך נישט ווערן, וועט ער איר קויפן אַ מלבוש...

כעלות השחר, פלעגט אונזער האָן אויסשטעפּן אַ לאַנגן קו־קו־רי־קו, אויפגעוועקט זיין גאַנצן האַרעם ווייבער און מעשה קאַוואַליער זיי געפירט צו דער גרינער לאַנקע זיך אָפּוואַשן נעגל־וואַסער מיט די פּערעלעך מאָרגן טוי. נאָכדעם האָט ער געפירט זיינע נשים צו עסן פרישטיק אויפן הויפן מיסט: פּיקן זערנעלעך און קערנדלעך. ווען ער, דער מאַנסביל, האָט דער־טאַפּט אַ זיס ווערעמל, פלעגט ער מאַכן אַן אַלאַרם, ווי ער וואָלט זיך אַנגעשטויסן אויף אַ גאַנצן אוצר. עס איז געוואָרן אַן אָנגעלויף פון די

הינער און דער מאַן האָט פאַר יעדן חלק ווערעמל צו זיינע ווייבעלעך געקריגן זיין באַפרידיקונג...

היות דער האַרעם האָט זיך פאַרגרעסערט און די צאָל פון אייער האָט נישט געשטיגן, ווייל בלויז אַ קליינער טייל פון די ווייבעלעך האָבן זיך געלייגט אין קימפעט, איז געפאַלן אַ פאַרדאַכט אויפן מאַנסביל, אַז ער קאָן זיך אַליין נישט אַנפאָרען מיט אַזאַ גרויסן האַרעם... האָבן מיר געקויפט נאָך אַ האָן — אַן אַרויסהעלפער.

ער, דער צווייטער, איז געווען אַ רויטער מיט כיטרע אייגעלעך. ער איז נישט געווען אַזוי גרויס ווי דער ווייסער, אָבער זייער זשוואַווע מיט אַן אָנגעצויגענעם רצון.

ווען דער ווייסער קאַוואַליער האָט דערזען נאָך אַ מאַנסביל, האָט זיך אין אים צעברענט אַ ווילדע אייפערזוכט און זיינע אויגן האָבן געצונדן נקמה־פונקען. דער ווייסער האָט גלייך אַרויסגערופן דעם רויטן אויף אַ פאַרמעסט.

ביידע הענער האָבן אויסגעצויגן זייערע העלדזער. די פעדערן זיינען געבליבן שטיין גלייך ווי אַריינגעשטעקטע, די אויגן אָנגעגאָסן מיט ווילדער רציחה דורס צו זיין דעם שונא. און דער געפעכט האָט אויסגע־בראָכן. איין האָן האָט זיך געצילט אַ פּיק טאָן דעם צווייטן גלייך אין די אויגן. די הינער זיינען געשטאַנען דערשראָקענע און זיך צוגעקוקט צו דער בלוטיקער מלחמה.

דער רויטער איז געבליבן שוואַך און אומבאַהאָלפן. ער האָט זיך אָפּגערוקט אין אַ זייט, אָבער דער ווייסער אָט אים נאָכגעיאָגט. נאָך אַ פּיק און נאָך אַ צופּ, ביז דער רויטער האָט אויסגעשטרעקט זיינע פיס, געבליבן ליגן אַ פאַר׳חלש׳טער, אַ פאַרבלוטיקטער אָן אַ טראָפּעלע אָטעם.

דער ווייסער חברה־מאַן האָט זיך אויסגעגליכט די ביינער, אויסגע־פוצט זיינע פלודערן און עלאַסטיש מאַרשירט צוריק צו זיין האַרעם מיט אַ נצחונדיקן שטאָלץ.

*

פאַר אילינען צו גיין שעכטן אַן עוף איז געווען די ערגסטע שליחות. עס האָט איר ווי׳ געטאָן דאָס האַרץ נעמען אַ צער־בעלי־חיים און קוילן.

איבערהויפּט פּלעגט זי שטאַרק ליידן, ווען דער אַלטער שוחט מיט זיין חלף אין זיינע ציטערדיקע פינגער האָט געקוילעט און נישט דערקוילעט. אילינע האָט נישט געקאָנט צוזען ווי דאָס עוף האָט געטריפּעט מיט די פליגלען, זיך געמאַטערט אין גסיסה־ווייען, געשיפּעט און נאָך געזשיפּעט. זי פלעגט מיט פייכטע אויגן וואַרטן ביז דאָס עוף האָט אויסגעאָטעמט דעם לעצטן אָטעם. איז שוין טאַקע רעכט, וואָס ווען זי איז איצט געקומען צום אַלטן נח שוחט מיט צוויי עופות, האָט זי זיך געבעטן ביי אים רחמים ער זאָל אַ כיקע טאָן מיטן חלף אַ ביסעלע טיפער, כדי זיי זאָלן זיך לאַנג נישט מאַטערן...

נישט קוקנדיק, וואָס אונזער מאַנסביל, דער ווייסער האָן, האָט געהאַט אַזאַ גרויסן האַרעם, פלעגט ער דאָך אַלע פרימאָרגנס ציילן צי קיינער פון די ווייבער פעלט נישט.

היינט איז ער אַרומגעגאַנגען אַ צעטומלטער, אַ צעטראָגענער, געררופן און געקרייט, — עס האָבן אים געפעלט צוויי ווייבער... ער האָט געהאַט אַ חשד, אַז אילינע האָט זיי געכאַפּט און זיי פאַרטראָגן אַהין פון וואַנען מען קומט שוין נישט צוריק.

דער האָן האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף דער פריזבע, אַרויסגעלאָזט אַ הייזעריקן קריי, אַריינגעקוקט אין פענצטער און באַמערקט ווי זיינע צוויי ווייבער ליגן איינגעשמירט אין בלוט מיט צעפליקטע פעדערן. ער האָט אַוועקגעשפּאַנט מיט אַ צעבראָכענעם געמיט. אַ טערפּקע ווינטל איז אָנגעלאָפן און צעבלאָזן זיינע פעדערן פון זיינע געפינטלטע פלודערן...

מורקע איז געלעגן אויסגעצויגן מיט די שאַרפע נעגל און אָנגעשפּיצט צוויי אָנגערייצטע קוקערס מיט אַפּעטיט אויף די צוויי געשאָכטענע הינער. אילינע האָט אויך אויסגעגלאָצט אירע אויגן אָנגעגאָסן מיט רחמנות אויף די צוויי אומשולדיקע הינער און אַ זיפץ פון צער האָט אַרויסגעברומט פון איר צעווייטיקט האַרץ. מורקע האָט אַ מיאַוקע געטאָן, געכאַפּט אַ קוק אויף אילינען ווי ער וואָלט געפרעגט צי מען מעג שוין עפּעס טועם זיין פון די געקוילעטע.

אילינע האָט דעם זולל וסובא אַ שטאַרקן שטורך געטאָן מיט איר פוס. מורקע האָט זיך געקאָרטשעט פאַר ווייטיק און געשיקט אַנטרונען צוריק הינטערן טאַפּטשאַן.

צווייטער טייל

היימישע געשטאלטן און ימים־טובים

ביי אַ גלעזל טיי

(געווידמעט אַרטשיק איינבינדער — אַרטשיק שלמה־ישראלס)

שענהוויז און אפשר טאַקע גאַנצע שטיקער נעכט, פלעגן מיר זיצן געמיטלעך און שמועסן וועגן יענער צייט, וועגן דאָרט... „יענע צייט״ האָט געמיינט די אַמאָליקע קינדער־ און חדר־יאָרן, און „דאָרט״ האָט געמיינט — אין דער אַלטער היים, אין האָלאָסקאָוו, מיט די אַרומיקע דערפער.

איך פלעג געניסן אַ פול־מאָסיקע הנאה ווען ער, אַרטשיק, פלעגט מיט זיין געזונטן חוש פון הומאָר און מיט הרחבת־הדעת אָנהייבן אַזוי פאַמעלעך, בלויז אַ רינגעלע פון אַמאָליקע גלייכווערטלעך, טשיקאַווע מעשה׳לעך, און אומבאַמערקטערהייט זיך פאַנאַנדערוויקלען אין אַ לאַנגער קייט פון אַלערליי עפּיזאָדן מיט אַ גאַלעריע פון היימישע געשטאַלטן.

אָננעמענדיק מיך ביי דער האַנט ווי מען פירט אַ קליין ברודערל, פלעגט ער מיך נישט איינמאָל אַריינפירן קיין האָלאָסקאָוו. און אַזוי האָבן זיך פון זיין צונג בוימלדיק געגליטשט, אַ רייע פון אַמאָליקע אינצידענטן אַזש ביז צו עקסטאַז. מאַנכעס מאָל בין איך געבליבן זיצן ווי אַ געפּלעפּ־טער, ווי היפּנאָטיזירט און פאַר׳גולמ׳ט, געקוקט אים גלייך אין מויל אַריין, פריילעך שווייגן, און זיך גע׳חידוש׳ט ווי אַ מענטש באַזיצט אַזאַ פענאָמע־נאַלן זכרון, צו געדענקען אַזוי קלאָר, אַזוי לויטער, פּונקט ווי עס וואָלט אַקאָרשט פּאַסירט.

די אויגן צעפינקלען זיך ביי אים. די קנייטשן ווערן טיפער. בלויז אַ פיר מיט דער האַנט איבער דעם גמרא־שטערן און שוין שעפּט ער פון אַמאָליקן קוואַל נאָך און נאָך...

מערקווירדיק! אַרטשיק איז שוין אין אַמעריקאַ אַ בינטל מיט יאָרן און דאָך איז ער נאָך אַזוי שורשדיק פאַרצווייגט מיט אונזער שטעטל...

וואָס עלטער מיר ווערן, וואָס ווייטער מיר שפּאַנען אויף דעם וועג פון לעבן, אַלץ נעענטער שטויסט אונז צוריק צום אַמאָליקן שטעטל, — פּונקט ווי אַ פאַרהוילענער מאַגנעטישער כח וואָלט אונז געצויגן. דאָס דערקלערט

זיך מיט דעם, ווייל מיר עלטערן זיך, ווערט די קעגנוואַרט אַזוי ווערטלאָז, שיטער און וואַסערדיק. דער באַגער און רצון צו די עולם־הזה תענוגים ווערט טראָפּנווייז צערונען און אַטראָפּירט. די צוקונפט איז פאַרנעפּלט, פאַרצויגן מיט אַן אייזערנעם פאָרהאַנג.

דערפאַר ווערן מיר דורכויס דורכגעדרונגען, פאַרקניפּט און פאַרבונדן מיט דער טיפער פאַרגאַנגענהייט פון העט־וויט, ווען מיר זיינען נאָך קינדער געווען. איבערהויפּט האָב איך מיך אין דעם איבערצייגט, נאָכפּאַל־גנדיק דעם פּאַטאָס, דעם מוט און חשק, מיט וועלכן אַרטשיק כאַפּט אויף די אַמאַליקע טיפן. ווי קינסטלעריש, כאַראַקטעריסטיש ער אַנאַליזירט, אַזוי לעבעדיק!

און איך געדענק דאָס ווי היינט:

פּאַסירט האָט דאָס אין איינעם פון יענע עפּישע, שטורעמדיקע טעג, ווען היטלער האָט אויף די ברייטע סטעפּעס פון אוקראַינע געליטן איין מפּלה נאָך דער צווייטער. ווען די קעפּלעך פון אַלע צייטונגען האָבן אַזוי שאַלנדיק אויסגעשריען די נעמען פון שטעט און שטעטלעך, ווען אויף די שפּאַלטן האָט זיך צווישן אומאַן, קריוואָזער און סאַווראַן אויך דער נאָמען פון האַלאַסקאָוו באַוויזן. דאָרט, אויף די זאַמדיקע ברעגן פון בוג, איז איבערגעגעבן געוואָרן וועגן דעם ענדגילטיקן נצחון פון דער רויטער אַרמיי, איבער די קרעציקע נאַצים. הגם עס איז שוין דאַן געווען סוף מערץ, איז יענע נאַכט צוגעפאַלן אַ מידע, אַ פריציטיקע.

אין הויז האָב איך נישט געקאָנט איינזיצן. עפּעס האָט מיך ארומגענו־מען אַ צערייצטער חשק צו באַזוכן, שמועסן מעניני דיומא און זיך טיילן פון געהערט און געזען. צופעליק האָט זיך דער טעלעפאָן צעקלונגען און דערהערט אַרטשיקס באַסאָווע צופרידענע שטימע:

— געזען די צייטונגען? געלייענט וועגן דעם נצחון איבער היטלערן אויך אין אונזער האַלאַסקאָוו? — געפרעגט האָט ער בפה מלא, מיט אַזוי פיל באַגייסטערונג, ווי ער וואָלט זיך געבעטן: „גיט מיר אַפּ מזל־טוב!“ און תוך כדי דיבור טאַקע מיך פאַרבעטן צו זיך אין הויז פייערן דעם נצחון ביי אַ גלעזל טיי. איך האָב די איינלאַדונג גערן אָנגענומען.

ווען איך האָב נאָר אַריבערגעטראָטן די שוועל ביי אַרטשיקן מיט זיין

משפחה, האָט די פרייד געשלאָגן מיט טויזנטער קולות! עס האָט געוויבלט און געשוויבלט מיט ליבהאַרציקע לאַנדסלייט; פון די ווינקלען איז אויפגעגאַנגען אַ געמיטלעכקייט, אַ פּוכיקע וואַרעמקייט האָט געגלעט, זיך געלאַשטשעט און בקול רם זיך געווינטשן מזל טוב צוליב דער באַפרייאונג פון אונדזער שטעטל. אַרטשיק האָט אויסגעקוקט לא כתמול שלשום. וויפל פרייד עס האָט געשפּרודלט אַרום אים! עפּעס אַ באַזונדער צופרידענער שמייכל האָט זיך געפּורעמט אויף זיינע ליפּן, זיין שטימע איז לויטער און קלינגענדיק און ווען עס דערהערן זיך די טענער פון זיין באַרימט ליד „די סאָכע“, וויסן מיר שוין, לאַנדסלייט, אַז זיין ענטוזיאַזם און באַגייסטערונג האָט דערגרייכט צום קלימאַקס...

אַרטשיק,ביילע און די קינדער זיינען בטבע זייער ליבע מענטשן און גרייט מיט אויסגעשפּרייטע אָרעמס, צו יעדער צייט, אויפצונעמען געסט בסבר פּנים יפות.

זיצנדיק אַזוי געמיטלעך ביים גלעזל טיי, האָב איך דערשפּירט ווי אַרטשיקן האָט אַרומגענומען אַ נאָגנדע בענקשאַפט צו אונזער אַמאָליקן שטעטל. אָך, וואָלט ער איצט אַזוי מיט דער גאַנצער מסיבה לאַנדסלייט זיך אויפגעהויבן אויף די פליגל פון אַמאָליקע זיסע דעראינערונגען און לאַנדן כאָטש אין קליין־מעטשעטנע — אַ קורצער מהלך פון האַלאָסקאָוו — מיט דער האַנט צו דערלאַנגען! און פון דאָרט שטילערהייט זיך אַריינדריידלען אין די שמאָלע, קרומע געסלעך, די הייזער און דער בוג.

דערשפּירנדיק נאָך וואָס זיין נשמה לעכצט און גלוסט איצט, האָב איך געשטעלט דעם פּאַסנדן טאָן און אים געבעטן פאַר אונז מאָלן איניקע טיפּן פון דער אַלטער היים.

ווי שיין, נאַטירלעך און לעבעדיק ער האָט זיי געמאָלן! וואָס ווייטער ער האָט זיך פאַרנומען, אַלץ באַגייסטערטער איז ער געוואָרן. זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַרציען שמאָל, אַ סימן, אַז ער איז שוין ווייט ווייט פאַרפלויגן. ויתרוצצו: איין געדאַנק רייסט זיך פאַרן צווייטן, איין דעראינערונג שטופּט זיך פאַר דער צווייטער: אָט זעט ער זיך ביים דרדקי מלמד און נאָכער ביים מלמד פון חומש מיט רש״י: ער געדענקט אַזוי ניכטער יענע בין־השמשות׳דיקע, לאַנגע גאָמען־אויסגעצויגענע ווינטער־

נעכט — אַ נאַכט אַ יובל. דער רבי איז אַוועק אין בית־המדרש דאַווענען מנחה און מעריב. קיין ליכט דערוועגט מען זיך נישט אָנצינדן — וואָס טויג ליכטיקייט ווען מען לערנט נישט? זיצן תלמידים אַריינגעפּלאָכטן אײנער אין צווייטן און מען דערציילט זיך מעשים נוראים פון שדים, רוחות, מזיקים און נישט־גוטע...

איז דער אינדרויסן אָבער אַ שיינער און די נאַכט פּאַלט צו אַ לבנה־דיקע, דאַן דערציילן זיך תלמידים מעשיות פון בעל־שם, אליהו הנביא א. אַז. וו.

אַרטשיק לעבט איבער אויפסניי די אַמאָליקע שבתים, ימים־טובים, חתונות, פּאָזשאַרן און לויות.

ווען ער האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און זיך ביסלעכווייז באַהעפט צוריק מיט דערווירקלעכקייט איז שוין געווען אין דער טיפער שעה פון דער נאַכט. זיין פּנים איז געווען אויסגעלייטערט, עפּעס האָט אַ בליץ געטאָן אין זיין מוח, ווייל ער האָט זיך ספּאָנטאַן אַ הויב געטאָן און זיך אָנגערופן:

— ווען עס וועט זיך ענדיקן די מלחמה וועט אונזער הייליקער חוב דאַרפן זיין: זיך אַרויסלאָזן צווישן די וויסטע חורבות און פּאַרסמאַליעטע רואינען, דאָרט וואו עס פינצטערט דער הונגער, אויסזוכן אונזער שארית הפליטה פון האַלאָסקאָוו, און מיט די לעצטע כחות, ביז דעם לעצטן טראָפּן פון ענערגיע — זיי, די אומגליקלעכע, רעהאַביליטירן אָדער, אויב מעגלעך, איבערפּלאַנצן...

יאָ, טייערער אַרטשיק איינבינדער! מיר דריקן אייער האַנט, איר זענט אַן אויסגעהאַלטענער האַלאָסקאָווער! נעמט די לייצעס אין די הענט און האַלט זיי שטאַרק! אַ האַרציקן יישר כח אייך!

לייב קוויטקאָ — מיין בן־עיר

(אַ קראַנץ יוגנט־זכרונות מיט אייניקע עפּיזאָדן פון פאַרגאַנגענעם אַמאָל)

ווען דער באַרימטער אידישער דיכטער וואָלט נישט אומגעבראַכט געוואָרן, וואָלט ער איצט געווען אַ בן שבעים. ער איז געווען איינער פון די טאַלאַנטפולסטע דיכטער פון אונזער פאָלק.

לייב קוויטקאָ — דער, אין וועמענס ווערזן עס האָט געשפּרודלט אַזוי פיל דיכטערישע טרוימען. דער, וועמען דאָס לעבן איז נאָך פאַרבליבן אַ גרויסער בעל־חוב, איז מיט אַ מאָל פאַרשניטן געוואָרן, און זיין ליד איז פאַרשטומט געוואָרן. צוזאמען מיט אים איז אויך פאַרגאַנגען אייגנאַרטיקייט, איידלקייט און זיידענע פיינקייט.

יעדעס ליד זיינס איז ווי אַ דימענט אַריינגעזעצט אין דער קרוין פון אידישער פּאָעזיע.

לייב קוויטקאָ — צוויי גרויסע קיילעכדיקע, פינקלדיקע אויגן, וואָס שמייכלען און קוועלן אָן, און אָפטמאָל לאָזן זיי זיך אַרונטער אין דיכטערישער פאַרטראַכטקייט.

לייב קוויטקאָ — אַ הויכער לויטערער שטערן, וואָס שניידט זיך אַריין דורך צוויי טיפע ווינקלען אין געדיכט־געקרייזלטע שוואַרץ־פּעכיקע לאָקן.

בלויז דער קלאַנג פון זיין נאָמען איז גענוג פאַר מיר עס זאָלן דורכציטערן אין מיין האַרץ אַלע ניואַנסן פון דורכגעלעבטע קינדער־יאָרן, עס זאָלן וויברירן אין מיין נשמה איינגעזאַפּטע לידער, און עפענען אויפסניי די שלייפן פון איינגעשלאָפענע זכרונות.

קוויטקאָ איז געבוירן געוואָרן אין מיין שטעטל האָלאָסקאָוו אויף די ברעגן פון טייך בוג.

זיינע עלטערן זיינען פריצייטיק אָפּגעשטאָרבן, ווען ער איז נאָך אַ דרדקי־אינגל געווען. אפילו זיין עלטערער ברודער, מאיר, אַ שאַרפער מח, איז אויך אַוועקגעריסן געוואָרן פון דער זעלבער קראַנקהייט ווי זיין פאָטער — שווינדזוכט.

זיין באָבע חיה־עטי, וועלכע פאַרנעמט אַ גאַר חשובן פּלאַץ אין זיינע לידער פון דער „ערשטער זאַמלונג", האָט אים, דעם קיילעכיקן יתום, אַריינגענומען הינטער איר שוץ צו זיך אין אָרעמען שטיבעלע. די וואַרעם־אויגיקע באָבעניו, מיט איר שטענדיק בלייך־אויסגעצערטן פּנים, האָט פאַרטאַכלעוועט און צעטרענצלט אירע עלטערע יאָרן אין דאגות ווי אַזוי צו דערציען איר אייניקל למעשים טובים. זי האָט זיך און איר אייניקל דערנערט פון ציען וואַקסענע ליכט און פון זיין אַ פאַרזאָגערין אין דער ווייבערישער שול...

געווען אַן אשה צנועה חיה־עטי און זיך קיין מאָל נישט פאַרקלאָגט אויף איר מערכה. דאָס איינציקע אויסקומעניש איז באַשטאַנען פון זיין ביכולת צו צאָלן שכר־לימוד פאַר איר אייניקל און עס זאָל אויך קלעקן אויף אַ וואַרעם געקעכץ.

ווען לייבל איז שוין געוואָרן אַ חומש־אינגל, האָט זי אים גלייך איבער־געענטפערט אין רשות פון איר ברודער, יעקב־עלי, דער אַלטער רב, וועל־כער האָט געצויגן די קייט פון רבנות נאָך מדור דורות.

דער רב הזקן האָט אים גענומען הינטער זיין אפּוטרופּסות, און אים מקרב געווען ווי זיין אייגן אייניקל.

בטבע איז ער געווען אַ מסתפּק במועט — פונעם רבש"ע האָט דער אַלטער קיין סך נישט געפאָדערט. ווען נישט די צרות הכלל פון אידישן פאָלק, וואָלט ער לחלוטין שלום געמאַכט מיט דער פמליא של מעלה.

יומם ולילה האָט זיך דער אַלטער רב געמאַטערט אין שאַרפע פלפּולים, אין האַרבע פלוגתות, אָדער זיך פלוצים גאַר פאַרלוירן אין התבודדות.

ביז 12 יאָר האָט לייב געלערנט פלייסיק און שטאַרק צופרידנגע־שטעלט זיין אַלטן פעטער, דעם רב, ווען פלוצים איז געקומען דער איבערברוך: לייבל האָט פאַרקירעוועט אין אַ פרעמדער ריכטונג, פרעמדע לימודים, און באַהאַלטענערהייט זיך אַפילו געחבר'ט מיט „עמך"...

*

אין לייבן האָט וויברירט אַ פּאָעטישע נשמה. אַ פאַרהוילענער מאַגנע־טישער כח האָט אים שטענדיק געצויגן ווייט אַוועק צו די רחבותדיקע

פעלדער, צום שטומען וואַלד, צו די באַרגיקע שטרעקעס, צו דער אויס־געשפּרייטער פּאַרע פון מילך־שליאַך צווישן די שטערן, און איבערהויפּט צו די זאַמדיקע ברעגן פון בוג.

ער האָט דערפילט אַ נאָגנדיקע בענקעניש פון רחמנות צו די אָרעמיקע צעוואָרפענע כאַטקעלעך, און אַפילו שטילערהייט, קיינער זאָל נישט באַמערקן, באַוואונדערן דאָס פּראַכטפולע בילד פון אַ שריפה, וואָס פלעגט אויסברעכן אין שטעטל...

זיין פּאָעטישע נשמה האָט זיך נישט געקאָנט גענוג אָנזעטן, נאָכ־שפּירנדיק ווי די געדיכטע זיילן רויך, וואָס זעצן ווי געפּאַלדעוועטע פּיראַמידן פון די קנאָקנדיקע האַלב־פאַרסמאַליעטע דעכלעך, הייבן זיך צו די וואָלקנס און מישן זיך אויס מיט דער גרויקייט פון דער נאַכט. זיינע אויגן האָבן געפינקלט און געטאַנצט פאַר פרייד, אָנקוועלנדיק, ווי רויטע צונגען פון שריפה שפּרייטן זיך איבערן שטעטל און לעקן די צעריסענע שטרויענע דעכלעך פון די נידעריקע שטיבעלעך...

לאָמיר נעמען אַ פּאָר סטראָפן פון קוויטקאָס אַ ליד:

„כאַטקעלעך ווייסע ווי נייע
צעשיט אין די בערגיקע שטרעקעס
און צווישן דאָרט ברעכט זיך אין דרייען
דער בוג אין די שטיינערנע ברעגעס,
אַ דאָרט וואו צום פּריצישן הויז
מיט הינט אויף די קייטן דער וועג איז, —
געדענקט זיך אַ שריפה פאַרטאָג,
פון שריפה צום שטאָט איז געגאַנגען
אַ מענגע פאַראויס, און אַ פאָן
איז אַ רויטע איבער קעפּ זיי געהאָנגען“.

קיין קינסטלער פון דער אידישער פּאָעזיע איז נישט אַזוי באַווירקט געוואָרן פון זיינע היימישע געשטאַלטן, און באַזונגען זיין שטעטל ווי לייב קוויטקאָ האָט געטאָן.

אין יעדן גרעזעלע, אין יעדן זאַמדעלע האָט ער אַריינגעגעבן אַ כח־

הדבור. שעה׳נווייז און אפשר טאַקע גאַנצע שטיקער טעג, פלעגט ער זיך ארומטערלאָזן אין הויכן קאָרן, אָון דאָרט, אויף דער רויער ערד, פאַרפירן אַ שמועס אַפילו מיטן היישעריק אָדער שמעטערלינג.

איך געדענק נאָך אַזוי בולט זיינע ערשטע טריט.

דאָס ערשטע ליד, וואָס האָט אים געמאַכט אַזוי פּאָפּולער איז געווען „האָב איך מיר אַ קאָוונדל״. ער האָט דאָס ליד אָנגעשריבן אויף די טאָוולען פון אַ סידור אין 1912. און טאַקע בשייכות מיטן ערשטן ליד, בליצט אויף ביי מיר אין זכרון אַ הערלעך בילד, פאַרבונדן מיט אַ גאָר אָנציענדן עפּיזאָד, וואָס איז כדאי איבערצוגעבן:

ווען דער אַלטער קראַנקער רב, יעקב־עלי, האָט פּלוצים באַפוילן דער רבי׳צן, זיין איידעלן זון חיים׳ן, און זיין איינציקע שוועסטער חיה־עטיע׳ן צו פאַרלאָזן דאָס חדר, און געבעטן אַן עדה אידן זיך צואיילן און אים ברענגען דעם „מעבר יבוק״, האָט יעדער פונק פון האָפענונג זיך אויס־געלאָשן. אַ מרה־שחורה האָט זיך פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן שטעטל. אַ טיפער טרויער ווי שווערער בליי, האָט געדריקט יעדנס האַרץ. דער חולה מסוכן האָט געבעטן זיך צואיילן מיטן ספר, חלילה נישט פאַרשפּע־טיקן...

ער האָט דערפילט, אַז דאָס איז דער לעצטער געראַנגל, אַז אַלע טויערן פון האָפענונג זיינען פאַרזיגלט געוואָרן. אמת טאַקע, אַז דער גוף איז פון קנאַפּער וויכטיקייט, אָבער ער האָט נאָך נישט אונטערגעצויגן קיין סך־הכל מיט דער זינדיקער ערד. איבערהויפּט האָט ער מיט זיין שוועסטער חיה־עטי וועגן איר לייבלען גאָרנישט גערעדט.

— אַ גאָלדן קעפּל! וואַקסט אַן עלוי!! ווער ווייסט, אפשר?...

ניין! ער איז נאָך אינגאַנצן נישט צוגעגרייט אַהין...

די מינוטן פון הסתלקות זיינען געציילטע, כאָטש אַ ב׳כבוד׳יקער שטול איז שוין פון לאַנג אַוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר יעקב־עלי׳ן אין גן־עדן, זינט דער שווערער הוסט איז אים אַזוי גרויזאַם באַפאַלן נאָך מיט צוויי יאָר צוריק, ווען ער איז אין אַ האַרבסטיקן פרייטיק פאַרנאַכט געגאַנ־גען פון מרחץ. אַ קאַלט דריבנע רעגנדל האָט זיך געזיפּט אַזוי לאַנגזאַם,

פויל. די קילע פייכטקייט האָט דעם אַלטנס צעוואַרעמטן גוף געגלעט און — ער האָט זיך פאַרקילט...

פון די צוויי גלעזער מילך, וואָס חיה־עטי האָט איינגעהאַנדלט פאַר איר און איר לייבל׳עך, האָט זי אויך אַ קאַפּעלע אָפּגעשפּאָרט פאַר איר ברודער דעם קראַנקן רב.

— זאָל ער זיך מחיה זיין, ווען דער שווערער הוסט באַפאַלט אים דורך די געכט בעת ער פראַוועט „חצות״.

דעם רופא׳ס וואָרענונג נישט אַרונטערעסן ביינאַכט פון בעט האָט גאָר נישט פועל געווען, אָבער איצט, ווען די ווייטיקן האָבן זיך פאַר־שטאַרקט און סימנים פון גסיסה האָבן זיך באַוויזן, האָט זיך דער אַלטער רב אָנגעגורט מיט זיינע לעצטע, שוואַכע כחות און זיך מכין געווען אין ווייטן וועג אַריין...

ערשט מיט אַ וואָך צוריק האָט ער מיט זיין שוועסטער איינגע׳טענה׳ט:

— חיה־עטי, גיב אַכטונג אויף לייב׳ן!... זאָל ער לערנען גאָטס תורה פלייסיק!...

דעם אַלטנס יוּאונטש, לייב זאָל לערנען גאָטס תורה, האָט פאַרמאָגט אַ פילאָסאָפישע באַדייטונג. לייבס ברודער, מאיר, אַ גרויסער למדן, האָט אָפּגעקערט פון גלייכן וועג, געפאַנגען געוואָרן אין דער נעץ פון אַפּיקורסות, חבר׳ט זיך מיט „זיי״ פון יענער זייט טייך...

אָנגעהויבן האָט מאיר כלומרשט מיט תנ״ך און געריבלט זיך שוין אין פילאָזאָפישע פאַרבלאָנדזשענישן. — אַ גרויסער קאָפּ מיט פאַרפירטע געדאַנקען. איז נאָך שטאַרקער געווען דעם רב׳ס באַגער לייב זאָל לערנען גאָטס תורה.

יעקב־עלי האָט זיך שטאַרק געערגערט, מורא האָבנדיק, אַז דער שוואַרצער פלעק זאָל חלילה נישט גורם זיין „דאָרט״ קיין עונש. אָבער דער געדאַנק, אַז פון לייבן וועט אויסוואַקסן אַ גדול הדור, וועט שוין ממילא מכפר זיין אפילו אויף זיין ברודערס זינד אויך...

*

ווען קוויטקאָ איז אַלט געוואָרן צוועלף יאָר, האָט ער אין זיין חדר

מיוחד, אָנשטאָט צו לערנען גאָטס תורה. פונקט ווי זיין ברודער מאיר, זיך צוגעכאַפּט צום תנ״ך און משכילישע למודים.

אַ שטאַרקער ווילן האָט אים באַהערשט אַרויסצורייסן זיך פון שטעטלס רשות, און זיך באַפרייען פון דער משא פון תרי״ג מצוות.

די ביכער, ס׳רוב פון דיכטער און שרייבער, פלעגט ער שלינגען מיט אָנגערייצטן דורשט.

שבת איז געווען דער איינציקער טאָג פריי פון חדר, פון לערנען און איבערהויפּט פון בייזן רבי׳ן. ער פלעגט זיך אין יענעם טאָג אַוועקלאָזן אין יענער זייט הינטערן שטעטל, באַרג־אַרויף צו די גרינע פעלדער, צו די פרייע פייגעלעך און פאַרגעטערן גאָטס שיינע וועלטל. דער אומגעהויער־רער ווילן צו זיין פריי און אומאָפּהענגיק, איז געווען דער גרעסטער צוועק אין זיין לעבן. דאָרט, צווישן הויכן קאָרן און די רחבות׳דיקע שטרעקעס האָט ער זיך אויך געפילט פריי; דאָרט, צווישן דעם געזאַנג פון די פייגעלעך האָט אויך זיין נשמה געזונגען.

האָט פּאַסירט אין איינעם פון די שבתים פון די פּרעכטיקע זומער־טעג, אַז אָנשטאָט צום בית־המדרש, האָט ער זיך גאָר מיט זיין סידור׳ל אַרויסגעדריידלט העט ווייט פון שטעטל און נעלם געוואָרן צווישן די הויכע כוואַליעס־זאַנגען פון ווייץ...

יענער שבת וועט שטענדיק פאַרבלייבן אין מיין זכרון צוליב זיין ערשט ליד „האָב איך מיר אַ קאַוונדל״, וואָס ער האָט געשאַפן אויפן טאָוול פון סידור׳ל, און וואָס האָט געמאַכט אַזאַ גוואַלדיקן רושם אין דער דיכטע־רישער וועלט.

אין טיפן האַרבסט פון קומנדן יאָר איז זיין טאַלאַנט אָנערקענט געוואָרן פון דוד בערגעלסאָן.

איך געדענק אַזוי קלאָר דעם טאָג, ווען פון דוד בערגעלסאָן איז געקו־מען אַן איינלאַדונג צו לייב קוויטקאָ ער זאָל אים באַזוכן אין קיעוו אין שייכות מיט זיין ערשט־אויסגעצייכנט ליד...

איך זיץ אַזוי פאַר׳דאגה׳ט אין מיין צימער ביים פענצטער, וואָס קוקט אַרויס צו די דילנעצעס, אַריינגעטאָן מיטן גאַנצן מח אין די הכנות ערב די עקזאַמענס...

מיין אויפנאַם־אַפּאַראַט איז אַזוי שטומפּיק און פאַרשמירט:

יענער טאָג האָט זיך געשטעלט אַ פּאַראומערטער, אַן אָנגעברוגז׳טער, פוילער הארבסט. ווינטלעך לויפן אָן, כאַפּן אויף אַ פאַרלוירענע זאַנג און פאַרטראָגן זי אין טיפן טאָל אַריין! בלעטער פאַלן פון די צווייגן ווי טרערן פון וויינענדיקע אויגן.

פון ווייטנס האָב איך באַמערקט ווי קוויטקאָ שפּאַנט אַזוי שמייעודיק מיט פּסיעות גסות, ווי ער וואָלט עמיצן געוואָלט אָניאָגן.

ער איז אַריינגעפאַלן אין מיין צימער מיט אַ קורצן אָטעם, ווי מען וואָלט פון אים אויסגעצאַפּט דעם זויערשטאָף, און איבערפולט פון פרייד אַרויסגעשריען: — „באַקומען אַ בריוו!״ ער האָט מיט ציטריקע פינגער אַרויסגעצויגן דעם בריוו און מיט זיין פוקקען פינגער אָנגעוויזן אויפן אונטערשריפט — דוד בערגעלסאָן — — —

זיינע שוואַרצע לאָקן האָבן זיך נאָך מער געוויקלט און זיינע פינקל־דיקע אויגן האָבן געטאַנצט פאַר פרייד.

ווען ער האָט זיך אַ ביסל באַרואיקט, האָבן מיר צוזאַמען געלייענט, אָדער ריכטיקער געזאָגט, שטודירט דעם בריוו וואָרט ביי וואָרט, ווי מען ציילט קלינגענדיקע מטבעות. און ווידער זע איך זיין צעליכטיקט פּנים, זיינע טיף־שטראַלנדיקע אויגן בעת מיר האָבן אַרויסגעלייענט פון בריוו, אַז דוד בערגעלסאָן רופט אים אַרויס קיין קיעוו.

— פאַרשטייסט? — האָט ער האַלב אָנגעשיכורט פון פרייד אַזש ביז צו עקסטאַז אַרויסגעשאַלט — איך פאָר קיין קיעוו! א י ך לייב קוויטקאָ, פאָר צו מיין רבי׳ן דוד בערגעלסאָן!!...

*

יעדער קינסטלער פון אידישער פּאָעזיע אָדער פּראָזע אין יענער צייט האָט געמוזט באַווירקט ווערן פון בערגעלסאָנס שאַפונג. אַמבולטסטן האָט אין יענער תקופה אָנגעריסן בערגעלסאָנס „דער טויבער״, „יורדים״ און „נאָך אַלעמען״.

קוויטקאָ האָט מיט זיינע לידער שטאַרק נושא־חן געווען ביי אים, און געקראָגן אַ קניפּ אין בעקל מיט גרויס אָנערקענונג.

לעאָן בילמעס

ל. קוויטקאָס שאַפונג ווערט איינגעטיילט אין דריי תקופות:

די ערשטע זאַמלונג לידער איז געווידמעט זיין ליב־האַרציקער באָבע־ניו, וועלכע האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין זיינע יונגע יאָרן. עס האָט אים שטאַרק ווי געטאָן, וואָס איבער דער גרויזאַמער באַציאונג פון דער סאָוויעטישער מאַכט צום עלטערן דור, האָט ער געמוזט איבעררייסן דאָס ליד מיט זיין באָבעניו...

די צווייטע זאַמלונג לידער, האָט ער געשאַפן פאַר קליינע קינדער וועגן, און אַ טייל אויך פאַר יוגנט.

די דריטע זאַמלונג לידער, האָט ער באַזונגען מיט גאַליקער ביטער־קייט דעם אומקום פון אידישן לעבן אין איירָאָפּע און גלייכצייטיק שוין געוואָרפן אַ כמורנעם בליק אויף דעם גורל פון אידישער עקזיסטענץ, אידי־שער קולטור און אידיש לשון אויך אין זיין לאַנד פון סאָוויעטן...

לכבוד דער אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל, האָט ער אָנגעשריבן אַ ליד, וואו ער דערמוטיקט דעם מענטשן, וואָס שטעלט זיך אין דינסט פון זיין פאָלק.

ווען מען וויל זיך גוט אַריינטראַכטן אין זיין ליד „שטאַרקייט״, איז לייכט צו דערשפּירן, אַז דער באַרימטער דיכטער לייב קוויטקאָ, האָט בלשון סגי נהור אין זינען געהאַט זיין אידיש פאָלק.

אין זיין ליד „שטאַרקייט״ שטעלט זיך אויף דער דיכטער און זינגט:

דער פעלז איז שטאַרק —
נאָר שטאָל שפּאַלט פעלזן.
דער שטאָל איז שטאַרק —
דער פלאַם דאָך שמעלצט אים.
דער פלאַם איז שטאַרק —
נאָר ס׳וואַסער שלאָגט אים,
דאָס וואַסער איז שטאַרק —
דער וואָלקן דאָך טראָגט עס.
דער וואָלקן איז שטאַרק —
נאָר ווינט צעיאָגט אים.

דער ווינט איז שטאַרק —
דער מענטש צעטרייבט אים.
דער מענטש איז שטאַרק —
דער טויט — ער בייגט אים.
דער טויט איז שטאַרק —
דער רום אָבער לייגט אים.
דער מענטש, וואָס דינט זיין פאָלק אין נויט —
דער מענטש איז שטאַרקער פונעם טויט.

אַ גרויסער קראַנץ לידער, זיינע כתבי־יד, וואָס טרייסלען אויף די טיפעניש פון מענטשנס נשמה, האָבן נישט געקראָגן קיין תקון צו זען די ליכטיקע שיין.

איידער קוויטקאָ איז פאַרשניטן געוואָרן, איז אים געלונגען איבער־צוענטפערן זיינע כתבי־יד צו מיינעם אַ בן־עיר, וועלכער האָט זיי געבראַכט צו מיינעם אַ חבר קיין אָדעס (צום באַדויערן קאָן איך נישט אַנטפּלעקן זיין נאָמען). ווען איך האָב מיט אַ יאָר צוריק באַזוכט אָדעס, האָב איך געהאַט דאָס פאַרגעניגן צו זען ביי מיין חבר, קוויטקאָס לעצטע שאַפונג און מיט פייכטע אויגן זיך אַריינגעקלאַמערט אין זיינע לידער.

איך האָב געקלערט מיט צעריסענע געדאַנקען און באַין אופן נישט געקאָנט אויפנעמען אַפילו איין איינציקן קלאַנג, ווי מיין מח וואָלט לחלוטין אַטראָפירט געוואָרן...

מיין חבר האָט מיר דערציילט, אַז קוויטקאָס לעצטע בריוו צו אים, זיינען שוין געווען דורכגעדרונגען מיט באַהאַלטענעם יאוש און מורא. ער האָט דערפילט, אַז ס׳רוקט זיך אָן אַ שוואַרצער וואָלקן, וואָס וועט פאַר׳מבול׳ען דאָס אידישע לעבן... אין זיין גאָר לעצטן בריוו צו אַ וויכטיקן בן־עיר אין אָדעס, האָט ער פּרובירט אונטערציען אַ סך־הכל און זיך מיט אים געזעגנט. משמעות קוויטקאָ האָט דערשפירט, אַז דער סוף איז נאָענט. — — —

וואָס ווייטער און ווייטער די יאָרן רוקן זיך אין תוהו ובוהו, אַלץ נעענטער, ליכטיקער און לעבעדיקער וועט זיין אָנדענק ווערן מיט אונז.

אַ פאַרשטערטער תקיעת־כף

זיין נאָמען איז געווען יאָקל דער וואַסער־טרעגער — אַ פּשוטער יאָקל. גערופן האָט מען אים „יאָקל, משה־חיים, יונה, איטע, אברהם־בערס" — אַ זעקס־גאָרנדיקער נאָמען, וואָס יעדער פון זיי האָט געהאַט אַן אַנדערן באַדייט — געאָטעמט פון אַ באַזונדער גזע. יאָקל — זיין אָריגינעלער נאָמען, משה־חיים — נאָך זיין זיידן פון פאָטערס צד, יונה — נאָך זיין זיידן פון מוטערס צד, איטע — נאָך זיין באָבען פון מוטערס צד, און אברהם־בער — זיין פאָטער.

ווי אַזוי, פרעגט איר, האָט זיך אַן אשה, איטע, הייסט דאָס, זיך אַריינגעשמוגלט צווישן אַזוי פיל מאַנסבילן? דאָס איז פאַרבונדן מיט אַן ערנסטן סכסוך, וואָס זיין מאַמע ריקל אַן אַנטיקל, האָט איינגעלייגט וועלטן און דווקא געוואָלט, אַז מיט איר יאָקלס נאָמען זאָל מען אויך איר מאַמע איטען מצרף זיין — אַ סגולה, זאָגט זי, צו אריכות ימים און צו קינדלען.

דער פייערדיקער סכסוך צווישן איר און איר מאַן אברהם־בער האָט געשלאָגן וואָרצלען אַזוי ווייט, אַז ווען ער זאָל איר נישט געווען נאָכגעבן, וואָלט דאָס נישט געווען בלויז געשטערט דעם שלום־בית, נאָר חלילה געקומען צו אַ גט ר"ל. יאָקל האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צום ביטערן טראָפּן. אויף דעם האָט עדות־געזאָגט זיין אָנגעהיצטע, מיט מאָך באַדעקטע נאָז, ווי איינגעטונקען אין רויטן. צו מאַכן אַ „לחיים" איז ער געווען מוכן ומזומן ביום ובלילה, אָפּזאָגן זיך פלעגט ער בלויז דאַן, ווען ער האָט נישט געהאַט, אָדער ריכטיקער געזאָגט, ווען מען האָט נישט געגעבן...

זיין צעאַקערט האָרעפּאַשנע פּנים, באַבערדלט מיט בערשטעלעך האָר פון האָניק־קאָליר און זיינע פאַרזשמורעטע בלינדלעכע אויגן, אָנגעגאָסן מיט שטענדיקן הונגער, האָט אַרויסגעשטופּט סימנים, אַז ער איז אַ ביסל גייסטיק צעשרויפט...

יאָקל איז בטבע געווען אַ גרויסער שווייגער, אפשר איז דאָס שווייגן געווען גורם צוליב זיין שווער שטאַמלען...

בעת ער פלעגט זיך פאַרהיקען, האָט זיין שטערן זיך געפאַלדעוועט אין אַלערליי קנייטשן, זיינע אויגן האָבן זיך פאַרצויגן אין שמאָלע שפּעל־טעלעך, און איידער ער האָט געבוירן אַ וואָרט, האָט אַ בלויער אָדער אויפן האַלדז ביי אים געביטערט. אויף דער פראַגע, ווי אָפט ער היקעט, האָט ער געפּרואווט אַרויסשטאַמלען שנעל, ווי ער וואָלט זיך באַפרייט פון שטאָלענע קייטן: — „ב־ב־לויז ו־ווען איך ר־ר־עד". פון דאַנען איז געדרונגען, אַז ווען ער שוויגט פאַרהיקעט ער זיך קיין מאָל נישט...

הגם יאָקל איז געווען שטומפּיק אויף דער עברי, איז ער דאָך געווען אַ זייער פרומער, אַ שומר־שבת און אַן אָפּגעהיטענער אין זיינע מעשים, חלילה נישט געבראַכט ווערן לידי עברה. לויט זיין אויסזען, האָט ער באַדאַרפט אָפּציילן העכער פינף צענדליק יאָר און אפשר טאָקע די גאַנצע זעכציק, אָבער ער איז נאָך געווען גאַנץ קרעפטיק, אַטלעטיש געבויט מיט דעמבענע פּלייצעס. דאָס אויסגעקראָכענע פוטערנע היטל איז שטענדיק סיי זומער, סיי ווינטער, געזעסן אַנגערוקט אויף זיין משופּעדיקן קאָפּ איבער די אויערן וואָס האָט אים געגעבן אַ קוריאָזנע אויסזען, ווי פון אַ האַלבווילדן שבט. געוואוינט האָט ער אין אַן איינגעפאַלענעם באַרדיי, ערגיץ אין אַ פאַרוואָרפן געסל, וואו עס פינצטערט די נויט.

זיין חיונה פאַר זיך און זיין איינציק טעכטערל פעסל, האָט ער געצויגן פון צוויי שווערע פּרנסות: אין די וואָכעדיקע טעג האָט ער געטראָגן וואַסער און סוף־וואָך האָט ער אַרויסגעהאָלפן וואַנקע דעם באָד־גוי אָנהייצן דעם קעסל מיט זודיקער וואַסער פאַר דער אויבערשטער באַנק, אויסרייניקן די מקוה א. אַז. וו.

יאָקל האָט ליב געהאַט זיין פעסלען מער ווי די גרעסטע אוצרות אין דער וועלט. ער פלעגט זיך אָפּטמאָל מיט איר אַוועקזעצן און שמועסן וועגן זיין ביטערער מערכה. און איין מאָל האָט ער איר פאַרטרויט אַ טיפן סוד:

— אין דער נאַכט וואָס זי איז געבוירן געוואָרן — די ערשטע נאַכט פון סוכות, — איז אויך ביי אהרן־יונה דעם גביר געבוירן געוואָרן אַ זון, מאיר. די חבלי־לדה זיינען געווען אַזוי גרויס און אומדערטרעגלעך, אַז דעם גביר'ס ווייב, די געווינערין איז געשטאָרבן.

ריקל איז געוואָרן זיין אַם און פּאָר גאַנצע צען חדשים האָט זי אָנגעזויגן ביידע: פּעסלען און מאירן...

יאָקל איז נישט איינמאָל באַהערשט געוואָרן פון אַ פלאַמיקן וואונטש... פּילייכט... ווער ווייסט?... ס'וואָלט געוועזן אַ גלייכער זיווג... און טאַקע באַלד זיך געכאַפּט צוריק: ווי וואַגט ער גאָר אַריינגעצויגן ווערן אין אַזעלכע מחשבות?

ערב סוכות און שמחת־תורה גלייכן זיי זיך ביידע אויס: ראשית, האָט אהרן־יונה אויך נישט פיינט דעם ביטערן טראָפּן; והשנית, דערמאָנט ער זיך סוכות אין ריקלען, ווי זי האָט איבערגענומען, געזויגן זיין מאירן און אַלס רחמנות פלעגט ער יאָקלען מקרב זיין צו זיך ווי זיין גלייכן.

שמחת־תורה פלעגן זיי זיך ביידע „לחיים'ן" און אַפילו זיך צוזאַמען געהאַלטן ביי די הענט ווי צוויי צוקונפטיקע מחותנים. צו הקפות פלעגט יאָקל טראָגן אַ שטיקל פּאַרדרוס אויף קהל. זיין שמאָלער מח האָט באַין אופן נישט געקאָנט משיג זיין, פאַרוואָס נח שוחט, אַ איד אַ חלוש, אַ דאַרינקער, איז מען מכבד מיט אַ גרויסער ספר תורה, און אים, יאָקלען, אַזאַ גבור, קיין עין הרע, שטופּט מען אַריין דאָס קליינע מוזיניקל ספר־תורה'לע...

אַ גרויסע ספר־תורה, איז אויב נישט קיין גייסטיקע הנאה, וואָלט ער לכל־הפּחות געהאַט וואָס צוצודריקן צום האַרצן און זי געקושט און געהאַלדזט אָן אַ סוף...

אָבער ווי אַזוי קאָנען זיינע שטאַרקע הענט זיך פּאָרען מיט אַזאַ תורהלעוּפּ'עלע?...

דער גאַנצער חלל פון בית־המדרש איז פאַרהילכט מיט פריילעכע ווינשעוואַניעס: „עוזר דלים הושיע נא!" „דערלעבט איבער אַ יאָר! גם אתם!" און יאָקל האַלט דאָס תורה'לע הויך אויף זיין אַקסל און פון זיינע אויגן קייקלען זיך זודיקע טרערן...

דער „שישו ושמחו" וויקלט זיך פאַנאַנדער מיט ברען און ענטוזיאַזם. אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר האָבן אידן זיך געהאַלטן אין דער מעלה, שטיל, באַשיידן און ניכטער, אָבער אַז ס'איז געקומען שמחת־תורה האָט זיך קהל צעבונדן: דער עולם זינגט צערייסנדיק זיך די העלדזער, שפּרינגען ר'עדלווייז, טאַנצן מיט גדולה, און פּליעסקען, אַז ס'ברענען די הענט.

היי־יאָר האָבן די גבאים געשטעלט גאַנצע עמער ספּירט. דער עולם טרינקט, זינגט און טרינקט ווידער.

דער פאַרנאַכט האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אין שטעטל ווי מיט ווייכע זאָקן. אויפן האָריזאָנט האָט זיך באַוויזן אַ רייפטל לבנה. פון יענער זייט טייך דערהערט זיך דאָס צוויטשעריי פון אַ לאַנגזאַמען פויגל און איבער די בלאָטיקע געסלעך האָט פאַרצויגן אַ שאַרף טערפּקע ווינטל. יאָקל האָט שוין האַלב־שיכור און האַלב־ניכטער אַליין געשישו ושמחה׳ט, געפּלאָנטערט מיט די פיס, אָט־אָט פאַרלירט ער זיין גלייכגעוויכט און שטרעקט זיך אויס אין דער בלאָטע.

אויפן וועג האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אהרן־יונה, דעם גביר, וועלכער איז שוין לגמרי געווען פאַרשניאָשקעט. די גאָלדענע קייט, וואָס הוידעט זיך אויפן פעטן בייכל, דאָס זיידענע שאַליקל מיט די פעטערבור־גער קאַלאָשן, האָבן אָנגעוואוירן דעם גבירישן גלאַנץ. זיין לאַנגע קויל־שוואַרצע באָרד ביזן נאָפּל און זיינע געלאָקטע פאות, ווי צוויי גלעקער, זיינען געווען באַשפּרינקלט מיט בלאָטיקע טראָפּנס.

יאָקל מיט אהרן־יונה׳ן האָבן זיך ביידע אָנגעהאַלטן, פאַרבונדן איין עק פּאָלע מיט דער צווייטער, ווידער „געשלחיים׳ט״, און ענדלעך ווי צוויי שווערע געוויכטער, זיך אויסגעצויגן אין דער בלאָטע.

וואָס ביי אַ ניכטערן אויף דער לונג, איז ביי אַ שיכורן אויף דער צונג:

מיט האַלב־אָפּגעהאַקטע ווערטער האָבן זיי אָנגעצויגן אַ שמועסל: יאָקל, וועגן זיין פעסלען און אהרן־יונה וועגן זיין מאירן. און דווקא אַזוי ליגנדיק איינגעשמירט אין דער בלאָטע, ווערט דעם וואַסער־טרעגערס געמיט געלייטערט און אָפּגעפרישט, אַ זינגענדיקע פרייד פולסירט אין זיין גאַנצן וועזן. יאָקל האָט דערפילט די רייפקייט פון מאָמענט — דעם שעת הכושר, אויסצופּרעסן פונעם גביר אַ צוזאָג — אַ תקיעת כף פאַר אַ צוקונפט־טיקן שידוך צווישן פעסלען און מאירן...

אהרן־יונה האָט הינטער דער השפּעה פון משקה געשלוקערצט און געפּלאָנטערט מיט דער צונג: „שישו ושמחו בשמחת תורה״. ער האָט זיין ווייכע פּוכקע האַנט אַרויפגעלייגט אויף יאָקלס אַקסל, זיין צווייטע האַנט האָט זיך געדראַפּעט אַ וועג צווישן זיין לאַנגער באָרד, ביז זי האָט

געלאַנדעט אין יאָקלס שטאָלענער האַנט. דער גביר האָט אויפגעשפּאָלטן זיינע קאַלאַמוטנע שכורע אויגן, אַריינגעקוקט טיף אין יאָקלס פייכטע רחמנות־אויגן און אַרויסגעמורמלט: — מזל־טוב, מחותן!...

יאָקל ליגט רואיק אין דער בלאָטע ווי אין אַ ווייכן געלעגער, פּרעפּלט שטיל און טראַכט הויך, און זיין פרייד האָט געשלאָגן מיט טויזנטער קולות. ער פילט ווי זי, פעסל, גלעט אים, קושט אים, און די אויגן קלעפּן זיך.

די נאַכט האָט זיך געעקט, דער האָן האָט אויסגעשטעפּט אַ קו־קו־רי־קו און דער פאַרטאָג האָט זיך געפרעסטלט. פון בית־המדרש האָט געבלעזלט אַ מאָגער ליכטל. פון קויטיקן קוימען האָט ווי גרייצערס געשרויפּט אַ שטילער רויך און דורך די פענצטער האָט שוין אַריינגעקוקט דער שחרית.

יאָקלס דורשט האָט זיך גענומען לעשן, זיינע אויגן האָבן זיך מידע צעעפנט, געקוקט מיט נאַרישער תמימות און אין זיין נשמה האָט עפּעס געוואַלדיק אַנגעריסן. ער האָט באַין אופן נישט געקאָנט דערגרונטעווען און זיך געמאַטערט אין ספקות; איז דער תקיעת־כף געווען אַן ערנסטער אָדער גאָר אַ ביטערער קאַטאָוועס, אַ זייפן־בלאָז?...

יאָקל האָט זיך אויפגעשטעלט פון דער בלאָטע, זיך אַרומגעקוקט איבערן גאַנצן אַרום. ער האָט אַ טיפן קרעכץ געטאָן און זיך אַוועקגעלאָזט צום בית־המדרש צום ערשטן מנין...

אַ פּורים־סעודה

(דערציילונג)

יעדער איינער האָט זיך זיינע ימים־טובים, דורך וועלכע ער האַ־ט אָן זיין יידישקייט. על־פּי־רוב האַלטן זיך אידן אין די פּאַרוואָרפענע מקומות ביי די „אָנגעזעענע״ ימים־טובים ווי פּסח אָדער גאָר יום־כפור. אָבער לעאָן ניסעלעוו האָט זיך גאָר אויסגעקליבן פּורים און ער פייערט אים מיט פולן גלאַנץ און פּראַכט. דריי מעת־לעת פריער האָט מען זיך שוין אין ניסעלעווס רחבות׳דיק הויז געגרייט צו דער פּורים־סעודה. נישט בלויז ער, נאָר אויך אַלע בני־בית האָבן געשוויצט און געהאָרעוועט צו מאַכן פּורים אין שטוב.

דאָס שטעטל אין לואיזיענע ביים מיסיסיפּי איז געווען אַ קליינס — גיכער אַ דערפל. מער קיין אידישע משפחות זיינען דאָרט נישט געווען. אָבער אַלע אַרומיקע פּאַרמערס האָבן שוין געוואוסט, אַז ביי די ניסעלעווס גרייט מען זיך צום יום־טוב און אַלע האָבן צוגעהאָלפן מיט וואָס זיי האָבן געקאָנט. צו דער פּורים־סעודה האָט ניסעלעוו איינגעלאַדן אַלע זיינע גוט־באַקאַנטע שכנים צווישן די קריסטלעכע פּאַרמערס און די גאַנצע שטוב איז פול געוואָרן מיט געסט.

דער בעל־הבית האָט אַלעמען אויפגענומען מיט גרויס כבוד, און ווען אַלע האָבן זיך אויסגעזעצט ביי די טישן, האָט ער פאַר זיינע נישט־אידישע פריינט גענומען דערציילן די געשיכטע פון המנ׳ען, אגב אורחא, האָט ער זיי שוין אויסדערציילט וועגן די המנ׳ס אין אַלע צייטן, וואָס יעדער איינער האָט געמיינט, אַז אים וועט געלונגען אומצוברענגען דאָס אידישע פאָלק...

די שכנים האָבן זיך צוגעהערט צו דער געשיכטע מיט שטוינונג, גלייך ווי זיי וואָלטן זיך פון די נגישות און רדיפות צום ערשטן מאָל דער־וואוסט.

אויך ניסעלעווס קינדער, מאורי און ראָוז, האָבן ביסלעכווייז איינגעזאַפּט דעם גייסט פון טאַטנס יום־טוב.

ניסעלעוו האָט מיט זיי איינגעשטודירט דעם זיסן ניגון פון „שושנת יעקב”, דערקלערט זיי דעם טיפן זין פון „משלוח־מנות” און זיי האָבן איבערגעלעבט די פייערלעכע טעג מיט גרויס שפּאַנונג.

פון די געבעקסן און המן־טאַשן, וואָס זיין ווייב האָט אָנגעבאַקן, האָבן די קינדער אויסגעלייגט פולע טעצלעך. דאַן האָבן זיי די זילבערנע טאַצן צוגעדעקט מיט סערוועטקעס, וואָס זיינען אויסגעשטריקט געוואָרן מיט אַלערליי בלומען, און זיי האָבן צוגעגרייט די משלוח־מנות׳ן פאַר אַלעמען. צוערשט האָבן זיי אונטערגעטראָגן דער מאַמען, דאַן דעם טאַטן און דערנאָך האָבן זיי צעטראָגן פאַר די באַקאַנטע פאַרמערס.

אַלע האָבן שוין געוואוסט, אַז דאָס איז דער אידישער יום־טוב, אין וועלכן מען דאַרף דערפרייען אָרעמעלייט און באַקאַנטע מיט גוטע מתנות...

דאָס איז די קריסטלעכע פריינט שטאַרק געפעלן.

ניסעלעוו האָט זיך דערביי אַ גאַנצן טאָג אַרומגעדרייט מיט אַ דינעם שמייכל און פייכט־צעבליצטע אויגן.

אַזוי זיינען פאַרביי יאָרן. מאורי און ראָוז זיינען שוין מער נישט געווען קיין קינדער. זיי זיינען אויסגעוואַקסן און געפאָרן שטודירן אין אַ ווייטער אוניווערסיטעט־שטאָט. אָבער ווען דער יום־טוב פורים פלעגט זיך דערנעענטערן, האָבן זיי שוין באַצייטנס געזוכט אַ געלעגנהייט צו באַפרייען זיך אויף אַ פּאָר טעג, בכדי צו קאָנען פייערן די פורים׳דיקע סעודהביים טאַטנס טיש.

*

ווען עס האָבן זיך געמאַכט טעג פון שפּאַנונג אַרום מדינת ישראל, איז ניסעלעוו אַרומגעגאַנגען אַ פאַרטרויערטער, מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ. גאָרנישט איז אים איינגעגאַנגען. ער האָט געפילט, אַז די וועלט עקט זיך נאָך נישט און געשעפּט זיין טרייסט פון אַלטן בטחון אין דער מגילה: אידן האָבן שוין איבערגעלעבט ערגערע צייטן. אָבער איינרוען האָט ער

אַלץ נישט געקאָנט. ער האָט געהערט, אַז מען דאַרף אַלאַרמירן די גרויסע פעלקער, אויפקלערן זיי ווי גרויס עס איז די סכנה. אָבער, וואָס קאָן ער טון, איינער אַליין אין דאָרף?

אים איז בלויז איינגעפאַלן, אַז היינטיקס יאָר וועט ער נישט מער דערציילן זיינע קריסטלעכע שכנים וועגן אַלטן המן מיט זיינע בנים, נאָר זיי איבערגעבן וועגן דער נייער לאַגע, דערציילן זיי ווי אַזוי די אידישע מדינה איז אַרומגערינגלט פון שונאים. פון אַלע זייטן שטייען זיי אויף און ווילן זיך אויפסנייי פאַרמעסטן אָפּצווישן דאָס אידישע פאָלק.

אויב ער קאָן נישט אויפרודערן די גרויסע, נישט־אידישע וועלט — וועט ער כאָטש טאָן זיין חלק און אויפקלערן דעם קליינעם טייל „וועלט", וואָס ער קאָן יאָ דערגרייכן.

נאָך קיינמאָל האָט ער נישט דערוואַרט זיינע קריסטלעכע שכנים ווי אין דעם איצטיקן פורים. די ווערטער האָבן שוין געברענט זיינע ליפּן און דער אומגעדולד האָט אים נישט געלאָזט איינרוען: ווען זיי אַלע קומען? ווייל עס האָט זיך געשטעלט אַ שאַרפער שטורעם.

דער בייזער ווינט האָט זיך געטראָגן פון די נאַקעטע פעלדער, געטריבן אָן רחמנות די צעבראָזטע כוואַליעס פון דער מיסיסיפּי. לאַנגע שאָטנס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט און איינגעהילט ניסעלעווס הויז.

פון די הכנות איבערן גאַנצן טאָג איז ער שטאַרק מיד געוואָרן. דורך די פענצטער האָט אַריינגעקוקט אַ שטילע בענקשאַפט און אים צוגעקלעפּט די אויגן.

ער האָט זיך אַ ווייל צוגעשפּאַרט אויף דער סאָפע און נישט געשפּירט ווי די ווירקלעכקייט האָט זיך ביי אים אויסגעמישט מיטן חלום...

אָנשטאָט דער ברוגז׳ער מיסיסיפּי האָט ער דערזען זיין היימישן טייך. עס איז ווידער ערב פורים און דאָס גאַנצע שטעטל גרייט זיך צו דער סעודה.

מילדע ווינטלעך לויפן אַרום איבער די געסלעך און גלעטן די פּנימער. די זוניקע שטראַלן רייסן זיך אַריין מיט בייסיקע צינגעלעך. זיי לעקן די שטרוי־באַדעקטע דעכלעך. דאָס איז צעגייט זיך און יעדעס שטרויעלע ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ טריפנדיק קוועלעכל. אַ כריפּענדיק קול פון אַ

בעקן, וואָס אַ אידענע שייערט ביים טייך, רייסט די לופט. פון דער העלער הויט צעווייַנט זיך דער געקריוודעטער שטאָט־הונט, ווען שמואל דער קצב האָט מכבד געווען מיט אַ זודיקן קעסל. דער הונט לויפט אַרום מיט אַן אַרויסגעשטעקטער צונג און איז מרעיש עולמות מיט זיין עוולה. ענדלעך לויפט ער צום טייך זיך קילן זיינע וואונדן.

ניסעלעוו הערט זיך איין מיט אַ צאַפּלדיק האַרץ .אַלע דערקענען אים מיט אַ מאָל: זעט נאַר, זעט! ס׳קאַצל קומט! אַזאַ גאַסט! אָבער ווער גאַסט און וואָס גאַסט? אַז ער איז געוואָרן אויס ניסעלעוו...

ער איז צוריק געוואָרן ניסעלע דער יתום פון שטעטל און ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער דאַרף גאָר באַלד גיין אָפּטראָגן צוויי עמערס וואַסער צו אַ רייכער בעל־הבית׳טע. ער דאַרף נאָך גיין ערגעץ אָנהאָקן האָלץ און אָפּטראָגן אַן עוף צום שוחט. וואָס זשע שטייט ער ווי אַ גולם? יאָ, ער דאַרף נאָך ערגעץ גיין דערציילן אַ פּאָר מעשיות... מען וואָלט אים נישט גע־לאָזט אויף דער שוועל...

טאַטעס פון קינדער האָבן נישט געלאָזט זייערע תכשיטים זיך חבר׳ן מיטן בידנעם יתום, אָבער דערפאַר וואָס ער האָט געקאָנט דערציילן שיינע מעשיות האָבן פאַר אים זיך גענפנט אַ סך טירן...

ניסעלע אַליין האָט גאָר נישט אויסגעטראַכט. אַלע מעשיות זיינע האָט ער גע׳ירש׳נט פּאַרטיקעראהייט פון פריידע־רייזען דער פעדער־פליקערן. אירע צוויי גראָבע, פליישיקע ליפּן האָבן נישט אויפגעהערט צו דערציילן וואונדער פון דער גאַנצער וועלט.

אין די קאַלטע ווינטער־חדשים איז זי געזעסן אויפן אָנגעהייצטן אויוון און נישט אויפגעהערט צו דערציילן און דערציילן.

ניסעלע האָט זיך ביי איר אויפגעהאלטן, געזעסן ביים בלאָזן שיין פון נאַפּט־לעמפּל און געלאָזט זיך אַריינציען אין אירע כשוף־פעדעם. איר אייגענעם משה׳לען האָט די כאָלערע ביי איר אַוועקגעריסן, און אין דער טונקל, האָט ניסעלע פאַרנומען משה׳לעס אָרט ביי איר אין האַרץ. זי האָט אָבער נישט געהאַט קיין כוח אים אַליין אויסצוהאַלטן און אים איבערגע־געבן אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר אין קהל׳ס רשות... נאָר ווען עס איז געקו־מען פּורים, האָט זיך ניסעלע געשטעלט אויף זיינע אייגענע פיס. ער איז

געגאַנגען פון שטוב צו שטוב מיט משלוח־מנות׳ן, אַריינגעכאַפּט קאָפּיקעס מיט גראָשנס אין זיינע דאַרע פינגערלעך.

פריידע־רייזע האָט אים אויסגעפּוצט אויף פּורים אין דעם בעסטן, אָפּגעריבענעם אָנצוג, וואָס איז פאַרבליבן פון משה׳לען. זי האָט מיט שפּייעכץ באַנעצט און צוגעגלעט זיינע צעשויבערטע פּאה׳לעך... ער קומט דאָך עפּעס אין נגידישע הייזער, טאָ זאָל ער נעבעך נישט פאַרשעמט ווערן! דערנאָך האָט זי אים אַרויסבאַגלייט מיט אַ ברכה.

דאָס טראָגן משלוח־מנות איז געוואָרן ניסעלעס חזקה און זיין פאַר־געניגן. ער האָט זיך אַפילו אויסגעלערנט ספּעציעלע ווינטשעוואַניעס פאַר יעדער בעל־הבית׳טע באַזונדער. ער האָט געקליבן די מטבעות מיט אַ באַזונדער פאַרגעניגן. אָט וועט ער אַהיימקומען צו פריידע־רייזען, איר איבערגעבן דעם מטמון און זי וועט נעמען צוגרייטן דעם פּסח מיטן גאַנצן ברען — — — וואָס זשע שטייט ער און חלומ׳ט?...

ווי׳ געשריען! פאַרוואָס גייט ער נישט זען פריידע־רייזען? ער איז דאָך נאָך אַלץ ניסעלע יתום. ער האָט זיך שוין אַזוי לאַנג נישט געזען מיט איר... אַזוי לאַנג! שאַ, אָט ליגט זי דאָרט אין בעטל... ער לויפט צו, וויל איר שפּאַרן אין דער האַנט דעם מטמון מיט די אָנגעזאַמלטע קאָפּיקעס — אָבער זי קרעכצט גאָר... די אויגן זיינען ביי איר פאַרצויגן מיט אַ גסיסה׳־דיק הייטל און זי קאָן קוים אַרויסברענגען פון זיך אַ וואָרט... ער וויל לויפן עמעצן אַריינרופן, ברענגען אַ שכנה, אָבער זי מאַכט מיט דער האַנט... מען דאַרף נישט! זי וויל אים עפּעס זאָגן:

— ניעסלע! דאָרט אין ווינקל ליגן די פּאָר רובל... וואָס איך האָב אָפּגעשפּאָרט פון מויל... איך דאַרף דאָס נישט מער... וועסט באַלד דאַרפן הונגערן... און שפּעטער וועסטו דאַרפן גיין דינען פּאָניען... געדענק... אַנטלויף בעסער קיין אַמעריקאַ — — — — — — — — —

*

ווען מען האָט אים דערוועקט פון איינגעשלאָפענעם חלום, איז שוין ס׳הויז פול געווען מיט געסט. ניסעלעו האָט זיך געריבן די אויגן און

אַקוראַט נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר: איז ער שוין טאַקע אין אַמעריקאַ? אַזוי שנעל?

מאורי און ראָוז האָבן זיך געפּאָרעט ביי די טישן און די געסט, נישט קוקנדיק אויף דעם בייזן שטורעם, האָבן געהאַלטן אין איין קומען. ניסע־לעוו איז שוין וואָך מיט אַלע חושים. היינט וועט ער דערציילן וועגן דעם פּורים, וואָס ער האָט נאָר וואָס איבערגעלעבט פון דאָס ניי... זאָלן זיי וויסן, ווי אַזוי אַזעלכע ניסעלעך האָבן געלעבט איידער זיי האָבן זיך צו עפּעס דערשלאָגן. דערנאָך וועט ער זיי דערציילן וועגן די טויזנטער ניסעלעך, יתומים פון היטלערס הענט, וואָס האָבן בלויז איין שטראַל פון האָפענונג געהאַט: מדינת ישראל... אַהין האָבן זיי זיך געצויגן, אויפ־געשטעלט זייערע היימען, געוואָרן מענטשן מיט לייטן גלייך — פאַרוואָס זאָל מען זיי שטערן? פאַרוואָס זאָל מען זיי דאָס נישט פאַרגינען?

אין אַלעמענס אויגן האָבן אין יענער נאַכט געבליצט טרערן. זיי האָבן זיך אַלע איינפאַרשטאַנען...

ראָוז מיט מאורין האָבן זיך אָנגעקוקט; ווען נישט פריידע־רייזע וואו וואָלטן זיי איצט געווען?

פאַר די קריסטלעכע שכנים איז מיט אַ מאָל אויפגעשטאַנען אַ נייע מדינת ישראל, וואָס זיי האָבן גלייך דערזען מיט אַנדערע אויגן.

די וואַרעמע טרערן אין ניסעלעווס אויגן האָבן זיי שוין אַלעס קלאָר געמאַכט, אַזוי קלאָר, ווי די טרערן האָבן אויסגעזען ביים אַראָפּפאַלן אויפן טיש.

שבועות־זכרונות

(אַ ביל ד)

(געווידמעט מיין ליבהאַרציקן חבר און קוזין
לעאָן ירושלמי נ״י)

גראָד היינט, ערב שבועות, האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו מאַכן אַ ברכה: „ברוך משנה עתים״ אויף אַ זון מיט אַ רעגן.

די גרינגראָזיקע בערג האָבן אַרומגעגאַרטלט לאָס אַנדזשעלעס מיט אַ קרוין פון גאָלדענע לאָקן. עס זיפּט זיך אַ דין רעגנדל, אַ טראָפּעלע אַ פּערעלע. די זון־שטראַלן כאַפּן זיי שפּילעוודיק אויף, פאַרנאַרן זיי און פאַרוואַנדלען זיי אין שנירלעך פּערל. פאַר אונז ניי־אַריבערגעקומענע פון די קאַלטע מקומות ווי ניו־יאָרק, שיקאַגאָ א.אַז.וו. איז אַ זון מיט אַ רעגן אַ דערפרייענדע דערשיינונג.

מיינע פענצטער זיינען ברייט צעעפנט אַריינצואָטעמען די פאַרפומי־רנדע ריחות פון טראָפּישער גרינקייט, און איך בין גרייט זיך אָנצוטרינקען מיט דער רויער פרישקייט פון זון מיט אַ רעגן.

איך האָב ליב נאָכצופאָלגן און באַגלייטן יעדעס טראָפּעלע, וואָס נידערט בעל כרחך אַרונטער זיגזאַגיש, מורא האָבנדיק גע׳ניזוק׳ט צו ווערן אין האַרטן צעמענט. איך שטרעק אַרויס מיין האַנט און קריג אַ ווילדע הנאה, דערפילנדיק די באַרירונג פון נאַסע פּיסקעלעך, וואָס לעקן מיין האַנט און קלעפּן זיך צו דער הויט ווי צו אַ וואַרעמען פוכקען איבערבעט... ווען די גאַסן וואָלטן אויך דאָ געווען נאַקעטע ווי אין האָלאָסקאָוו, בישט געפּלאַסטערטע, וואָלטן זיך בלי ספק אויך דאָ באַוויזן לאַנגע ראָזעווע ווערים, ווי עס פלעגט טרעפן אין אונזער שטעטל, נאָך דער ברכה „ברוך משנה עתים״. פון אונטער דער ערד זיינען אַרויסגעקראָכן גערייי־פלטע, מגושמדיקע זוחלי־עפר און מיר חברה האָבן זיי געשפּאָלטן אויף צווייען און מיט סאַדיסטישער הנאה אָנגעקוואָלן זעענדיק ווי ביידע טיילן

פון צעריסענעם וואָרעם פלעגן פאַרקירעווען אין צוויי באַזונדערע ריכ־טונגען. אַממערסטנס פלעגן זיי זיך אויפהאַלטן ביי די רינוועס. משמעות, זיי האָבן ליב געהאַט זיך צו פליעסקען אין דעם אָפּפלוס פון אומריינע וואַסערן... ערגעץ וואו הערט זיך דאָס בולבען אַ ריטשקעלע ווי פון אַ פלעשל. אויך פלעגן מיר „גאָלד־גרעבער" זיך אַרויסלאָזן אויף אַן עקס־פּעדיציע, לענגאויס די ריטשקעס און אַנטדעקן גאַנצע אוצרות: פאַר־זשאַווערטע טשוועקעס, פערלמוטערנע און מעשענע קנעפּלעך, מזלדיקע שטיינדלעך וכדומה...

אין שייכות צו דער זייער זעלטענער דערשיינונג פון „זון מיט אַ רעגן" צעגייט זיך האַלאַסקאַוו מיט לאָס־אַנדזשעלעס. ביי אונז אין שטעטל האָבן מיר שוין געהאַט אונזערע אייגענע סימנים, און נאָך מיט אַ נאַכט פאַראויס דערשפּירט, אַז מאָרגן וועלן אידן מקיים זיין די מצווה פון מאַכן די ברכה „ברוך משנה עתים".

אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר, ווען די זון, שוין אַ מידע פון טאָג, האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף די הויכע גראָזן פון פעלד, זיך געזעגנט מיטן טאָג און פאַרגאַנגען אין פלאַמען, אָבער ביים אויסאָטעמען פון אַ געוויסן טאָג, ווען די שקיעה האָט זיך דערשפּילט אויפן טייך און די מלכה האָט פאַר דער טבילה אַרונטערגעצויגן אַלע אירע שטראַלן און זיך צעקושט מיטן טייך, און ווען אויפן מזרח האָט דער הימל שוין געעפנט אַ בלוי אויג און דער בין־השמשות איז געוואָרן מנחה'דיק פאַרטראַכט און זיך פאַרכלינעט מיט וואַרעמקייט, האָבן מיר שוין געוואוסט, אַז דער מאָרגן וועט ברענגען אַ זון מיט אַ רעגן אין דער באַגלייטונג פון אַ רעגנבויגן.

גאָר אַנדערש קומט פאָר די דערשיינונג פון „זון מיט אַ רעגן" אין לאָס־אַנדזשעלעס: פּלוצים, אָן שום הכנות און אָן אַ וואָרענונג, הייבט אָן דער דרויסן צו רעוואָלטירן; אַ באַפעל פון די הויכע הימלען קומט אַרויס צו די בערג גלייך אַרויסצוטרייבן די ווינטן פון די געשניטענע טאָלן — אַן אויפרוף צו די וואָלקנס אַראָפּצונידערן אויפן ים זיך אָנטרינקען און שטיין גרייט פאַרן רוף. אומגעלומפּערטע כמאַרעלעך, ווי ווייסע ים־בערן, ציען זיך איבערן הימל, לויפן שליחות'דיק פאַרביי אַט־אַט און זיי שלאָגן זיך אָן און עס כליאָפּעט אַ גראָבער אַרבעס־רעגן מיט זון־שיין. באַלד

באַוויזט זיך דער רעגנבויגן אויף די פּערלדיקע גרינע קעפּ פון די בערג און דאָס אויג שיכורט זיך אָן מיט כלערליי קאָלירן. עס איז בנאמנות אַ שאָד, וואָס מענטשן זיינען אַזוי אַריינגעטאָן דאָ אין מאַטעריעלע אויסקו־מעניש און דאגות, אַז ס׳גייט זיי גאָרנישט אָן די שיינע נאַטור־דערשיינונגען מיטן גאַנצן אַרום...

*

היות דער שבועות קוקט שוין אַריין דורך די פענצטער, דאַרף איך בלויז איבערדעקן מיינע אויגן „שמע ישראל׳דיק" און וואַרפן פאַרבענקטע בליקן אויף צוריק: — קום זשע, חבר מיינער, אויף אַ שפּאַציר צו דער מיל אָנרייסן גרינס אויף שבועות.

דער ערשטער טייל פון סיון איז שענער און ליכטיק־שטראַלנדיקער פון אַלע אַנדערע זומער־חדשים. די פרימאָרגנס זיינען אויסגעצוואָגענע און פּרעכטיקע. בעת דער מזרח קרישעט זיך הינטער אַ שטראָם פון ליכט, איז דער מעריב נאָך פאַררויכלט און ראַנגלט זיך צו באַפרייען פון קויטיקן ליילעך. די טעג זיינען מטופל׳דיק־רירעוודיקע; עס וואַקסט, עס בליט און עס גרינט, ווו נאָר עס איז פאַרשטעקט אַ שטיקל וואָרצל אין דער ערד. לייכטע ווינטלעך לויפן אָן, טרייבן די פולע זאַנגען פון הויכן קאָרן. כוואַליעסווייז יאָגן זיי זיך און יאָגן זיך און שטייען אויף איין אָרט. די פייגע־לעך זיינען אַריינגעטאָן אין שפּילן ליבעס, אין בויען נעסטן און אין אַ פּישטשעריי און צוויטשעריי. די נעכט, אַך די נעכט! זיי זיינען פול מיט סודות, מאַניען, מאָנען און רייצן די ליידנשאַפטלעכע תאווה צו אַנט־בלויזטער אָקסלדיקער צניעות...

פון דער הויך שווייגט אַרונטער אַ טיף־בלויער הימל מיט סאַמעטענער ווייכקייט און פּינטלט מיט העל־גאָלדענע אויגעלעך.

זיינען מיר, הייסט עס,ביידע אויפן וועג צו דער מיל אָנרייסן גרינס. די קליינע מומע חיה, דעם פעטער אַרטשיקס שטוב, שוין אויך פאַרבייגע־גאַנגען, אָבער ביי שמעון־דוד׳ס ליעסנאָי סקלאַד (און אויסשטעל פון ברעטער), האָבן מיר זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט. מיר וועלן דאָך נישט פאַרבייגן דעם סקלאַד גלייכגילטיק, נישט פּרובירנדיק די געשיקטקייט

דורכצושפּאַנען אַ שמאָל ברעט באַלאַנסירנדיק אונזער גלייכגעוויכט ? צי אַזאַ ספּאָרטמאַנשאַפט האָט אונז געלונגען, פאַרבלייבט אַ סוד צווישן אונז ביידע.

געדענקסטו נאָך, חבר מיינער, די צוויי אָנגעשטעלטע אין דעם סקלאַד ? אויב נישט, באַקען זיך מיט זיי: דיין זיידע אברהם ירושלימסקי און מענדל, שיינדל מינישקעס. אָפּטע קריגערייען פלעגן אויסברעכן צווישן ביידע אָנגעשטעלטע, משמעות, צוליב אייפערזוכט. די אויבערהאַנט האָט תמיד געהאַט דיין זיידע, ווייל ער איז אויך געווען אַ זיידע פונעם אייגנטימער שמעון דוד'ן צוליב זיין חתונה האָבן מיט זיין אייניקל, די יפת־תואר, מייקע, משה־לייבעניוס.

דער אַלטער אברהם, דיין זיידע, הייסט עס, איז געווען בטבע אַ איד אַ כעסן, אַ בייזער און באין אופן נישט געוואָלט איינגיין אויף פשרות. אַנשטאָט אַ „שין" פלעגט ער זאָגן „סין", און מענדל־שיינדלס פלעגט צוליב זיין ציינלאָזן מויל נישט קאָנען זאָגן „צאַדיק" נאָר „טשאַדיק". האָט עפּעס אַ לץ דאָס מריבה'לע אויפגעכאַפּט און עס צעטראָגן וואָרט ביי וואָרט אין פאָרעם פון אַ דיאַלאָג:

אברהם: — „מענדל, זאָלסט מיר מוחל זיין, „ניסט" נאָר ביזטו אַ גרויסער „סייגעץ", נאָר טאָקע אויך אַ „סוטה סעבעסוטה"! און בשעת מעשה אויסגעצויגן דעם „ס" ווי אַ שטיק גומי.

מענדל: — „און איר, ר' אברהם, זשענט אַ איד אַ „„טשאַלאַכישניק" און אַ כעשן. קיין שוחר זשענט איר אויך נישט און דרייט זשיך אַרום דאָ איבערן שקלאַד ווי אַ גאַנצשער פּאַריצש...

*

לאָמיר נאָר נישט אַראָפּגיין פון וועג, מיר גייען דאָך צו דער מיל רייסן גרינס. פּראָקאָפּיעכעס כאַטקע שוין אויך זיך דורכגערוקט. איך זאָג דורכגערוקט, ווייל „סירקע", איר בייזער הונט, איז נישט אַזוי שלום ושלוה מיט די אייניקלעך פון אברהם, יצחק ויעקב...

— וואָס זשע, געדענקסט נישט די פּראָקאָפּיעכע ? אָט וועל איך דיר

אויסרעכענען איר יחוס: זי איז דאָך געווען די נאָענטסטע צו אונזערע לייבער, איך מיין, זי פּלעגט וואַשן אונזער אונטערוועש... אויב דאָס קאָן נאָך נישט אָפּפרישן דיין זכרון, וועל איך דיר געבן אַ סימן מובהק: איר „סוויך" האָט געהייסן פּאָטאָפּ און בימי ציגיינערישן „נאָווי גאַד" (ניי־יאָר), פּלעגט ער שפּילן די ראָלע פון „דיד" (דער זיידע) מיט דער קורקע (הון) זיין קוזין סערגעי, דער טייערער תכשיט, פּלעגט זיין די „ציג". איצט וויסטו שוין? לאָמיר שפּאַנען ווייטער! עס דערטראָגט זיך שוין דאָס מאַנאָטאָנע, דערשטיקטע כריפּען פון די וואַלצן, צוזאַמען מיט דעם רעווען פון דעם ענאָרמישן איבערפלוס פון אָנגעטריבענעם וואַסער־שטראָם, וואָס די אַטקע (צעמענטענע ווענטל) טרייבט אומ׳ברחמנות׳דיק אין די שאַרפע, שטאָלענע ציין פון די וואַלצאָווע רעדער.

דורך די צעוואַקסענע קרומע ווערבעס קוקט אַרויס דער צעשניטענער טייך בוג מיט פאַרכמורעטע פאַרוויינטע אויגן... צווישן דער אַטקע, וואָס האַמעוועט דאָס וואַסער צווישן לישנעוואַטע און דער מיל, ליגט אויס־געשפּרייט רחבות׳דיק אַ געקווייטלטער טעפּיך פון צעריסענע פּאַסעקלעך יבשה איינגעטונקען אין גרינס און פאַרשידענע בלומען, וועמענס נאָך נישט צעוויקלטע בליטן און קנאָספּן קוקן אויס ווי קנישעס און טאָרטן. נו, ווי אַזוי זשע קאָנען מיר זיי משיג זיין? אַז חוץ דעם ווירבלדיקן טיפן וואַסער, וואָס איז פאַרבונדן מיט סכנת־נפשות אַהין צוצוקומען, זיינען די בלומען נאָך באַשיצט מיט אַ גאַרטל פון פאַרשידענע בודיגעס (דערנער) און כלערליי קראָפּעווע־שטעכלקעס? אָבער אינגלעך, וועלכע לערנען שוין ביי אַרקע מלמד, ווייסן שוין ווי זיך אַן עצה געבן... אמת טאַקע, אַז מיר זיינען אויך שיעור נישט צעקייעט געוואָרן פון די שטאָלענע ציינער פון די וואַלצן, צוליב דעם טראַגנדיק וואַסער, וואָס ציט ווי אַ מאַגנעט, און נישט קוקנדיק, וואָס אונזערע הענט האָבן אַ זיפּ פון ראָזעווע בלאָטערלעך פון דער „אש להבה"׳דיקער קראָפּעווע געדעקט, דערפאַר אָבער האָט אין אונזערעביידע שטיבער געגרינט און גע׳שבועות׳דיקט מער און שענער ווי אין אַלע אַרומיקע שכנ׳ישע הייזער...

און כאָטש דאָ אין קאַליפאָרניע גרינט אומעטום, און דער גאַנצער אַרום איז ווי אַריינגעזעצט אין אין ענדלאָזן בלומען־קראַנץ. דאָך, אין

פאַרגלייך מיט אונזער שטעטלדיקן גרינס, ווערט די גאַנצעבליענדע קאַליפאָרניע אין מיינע אויגן אַזוי מאָגער און בלייך, ווי אָנגעפאַרבט און נישט נאַטירלעך־גרין. ווייסטו פאַרוואָס? ווייל עס פעלט דאָ די הויכע באַגייסטערטע שטימונג פון שבועות, און די ראָמאַנטישע התלהבות פון אַ בועז און רות.

*

דעם געבענטשטן „יאַראָק" (טאָל) געדענקסטו? וואָס לאָזט ער דיך הערן? וועלכער האַלאַסקאָווער מיט אַ ראָמאַנטיש־פּאָעטישער נשמה געדענקט נישט יענעם איינגעדרימלטן, גאַמען־צעצויגענעם געזאַלבטן טאָל, וואָס האָט זיך אַזוי רחבות׳דיק אויסגעבעט אין אַ גרינער אָטאָמאַנקע (דיוואַן) אויף די זאַטע פעלדער צווישן האַלאַסקאָוו און קליין־מעטשעטנע? מיר פלעגן שטאַרק מקנא זיין קלמן שמואל׳יקס ווען זומער־צייט פלעגט ער גיין אַלע פרייטיק אַ היים קיין קליין־מעטשעטנע. מיר פלעגן אָנשטרענגען אַלע אונזערע כחות צו זיין נאָענטע חברים מיט אים, בכדי ער זאָל אונז אויך פאַרבעטן אויף אַ שבת צו זיך צו גאַסט.

און באַזיל דעם קאַצאַפּ פון יאַראָק, ווען גערדיכטע באַצווייגטע ביימער עס האָבן געצייטיקט די בעסטע באַ׳טעמ׳טסטע פירות, געדענקסטו? ער, באַזיל, איז געווען אַ ברייט־פּלייציקער, שטאָל־אָקסלדיקער מיט אַ בלוט־פולן רויטן פנים און נישט־געשוירענע פלאַקסענע האָר. זיינע הענט זיינען געווען אָנגעגאָסן מיט שטאָל. פון זיין רויטן פנים האָבן אַרונטערגעהאָנגען טרוקענע, אָפּגעצויגענע צעאַקערטע בראָדעווקעס ווי גאַנצע קאַרשן. געהאָנגען האָבן זיי אויף דינע הייטלעך ווי טאָרבעלעך, וויגנדיק זיך אַהין און צוריק ווי די אוירינגלעך פון די אויער־לעפּלעך ביי אַ שלאַנקער ציגיינערקע.

אָבער נישט וועגן באַזילן און זיין עשו׳ס פרצוף בין איך דאָ אויסן מאַריך זיין, נאָר וועגן זיין זאַטן סאָד מיט די געשמאַקסטע פירות, איבער־הויפּט וועגן די פערעשקעס הכתוב מדבר... זיי זיינען פאַרביק־געל מיט רויטע בעקעלעך, באַשפּרינקלט מיט ברוינע חן־פּינטעלעך, וואָס האָבן זיך

ממש געבעטן — נעמט אונז אויף דער צונג און אונזער זאַפט וועט זיך בוימלדיק גליטשן גלייך אין ווייטן האַלדז אַריין.

אַרום שבועות־צייט פלעגט באַזיל אָנפילן אַ פּאָר קאָשיקלעך מיט מאָרעלן (גרויסע קאַרשן) צום פאַרקויפן. מיין מאַמע איז געווען די ערשטע אים איבערצונעמען און נאָך פיל דינגענישן, כאָטש דער רויטער קאַצאַפּ האָט קיין מאָל נישט אַרונטערגעלאָזן פון מקח, האָבן שוין די מאָרעלן פון קאָשיקל גלייך איבערגעוואַנדערט צו מיין מאַמען אין געקווייטלטן שירץ. מיין מאַמע איז געווען זייער געניט דורכצופירן איבער די מאָרעלן די געהע־ריקע אָפּעראַציע, ד. ה. אויפשפּאַלטן זייערע בייכלעך, און אָנשטאָט די קערנדלעך אָנפילן מיט יאָדערן פון ניס, טונקען זייערע וואונדן אין גראָבן קרישטאָל־גלאַנצענעם מעליץ און אַריינוואַרפן אין אַ קעסל צום פרעגלען לכבוד שבועות. אין איין הרף עין האָבן זיך שוין די מאָרעלן געקאָרטשעט אונטער רויטע פייערדיקע צונגען כצפיחית בדבש און דער ריח פון די גוטע נעגעלעך, וואָס מיין מאַמע האָט פאַרפראַוועט, האָט יצר־הרע׳דיק גערייצט אונזער אַפּעטיט אַ נאַש צו טאָן ביז... ביז... מיר האָבן אַריינגע־קריגן קלעפּ פאַר וועלן זיין אַ זולל וסובא...

אי״ה די קומענדע שבועות׳ן וועלן מיר ווידער גיין צוזאַמען רייסן גרינס אויף שבועות.

אלול־טעג אין מיין שטעטל

אַ ימים־נוראים־בילד פון ווייטן אַמאָל, געווידמעט מיין בן־עיר און עלטערן חבר לייב קוויטקאָ, וועלכער איז פאַרשניטן געוואָרן אין סאַמע ברען פון זיין געניאַלן שאַפן.

עס טרעפט אָפט, ווען מיר זיינען פאַר׳דבקה׳ט אין בענקעניש, שאַפט זיך אַ שטימונג, וואָס ציט אַפילו צום אַלטן שטייגער: מיר קוקן מיט טרערן־פאַרלאָפענע אויגן צו יענעם פרומען איד, מיט זיין דורות־לאַנגער עקשנות און צייטנוויינ אַפילו צו זיין פאַנאַטיזם.

די היי־יאָריקע „עשרת ימי תשובה" האָבן זיך אָנגעזעצט אויף מיינע פּלייצעס מיט אַ בלייענער משא, און מיך אַריינגעטריבן אין אַ מרה־שחורה פון טיפן אומרו... עפּעס מיינען זיי, די פּאָרכטיקע טעג, עפּעס האָבן זיי נישט בחינם באַלאַגערט דאָס פּיצעלע מח, און צילן מיט טיפ־זיניקע פיילן גלייך אין סאַמע פינטל פון זכרון. דאָס פענצטערל פון זכרון עפנט זיך, און אַ ריי פון צעריסענע דערמאַנונגען און בלייכע זכרונות רוקן זיך שורות׳ווייז אַרויס פון פאַרלאָפענעם אַמאָל:

גייען אידן צו „תשליך" אָנגעלאָדענע מיט עבירות. וויפל „מנחה׳לעך" און „קדושה׳לעך" איבערגעהיפּערט!! זיי גייען שמייעוודיק, וואָס שנעלער אויסצוטרייסלען דעם גאַנצן באַגאַזש מיט עבירות אין טייך אַריין.

די שפּיגלדיקע פליסיקייט פון טייך בוג ציטערט אומרואיק, קנייטשט דעם שטערן, מאַכט אַ קרום פּנים, און קאָן באין אופן נישט באַנעמען די גאַנצע תשליך"־שפּיל.

לייכטע כוואַליעלעך פאַרזאַמלען זיך אַרום אַ פלאַטשיקן שטיין, מורמלען שטיל, האַלטן אַן אַסיפה, סוד׳ן זיך און גליטשן זיך מיט ציטריקער אומרואיקייט ווייטער...

דער טאָג עקט זיך שוין, און אויפן מערב האָט אַ שטיק פון אַ רויט אויג אַ קוק געטאָן.

ציט זיך אַן עדה יידן, צאָן קדושים פון תשליך, געלייטערטע, ציילן

ווייכע טריטעלעך, און פאַרקוקן זיך צניעות׳דיק אין דער ריינער שקיעה.

דער אַלטיטשקער נה שוחט גייט פּאַטערלעך פאַרטרוילעך פאַראויס מיט דער גלאַנצנדיקער יום־טוב׳דיקער קאַפּאָטע. ער שפּאַנט פאַרטראַכט, פאַר׳חלום׳ט און פאַרבענקט. הינטער אים, ווי זיין אייגענער שאָטן, רוקט זיך קאָסי שמש. זיינע אויגן אָנגעגאָסן מיט יראת־הכבוד. ער שלעפּט די פיס און טרייבט אַ קייטל קרעכצעלעך...

איך ווייס נישט ווי איך? נאָר ווען אלול־טעג שפּאַנען איבער דער וועלט, ווער איך נאָסטאַלגיש אומעטיק, און האָב ליב צו האַלטן יום־טוב דאָרט, אין מיין אַמאָליקער היים...

ראש־השנה איז אַ נחת־רוח זיך צו פאַרלירן אין די גערדיכטע סעדער, די ביימער שאָקלען זיך מרה׳שחורה׳דיק, דאָס לעצטע פעדערל פון נעסט שוין פאַרטראָגן, און די פייגל גרייטן זיך שוין, מושטירן זיך אויס שורות׳וויז אָפּצופליען אין די וואַרעמע לענדער.

יום כיפּור ווער איך צוזאמענגעשמאָלצן מיט די לאַנגע וואַקסענע ליכט. איך טראָג מיין שטילע תפילה צום בורא־העולם, רוק זיך בדממה דקה, מיט איינגעצוימטן אָטעם צווישן די פאַלדן פון קויטיק־געלבלעכע טליתים און זוך אַ שמעק־טראָפּן...

סוכות טראָג איך מיך אויף די פליגל פון אָנגעלאָפענע ווייטע ווינטן, וועלכע טראָגן מיט זיך די לעצטע אָפּגעשניטענע פאה־זאַנגען איבער די נאַקעטע פעלדער.

איך ווער אויך אַ שותף צום צער פון איינזאַמען היישעריק, וואָס איז פאַרבליבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ.

דער זיידע האָט זיך שוין פון סוכה אויך אַרויסגעצויגן, דער לולב ליגט שוין אָן אָפּגעשאָקלטער, דער סכך איז דורכגעווייקט מיט נאַסקייט פון דעם וויינענדיקן הימל, און עס פאַלן שווערע טראָפּנס אויף דער זאַמד־באַשאָטענער ערד.

שמיני עצרת בייט זיך דאָס געשטאַלט פון גאַנצן אַרום; אַ שאַרף טערפּקע ווינטל פאַרציט און דערציילט, אַז דער זומער קלויבט זיך שוין אין וועג אַריין: די ביימער שטייען שוין אָפּגעטרייסלטע, די תבואות זיינען שוין אין די שייערן, און די פעלדער ליגן שוין נאַקעטע.

אין מערב־זייט פאַרזאַמלט זיך אַ טשערעדע כמאַרעס, וואָס גרייט זיך צו גיין אויפן שטעטל און די שטילקייט רייצט זיך:

— אוי, וועט זיין פינצטער!! אוי, וועט דאָס פליוכען!! און די נאַסקייט וועט וויינען פון צעלעכערטע דעכער!

מיטן קריוואָזערער שליאַך, ביים צלם באַווייזט זיך מאַריאַ טאַרסקיס — די שטאָט־גויה, מיט אַן אויסגעטראָגענעם בויך און מיט אַן אויסגעזויגע־נעם בוזעם, איינגעצויגן אירע לענדן מיט אַ געבלימלטער פאַטשיילע, כדי איינצוהאַמעווען די איבערריפטע ווייבערישע צעוואַקסנקייט. די פיס טראָגן זי שלאַנק, אַן אַ היינט און אַן אַ מאָרגן. אַ פאַרביטערטע ווי אַ וואָרצל כריין, שלינגט זי קליינע זיפצעלעך, פאַרציענדיק טרויעריק אַ לידל: „זאַ טשטאָ מעניאַ מאַט ראָדילאַ?" (צו וואָס האָט מיך מיין מוטער געבוירן?) אין איר שטים איז פאַראַן בענקשאַפט, ווי ס'איז די בענקשאַפט פון אַ פויגל, וואָס זיצט אַליין אָן זיין זיווג אַנגעכמורעט צווישן נאַסע צווייגן.

טונקעלע ליילעכער שפרייטן זיך איבערן שטעטל אין דער פאַרנאַכטיקער פינצטערניש. אין קויטיקן דרויסן האָט איבער נאַסע דעכער זיך אַריינ־גע'גנב'עט די נאַכט מיט ווייכע קעצישע טריט. דער ווינט שרייט און איז מרעיש־עולם וויקלענדיק זיך אַרום קוימענס. די געסלעך ליגן איינ־געשמירט אין בלאָטע, און אידן דרייען זיך אַרום פאַר'דאגה'ט: — שוין צייט אַ טראַכט צו טאָן וועגן אַ פירל האָלץ אויפן ווינטער. — — —

*

באַלד נאָכן בענטשן חודש אלול, ווערט מיין שטעטל ערנסטער, תכלית'דיקער און פאַרטראַכטער. טאַטעס האַלטן אַ וואַכזאַם אויג אויף זייערע קינדער, זיי זאָלן נישט געבראַכט ווערן לידי עברה. אידן האָבן שוין נישט אונטערגענומען קיין ווייטע נסיעות, מורא געהאַט נישט צו בלייבן שטעקן ערגעץ אין דער פרעמד.

אומעטום האָט זיך באַוויזן די אָפּענע האַנט און דערמאַנט, אַז מיט תפילה, תשובה וצדקה קאָן מען אָפּשרייען אַ בייזע גזרה...

אין דעם שניט־קראָם־געסל הערן זיך שוין די זיסע טענער פון „יעלות", וואָס חיים דער רב זינגט איין מיט זיינע משוררים. אידן שטייען געפּלעפט

אונטער דעם פענצטער און קוויקן זיך מיט דער זיס־טרויעריקער נגינה, וואָס רייסט זיך דורך די שפּאַרינעס. חיים דער רב דאַרף קיין פרעמדע משוררים נישט דינגען: ער שטעלט צונויף די בעסטע קאַפּעליע פון זיינע אייגענע זעקס זין: יעדער פון זיי איז געבענטשט מיט אַ באַזונדערער שטימע, אַ באַס, אַלט, באַריטאָן, טענאָר און אַ סאָפּראַנאָ.

איז גאָר קיין חידוש נישט, אַז ווען זיי כאַפּן אויף אַזאַ געשמאַקן ביסן, ווי „כבקרת", צעגלידערן זיי אים אויף אַלע כלים: כ—ב—ק—ר—ת — אָט לאָזן זיי שוין דוכט זיך אָפּ און אָט כאַפּן זיי דאָס אויפסניי, ביז ער ווערט ענדלעך איבערגעמאַלן פון סאָפּראַנטשיקל אַזוי דין ווי עס וואָלט אין דער לופטן געבליבן הענגען אַ זיידענער פאָדעם.

די צאָל פון מנינים אין בית־המדרש פאַרמערט זיך און פאַרגרעסערט זיך. אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר דערלויבט זיך נאָך אַ איד, לשם פּרנסה, איידער ער פאָרט אויפן יאַריד צו דאַוונען ביחידות, אָבער אלול־צייט? וועלכער איד וועט זיך גאָר איינשטעלן אין וועג אַריין, נישט האָבן אָפּגעדאַוונט בציבור און אויב מעגלעך — מיטן ערשטן מנין.

לייבל קוויטקאָס פעדערן זיך, איז נישט אַזוי צוליב דער מצוה פון דאַווענען מיטן ערשטן מנין ווי אפשר נאָך העכער... שיין זיינען די אלול־דיקע פרימאָרגנס אין מיין שטעטל. די גערטנער און סעדער, אָנגעשיכור'ט מיט פרישן קילן טוי, קריכן אַרויס פון זייער טומאַנער באַהעלטעניש. דער מזרח קרישלט זיך הינטער דער משא פון אַ שטראָם שטראַלן, וואָס שלאָגט פון הינטערן באַרג אַרויס און ווערט צעשפּרייט אין מילי־מיליאָסן דימענטענע פונקען.

אין אַזעלכע פרימאָרגנס פעדערט זיך קוויטקאָ, כעלות השחר, נאָך איידער דער האָן האָט געקרייעט, שטעלט פאָרזיכטיקע טריט, נישט אויפוועקן זיין אַלטיטשקע ליבע באָבע, וועלכע חלומ'ט איצט געוויס זיסע חלומות וועגן איר אייניקל (די באָבע פאַרנעמט אַ גאָר חשובן פּלאַץ אין קוויטקאָס לידער).

צווישן די פיר נידעריקע ווענט אין זיין קליינעם חדר איז נאָך שטאָקפינצטער. די פוילע נאַשערין, די גרויע קאַץ מיט דעם ווייסן פלעק איבער

איר צעפּלאַטשטן ראַזעווען נעזל, כראָפּעט וואַכנדיק איינגעבייגלט אין איר סאַמעטענער גלאַטקייט.

לייב קוויטקאָ, אַנגעלאָדן מיטן זיידנס (מענדעלע מוכר ספרים) שריפטן, אַ פּאָר צעקנייטשטע נאָטיץ־ביכלעך, אַ בלייער מיט אַ מעקער, ווי אויך אַ ביסעלע שפּייז, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ פּאָר טרוקענע קיכעלעך, באַשמאָטן מיט גראָבן מעליץ, וואָס האָט געבלישטשעט ווי שטיקלעך קריש־טאָל. געבאַקן האָט זיי די באָבע אַליין פאַר איר אייניקל.

אַנשטאָט צום ערשטן מנין, פלעגט זיך גאָר קוויטקאָ פאַרנעמען דורך אַ זייטיק געסל אין דער ריכטונג צום בוג, אַזש עטוואָס קעגנאיבער דעם אַלטן בית הקברות. דאָרט איז דער בוג איינגעצויגן, שמאָל און פלאַך. אויפן בערגל צווישן די אַלטע קברים, סטאַרטשעט אַרויס אַ שטיין, באַוואַקסן מיט מאָך און פון זיינע געדערים בולבעט אַ ריטשקעלע ווי פון אַ פלעשל, און שלענגלט זיך זיגזאַגיק, טראָגנדיק מיט זיך אָפּגעפאַלענע בלעטלעך און טויטע רמשים, פּאַמעלעך אין טייך אַריין...

שעהנ׳וויז פלעגט ער זיך אויסשפּרייטן אויף דער גראָזיקער ערד, נעבן שטיין און מיט זיינע קלוגע אויגן זיך איינקלאַמערן אין הימלישע פינטעלעך. ליגנדיק אַזוי פאַר׳דמיונ׳ט אין מנוחה און הרחבת הדעת, פלעגט ער זיך ספּאַנטאַן אַ הייב טאָן, ווי ער וואָלט דערטאַפּט אַן אוצר און לאַנג צייכענען. ערש שפּעט אויפן טאָג פלעגט ער זיך צוריקקערן אַ שטראַלנדיקער מיט זיינע צייכענונגען ווי אַ דערפאָלגרייכער יעגער מיט זיין יאַגד.

יעדעס יאָר, מיט דער דערנעענטערונג פון די פאַרכטיקע טעג, בליצט אויף אין מיין מוח אַזוי בולט אַ טשיקאַווער עפּיזאָד, וואָס וועט קיין מאָל נישט פאַרגיין.

ס׳איז ערב יום־כפור. נאָך פון גאַנץ פרי אָן ציען זיך מיטן ברייטן שליאַך אין שטעטל אַריין אידן פון אַרומיקע דערפער „יום־טוב׳ניקעס“ צו האַלטן יום־טוב אין שטעטל.

אַ גאַנץ יאָר איז מען פאַרוואָרפן ווייט פון אידישקייט און פון אַ שול, איז ווען די „ווייַנענדיקע טעג“ קומען, לאָזט מען אַלץ איבער און מען קומט אונטערציען די חשבונות פון אַ גאַנץ יאָר בציבור און זיך

מתודה זיין אויף די זינד. זיי קומען משפחות׳וויז, אָנגעלאָדן מיט כל טוב צום עסן און טרינקען. יעדער דאָרפס־איד האָט זיך זיין שטאָט־איד, צו וועמען ער מיט זיין משפחה פאָרפאָרן אויף יום־טוב. פון אַלע יום־טוב׳־ניקעס איז משה אַדאַמאָווקער ביי אונז דער חשוב׳סטער. אַ איד אַ בעל גוף, וואָס לאָזט זיך קאָסטן אויף קהל׳ישע זאַכן.

ערב כל נדרי צו מנחה ווערט משה׳ס האַרץ נאָך ווייכער און איז מנדב מיט דער פולער האַנט אין אַלע שיסעלעך. איבערהויפּט בלייבט ער שטיין ביים חזנס שיסעלע מיט די משוררים. ער באַוואונדערט דעם אויפ־שריפט, וואָס לייב קוויטקאָ האָט אַליין לטובת דעם רב אויסגעמאָלט (קוויטקאָ איז געווען אַן אויסגעצייכנטער מאָלער). איבערן קאָפּ פון יעדן וואָרט האָט ער אַוועקגעשטעלט אַ לייב, אַן אָדלער, אָדער אַ הערש.

משה אַדאַמאָווקער וואַרפט אַריין אין חזנ׳ס שיסעלע נישט קיין קלינ־גערס, נאָר טאַקע פּאַזיט ממש, פּאַפּיר־געלט. אידן קוועטשן מיט די פּלייצעס — „אַ גאַנצער מאַיאָנטעק״!!

דערפאַר קריגט משה אַ „שטאָט״ קעגנאיבער דעם רב. דעם גאַנצן מעת־לעת שטייט ער געבויגן דעם קאָפּ אין פרומער פאַרכטיקייט.

היי־יאָר איז משה פאַרפאָרן צו וועלוול פנחס אין איינפאָר. אַ איד אַ ברייט־פּלייציקער מיט אַ לאַנגער עטוואָס גרויער באָרד. וועלוול איז געווען אַ בעל מטופל, אַ פול הויז מיט קינדער, און אַלע שוין היפּש־דערוואַקסענע. זיינע פיר טעכטער זיינען טאַקע קיין שיינקייטן נישט געווען, דערפאַר, אָבער — באַוואוסטזיניקע רעוואָלוציאָנערקעס.

דאָרט אין איינפאָר איז געווען דער אויסברי־פּלאַץ פון דער באַוועגונג. דאָס שטעטל האָט עפּעס יאָ חושד געווען, אַז ביי וועלוול־פּנחסן אין איינ־פאָר האָט מען פיינט דעם צאַר ניקאָלאַי...

דאָס ביסעלע טריף־פּסול, וואָס איז אַריינגעשמוגלט געוואָרן קיין האָלאָסקאָוו פון די שכנ׳ישע שטעט האָלטע און קריוואָזער, איז אָפּגעהיט געוואָרן אין איינפאָר אויפן בוידעם אין אַ סטויג היי. ווען יאַנקל־וועלוולס האָט באַמערקט, אַז משה אַדאַמאָווקער מיט זיינע בני־בית האָט גאָר פאַרקירעוועט אין איינפאָר, האָט זיין האַרץ געטאַנצט פאַר פרייד. זיינע

אויגן האָבן זיך אָנגעשפּיזט אין די טייערע מאכלים און געבעקס, וואָס די יום־טוב׳ניקעס האָבן מיטגעבראַכט.

אַ געדאַנק האָט ביי אים אַ בליץ געטאָן, אַז מאָרגן, ווען דאָס גאַנצע שטעטל וועט זיך פּייניקן אין תענית, זאָל ער, יאַנקל, מיט נאָך חברים נאָך דער פאַרזאַמלונג אויך אַ נאַש טאָן פון די אַלע גוטע זאַכן...

ביי די הכנות צו דער „עבודה" האָט אין בית־המדרש געהערשט אַ שרייענדע שטילקייט ווי פאַר אַ שטורעם. פון די ציטריקע פלעמלעך פון די אָנגעשמאָלצענע וואַקסענע ליכט, האָט זיך געגרייצערט אַ דין בלוי־שוואַרץ רויכל, געוואָרפן לאַנגע שאָטנס און איינגעהילט די מתפללים אין פרומען ערנסט.

ווען קהל האָט זיך צעבונדן, האָט לייב קוויטקאָ מיט נאָך חברים זיך דורכגעשאַרט אַ וואַנט פון טליתים און אומבאַמערקטערהייט זיך צוגע־שאַרט צום איינפאַר, הערן עפּעס וויכטיקע נייעס פון דער באַוועגונג, וואָס דער סטודענט לערנער פון קריוואָזער האָט מיט זיך געבראַכט, און גלייכ־צייטיק טאַקע טועם זיין פון די גוטע מאכלים.

דאָס גאַנצע רעוואָלוציאָנערע רינגל האָט זיך ליידנשאַפטלעך צוגע־הערט צום סטודענט, וועלכער האָט פאַרגעלייענט פון אַ נייער בראָשור. היינט זיינען די טירן נישט פאַרהאַקט, ווייל אין אַזאַ פאַרכטיקן טאָג וועט די פּאָליציי קיינעם נישט פאַרדעכטיקן... אָבער גראַד משה אַדאַמאָוועקער, אָפּגעשוואַכט פון תענית, האָט באַשלאָסן פאַר „נעילה" זיך צולייגן אָפּרוען.

אַריבערטרעטנדיק די שוועל פון איינפאַר, און דערזעענדיק אידישע קינדער עסן אין יום כפור, האָט ער אָנגעהויבן שרייען מיט באַנומענע קולות.

דאָס רינגל איז זיך צעלאָפן אין אַלע עקן, ווי פייגל פון שאָס פון אַ יעגער. די נייע בראָשור האָט לייב באַהאַלטן צווישן די טאָוולען פון מח׳ור׳ל וואָס זיין פעטער, דער אַלטער רב יעקב־עלי, האָט אים געגעבן.

פונקט ווי אויף זיינע אייניקלעך, פלעגט דער אַלטער רב אויך האַלטן אַ זאַכזאַם אויג אויף לייבן ער זאָל לערנען גאָטס תורה.

די שרעקלעכע נייעס האָט זיך בליץ־שנעל פאַרשפּרייט איבערן שטעטל

און דערגרייכט די ווענט פון בית־המדרש. ווייבער האָבן גע׳חלש׳ט, אידן זיינען אויפגעטרייסלט געוואָרן און זיך געלאָזט שופר־בלאָזן...

קאָסי שמש מיט זיינע אייגעלעך אָנגעגאָסן מיט חשד און מיט אַ תוכחה־צונג, האָט זיך מיט געוואַלד געלאָזט לויפן איבער די געדרייטע געסלעך ווי צו אַ שרפה. געשאָלטן און גע׳חכמה׳ט — כאַפּט זיי! זעצט זיי איין, די שאַרלאַטאַנעס, אַפּיקורסים! שרייענדיק אַזוי, האָט ער זיך איינגעגראָבן אין קוויטקאָס שוואַרצע לאָקן, האָט זיך מיט אים געראַנגלט ביז ס׳איז קוויטקאָ׳ן געלונגען זיך אַרויסצורייסן פון קאָסיס הענט און אַנט־לויפן.

בשעת׳ן געראַנגל האָט ער פאַרלוירן דאָס מחזורל, וואו עס האָט זיך אויך געפונען די נייע בראָשור...

דער שמש האָט אויפגעהויבן דאָס מחזור׳ל, פּרוּט אַ קוש געטאָן, שטייפער פאַרצויגן דעם פּאַסעק אַרום די הויזן און אַוועק צוריק אין בית־המדרש.

ווען דער שמש האָט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם דערציילט וועגן לייב קוויטקאָ, אַז ער האָט אים געפּאַקט ביי דער מיאוסער אַרבעט און געשטעלט אַלס עדות דאָס מחזורל, האָט זיך דער טריף־פּסול (בראָשור) אַרויסגע־גליטשט.

עס איז געוואָרן אַ רעש, אַ מהומה; אידן האָבן זיך פון דעם אָפּגעקערט ווי פון אַ נגע צרעת.

דער אַלטער רב יעקב־עלי, האָט זיך געפונען אין גרויס צערודערונג; „נעילה״־צייט איז אַ סכנה אַרויסצווייזן סימנים פון כעס. ער האָט שטיל געוויינט און געבעטן גאָט, ער זאָל מוחל זיין לייבלען זיין הארבע עברה, און אים צוריק אַרויפפירן אויפן דרך הישר. — — —

„זאָל זיין שבת!"

(אַ בילד פון אַן עונג שבת)

דער וואָס האָט נישט בייגעוואוינט און נישט פאַרבראַכט מיט די פיאָנערן־פרויען אַ פרייטיק־צונאַכטס צו קבלת־שבת, דער האָט זיכער פאַרלוירן די געלעגנהייט צו געניסן דאָס געמיטלעכקייט פון עונג־שבת.

עס איז שוין ביי זיי כמעט געוואָרן אַ מנהג אַזאַ צו פראַוועון אַן עונג־שבת יעדן פרייטיק אָוונט אין אַ הויז פון אַן אַנדער חברה. ווי פראַכטפול־שיין, אימפּאָזאַנט און טראַדיציאָנעל דאָס ווערט דורכגעפירט!

גלייך מיט דער שקיעה פאַרגייט אויך דאָס לעצטע טראָפּעלע אינדער־וואָכעדיקייט און פּראָזאַאישקייט. דאָס געמיט ווערט געליטערט און אָפּגע־פרישט: חברות זיינען זיך מכין מיט פרומער ערנסטקייט צו באַגעגענען דעם שבת קודש. מען ווערט ארץ־ישראל־תכלית'דיקער. אַ פלאַמיקער וואונטש באַפרוכפּערט דעם געדאַנק, וואָס איז אין תוך גענומען געצילט צו זייער לעבנס־טרוים, אינגיכן נהנה צו זיין פונעם עונג־שבת אין זייער אייגן לאַנד.

די היים פון אַ פיאָנערן־פרוי ווערט פרייטיק באַצייכנט אַלס די גרענעץ פון חול, פון שווערן געמיט און נאַציאָנאַל — באַאומרואיקייט. זי באַמיט זיך אַרויסצובאַגלייטן דורך טיר און פענצטער דעם לעצטן שפּור פון וואָכיקער פשטות.

זי העלפט אירע בני־בית זיך צו באַפרייען פונעם יאָך פון טאָג־טעג־לעכע דאגות און ברענגט אַריין צו זיך אין הויז די עונג־שבתדיקע רו. דער אינערלעכער אומרו ווערט אויסגעלאָדן, די חבלי־העם לאָזן נאָך און אַ דערלייכטערונג פילט אַן דאָס אידישע האַרץ.

כמעט צו יעדן עונג־שבת זיינען זיך חברות נוהג איינצולאַדן אַ גאַסט־רעדנער, אָדער אַ לאָקאַלן פאַרלייענער צו פאַרשענערן, באַרייכערן און

פּאַרטיפּערן די שבת׳דיקע שטימונג. די באַגייסטערונג דערגרייכט צום קלימאַקס דורך שעפּן פון דעם אַלטן קוואַל.

די שלייפן פון זכרון צעעפענען זיך און עס טריפט מיט זיסע דערינע־רונגען פון דער אַלטער היים ביים זיידנס און טאַטנס שבת׳דיקן טיש.

*

הגם עס איז שוין געווען אין טיפן פרילינג, פונדעסטוועגן איז יענער פרייטיק געווען אַ פּיכטער, אַן אָנגעצ׳ברוגז׳טער און להכעיס׳דיקער. עס זיפּט זיך אַ דין רעגנדל, די יונגע גרינע בלעטלעך פון די ביימער פאַרציען אַ זילבערן הייטל און די אָנגעלאָדענע צווייגן הינטער דער משא פון בלייענע טראָפּנס בוקן זיך כורעים ומשתחוים צו דער נאַסער ערד.

חברה ברענער גייט דער דרויסן גאָר ווייניק אָן; זאָל פון יענער זייט טיר רעגענען, זאָל דער ווינט אַפילו בלאָזן טרויעריק, צו איר אין הויז האָט זיך דער הייליקער שבת אַריינגעקליבן מיט נגידישער רחבות, און פון יעדן ווינקעלע גייט אויף אַ סטימולירנדע רואיקייט, אַ זינגענדיקע, אַ שאַלנדיקע מיט פינקלדיקע פריילעכע אויגן באַגעגנט זי די חברות בסבר פנים יפות, די ווינטשעוואַניעס און באַגריסונגען פון „גוט־שבת״ קלינגען אָפּ אַזוי העל, היימיש און האָפענונגספול.

אין סאַמע צענטער פון ברייטן עס־צימער שטייען דריי טישן צוזאַמענ־געשטעלט ווי אַ „ח״, פאַרשפּרייט מיט שימערירנדיקע מילך־ווייסע טיש־טעכער. די מאַגערע שיין פון די ציטריקע פלעמלעך פון „בענטש־ליכט״ פאַרלירן זיך אין דעם שלל פון שטראָמען ליכט פון די עלעקטרישע בליץ־לאָמפּן.

אַ צוויי־גאָרנדיקע, צעוואַקסענע חלה, אָפּגעשמירט מיט אַ פעט־גלאַנצנדן געלכל, ליגט איבערגעדעקט מיט אַ סערוועטקע, משמעות, אַ סגולה פאַר אַן עין־הרע, הינטער וועלכע עס קוקן אַרויס געלע אויגן־טרערן.

חברות זעצן זיך אַרום די טישן אין טיפן ערנסט, און די פאַרזיצערין זאָגט דאָס פּאַסיקסטע וואָרט. מיט אַ טיפן חורבן־זיפץ דערמאָנט זי

צוערשט דעם ליכטיקן אָנדענק פון די זעקס מיליאָן פאַרפייניקטע און פאַרברענטע, מאַכט אַ פּאַסיקע באַמערקונג וועגן זייער מאַרטירערשאַפט און נאַציאָנאַלן שטאָלץ מיט וועלכע זיי האָבן אויסגעהויכט זייער לעצטן אָטעם.

און ווען זי דערשפּירט, אַז אויגן ווערן אָנגעגאָסן מיט טרויער, פאַרקירעוועט זי צוריק מיט לשנה הבאה בירושלים.

חברות גיסן אָן די כוסות פון רויטן, פון געלן און אַפילו פון ברענעג־דיקן, טרינקען „לחיים" און פילן אָן ווידער.

און ווען אויגן פינקלען און באַקן רויטלען זיך, פאַרציט מען אַ ניגונ׳דל, וואָס ענדיקט זיך אָפט מיט אַ ריקוד׳ל. פּאַמעלעך וועבט זיך דער פאָדעם פון עונג־שבת און שפּינט אַ שנור פון ווייכן כשוף, וואָס פאַרקניפּט אַלע חברות אין איין עמאָציאָנעלן עקסטאַז.

פון דער טיפער טיפעניש דריידלט זיך אַ ניגונ׳דל, וואָס שפּאַלט ליפּן און פאַרגייט זיך שבת־זמירות׳דיק על פי דרך זיידנס נוסח.

פון קעגנאיבער דעם טיש, דערטראָגן זיך טענער פון אַ זיס נאָס־טאַלגיש־בענקענדיקער שטימע ווי אַ דין משורר־קול׳כל און פאַרגייט זיך אין התפעלות: „כל מקדש שביעי„, קנאַקט צו מיט די פינגער אַזוי וואויל־יונגעריש און טופּקעט צו ריטמיש מיט די פיס. אירע אויגן האָבן זיך דורך דינע שפּעלטלעך איינגעקלאַמערט אין דער חלה און אַ באַגייסטערטע אַרויסגעזיפּצט: „אָט אַזוי פלעגט מיין זיידעניו זינגען זמירות אין זיין אַמאָליקן שטעטל".

— עס איז געווען, — זאָגט זי אַ באַגייסטערטע — בלויז איין קלאַנג פון זיינע זמירות, עס זאָלן דורכציטערן אין מיין האַרצן אַלע ניואַנסן פון דורכגעלעבטע קינדער־יאָרן, עס זאָלן וויברירן אין מיין וועזן איינגעזאַפּטע שבתים פון יענעם אַמאָל.. אַ גאָטספאָרכטיקער איד געווען מיין זיידע ע"ה, יום ולילה זיך נאָר געמאַטערט אין שאַרפע פּלפּולים, אין הויכע פלוגתות, אָדער גאָר מעין געווען אין אַ ספר. ער איז שטענדיק געווען צופרידן מיט זיין מערכה, ווייל ער איז געווען אַ מסתפק במועט. די וואַרעם־אויגיקע באָבעניו מיט איר שטענדיק בלייך־אויסגעצערטן פנים, האָט פאַר־טאַכלעוועט און צעטרענצלט איר גאַנץ לעבן אין דאגות פרנסה.

די גאַנצע וואָך האָט זי יאַריד׳עוועט, געלייגט אַ גראָשן צו אַ גראָשן, בכדי אַריינצובריינגען דעם הייליקן שבת מיט לייטן גליך. די וואָכיקע טעג זיינען דאָך פון קנאַפּער וויכטיקייט, נישט ווערט אַ שיבוש — זיי זיינען פון גאָט געגעבן געוואָרן בלויז צו קאָנען מאַכן אַ צווישנשייד בין קודש לחול. דער עיקר איז דאָך דער שבת־קודש אַליין — — —

וואָס שמעלער די פינקלדיקע אויגן פון אונזער באַגייסטערטער חברה פאַרציען זיך, אַלץ ברייטער וויקלט זיך פאַנאַנדער אַ קלאָרע וויזיע פון פאַרשיידענע ערלעכע געשטאַלטן...

— אָט זע איך, — זאָגט זי טיף פאַרבענקענדיק, און עס דוכט זיך איר, אַז זי איז מצביע מיט דער האַנט אויף איר זיידנס שטוב איינגעהילט אין שבתדיקער רו. — אַ קאַלטער האַרבסט אין שטעטל. שוין בלויז איין שפאַן צו שלוש־סעודות. — זי דרינגט אַריין אין וויטן חלל און ציט וויי־טער. — דער פאַרנאַכט פרעסטלט זיך, די שטוב איז שוין אויסגעקילט. די אָנגעהייצטע הרובע פון פרייטיק, איז נאָך אַ ביסל לעבלעך־וואַרעם. איך זע, — ציט זי אַ פאַר׳חלומ׳טע ווייטער, — ווי דער זיידע שטייט איבער־געבויגן איבערן אָפענעם סידור, וואַרעמט זיך זיינע בלוי־אַדערדיקע הענט הינטער דער לאַנגער גרויער באָרד, זאָגט שטיל־וויינענדיק „ברכי נפשי״ און זיין שטים שטיקט זיך.

— יענעם שבת האָבן די ברידער פאַרקויפט יוסף׳ן. הגם דער באָבען איז שוין די אָנגעצויגענע געשיכטע פון יוסף׳ן מיט זיינע ברידער באַקאַנט מכמה וכמה יאָרן, פונדעסטוועגן קוקט זי מיט ציטריקער געשפּאַנטקייט אויפסניי אַריין מיט אירע מידע, בלינדלעכע אויגן אין דעם טייטש־חומש, לייענט שטומפּיק, אָבער געשפּאַנט, מיט אַ צעצויגענעם מאָנאָטאָנעם ניגון. זי טייטשט זיך אַליין מיטן אויסגעקאָרטשעטן מוזיניק־פינגער, זי זאָל, למען השם, נישט פאַרלירן... די געלע קאַץ, די נאַשעריק, און בעל־תאווה׳־ניצע, מיטן שוואַרצן פלעק אויף איר סאַמעטענעם קורצן זכרון־קעפּל און מיטן ראָזעוון צעפּלאַטשטן נעזל, כראַפּעט וואַכנדיק, טוליעט זיך, בייגלט זיך און פלאָנטערט זיך צווישן די פיס.

לאַנגע שאָטנס האָבן זיך שוין באַוויזן און איינגעהילט די שטוב אין נאַכטיקער חשכות. אַלץ אַרום גליווערט און ווערט איינגעשרומפּן. דער

שבת־קודש גייט אַוועק. דעם זיידנס טרויעריק־אָריענטאַלישער ניגון פון שלוש־סעודות רינט אויס, ווערט שטילער, שוואַכער, אַז די כוחות גייען אים אויס. עס וויל זיך באַין אופן נישט שיידן מיט דער שבת׳דיקער רו, מורא האָבנדיק, אַז גראָד מיטן אָנצינדן אַ ליכט, ווערט אויסגעלאָשן דער שבת...

דער הכל־הבל׳דיקער אינדערוואָכן יאָגט אָן אַ שרעק: אין די ווינ־קעלעך וואַכט דער דלות. נישטאָ אַוואו אַ גראָשן צו פאַרדינען. פאַרציט דער זיידע שטאַרקער דעם פאַסעק, נעמט דעם כוס אין דער האַנט, פאַר־מאַכט שטאַרק די אויגן, ער זאָל די פינצטערניש פון ליכט נישט זעען... און מיט אַ האַרץ פול מיט בטחון, ווענדעט ער זיך צו דעם וואָס לעבט אייביק, מאַכט „הבדלה" און זאָגט מיט טיפער כוונה: — „הנה אל ישועתי אבטח ולא אפחד"... די באָבע פרעפּלט פרום און בוימלדיק: „גאָט פון אברהם, יצחק ויעקב"... „אויף אַלע פוסטע וועלדער און וויסטע פעלדער"...

*

אונזער באַגייסטערטע חברה איז געבליבן זיצן שטיל, רואיק און פאַרקלערט ווי פון אַ זיסן חלום. אַ דינער שמייכל פון פאַרלוירענער פרייד האָט זיך אויף אירע ליפּן געפורעמט, פון וועלכע עס האָבן זיך אַרויס־געגליטשט אומבאַקאַנטע ווערטער:

— איך שעם זיך צו זיפצן, אָבער ס׳איז כ׳לעבן אַ שאָד!"...

חברות האָבן איר האַרציק אַפּלאָדירט, משמעות, דאָס שבת׳דיקע בילד ביי איר זיידנס טיש אין דעם קליינעם שטעטל, האָט גוואַלדיק אָנגעריסן.

אַלע האָבן מודה געווען, אַז דאָס, וואָס מיר האָבן איינגעזאַפּט ביים זיידנס און טאַטנס טיש וועלן מיר שוין אין דער אייביקייט מיטנעמען. די שיינע טראַדיציעס, וואָס מיר האָבן גע׳ירשנ׳ט פון אונזערע עלטערן, וועלן מיר אונדזערע קינדער פאַרטרויען, און זיי וועלן דעם אוצר אָפּהיטן און טראָגן ווייטער לדורי דורות.

*

ערשט אַרום מיטנאַכט, ווען פאַרבאַנד־חברים זיינען געקומען, האָבן

זיך אַלע צעבונדן, זינגענדיק צוגעפּאַסטע שבת׳דיקע לידער, וואַרעמע חסידישע ניגונים און חלוצים־לידער, דורכגעדרונגען מיטן געזונטן אָפּטימיזם און פלאַמיקע וואונטשן.

בשעת אַ צווייטע חברה האָט דעקלאַמירט „דאָס לעצטע וואָרט" פון ח. נ. ביאַליק, האָט אַ דריטע חברה געזונגען זיינע שירים. חברים טיילן זיך אויך מיט טאָג־כראָניק פון געהערט און געזען. דער עונג־שבת איז נישט פאַרפולקאָמט אָן דעם האַרציקן שבת־גייסטיקן אַלעמען באַקאַנטן ניגון „זאָל זיין שבת!" פון ה. רויזענבלאַט. אַ ניגון דורכגעדרונגען מיט אַזוי פיל האָפענונג און בטחון.

ספּאָנטאַן פלעכטן זיך שוין הענט אין הענט, אַקסל צו אַקסל, וואָס פירט אַריין אין אַ ריקוד׳ל.

עס איז שוין געווען אין דער שפּעטער שעה פון דער צווייטער אשמורה פון דער נאַכט, ווען חברים און חברות האָבן זיך אָן חשק געזעגנט. דער אינדרויסן איז געשטאַנען אַ רויער, אָן אויסגעוואַשענער. אַרום האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט, אָבער אין די אויערן האָט נאָך אַלץ געקלונגען: „זאָל זיין שבת!" — — —

דריטער טייל

חורבן־נאכווייענישן, טיפן, בילדער, פארצייכענונגען און דערציילונגען

פאַרן צאָרן

(דערציילונג)

— אָבער, אסתר׳קע! — האָט זיך בענטשיק ביי איר געבעטן, ווי ביי אַ צעבאַלעוועט בת־יחיד׳קעלע, — לאָמיר וואָס שנעלער אַנטלויפן, איידער די פאַרבלוטיקטע לאַפּע פון גרויזאַמען שונא דערגרייכט אונז.

זיין ציטריק קול, דורכגעדרונגען מיט שרעק און מורא, האָט אויף קיין האָרעלע ניט דערנענטערט איר געראַנגל מיט די געדאַנקען, וואָס זאָל פירן צו אַן אויספּירלעכן באַשלוס. הגם די וואָרעם־אויגיקע אסתר׳קע האָט גאַנץ ערנסט באַגריפן די סכנה, אַז אויב זי וועט זיך נישט צוויילן, זיינען זיי אויסגעשטעלט אויף דער געפאַר ארייגצופאַלן צום שונא, און דאָס וואָלט געמיינט אַ זיכערער סוף.

אסתר׳קעס אינערלעכער אומרו, איר מאַטערניש און ספקות, איז געווען וועגן אַן ערנסטן ענין פון גרויס וויכטיקייט. איר מוטער, שוין צען יאָר אַן אַלמנה, האָט מקריב געווען אירע יונגע יאָרן, כדי צו געבן איר איינציקער אסתר׳קען אַ געהעריקע דערציאונג. די שווערע אַרבעט, וואָס האָט לאַנג־זאַם אויסגעטרוקנט אין איר אַלע יוגנטלעכע זאַפטן, אָפּגעשוואַכט אירע כחות, האָט זיך אָבער געשמאָלצן אין נחת, זעענדיק ווי איר אסתר׳קע וואַקסט און בליט ווי אַ רויז. אַז בענטשיק, אַ געראָטענער בחור מיט אַ געשניצט אינטעליגענט פּנים, איז סכנת־נפשות פאַרליבט אין איר אסתר׳קען, האָט איר מוטערס האַרץ דערשפּירט נאָך איידער בענטשיק האָט דעם סוד אויף זיינע ליפּן אַנטפּלעקט.

די גרוילטאַטן און בעסטיאַלישע מעשים פון היטלערן מיט זיינע משחיתים, האָט ווי אַ פיאַווקע געזויגן דאָס בלוט און מאַרך פון דער אלמנה׳ס ביינער — די חלשות־כחות האָבן זי אין אַן ערנסטער לאַגע צום בעט געטריבן.

— אסתר׳קע! — האָט זיך אויך די מוטער געבעטן און בשעת מעשה זי באַטראַכט אַזוי מאַמעדיק־צערטלעך. — אַנטלויף מיט בענטשיקן פון

דעם ברענענדיקן גיהנום! מיינע כחות פֿאַרלאָזן מיך און איך קאָן מיט אייך נישט מיטגיין.

וואָס מער איר מוטער האָט זיך געבעטן ביי איר צו אַנטלויפֿן, אַלץ שטאָלענער איז געוואָרן די עקשנות ביי אסתר׳קען דווקא צו פֿאַרבלייבן מיט איר קראַנקער מאַמען.

זי האָט בשום אופן נישט געוואָלט זי איבערלאָזן אַליין. דאָס וואָלט געמיינט פשוט זי איבערענטפֿערן אין די הענט פֿון די מערדער. — —

דאָס ווידער׳קול פֿון די שווערע האַרמאַטן־דונערן פֿון שונא׳ס אַנגריף האָט זיך ווי אַ שלשלת געוועריִמט און זיך געראָיטלט אויפֿן טונקל־גרויען האָריזאָנט מיט זיילן רויך. די האַרמאַטן האָבן מיט חוצפּה געכראַקעט און געשפּיגן מיט כוואַליעס פֿון אַ געמיש פֿון פֿלאַם און רויך גלייך דעם הימל אין פּנים אַריין. דער געשריי און דאָס רעווען פֿון וועלט־פֿאַרניכטונג, האָט אסתר׳קען איצט ווייניק וואָס געשטערט. דער עיקר, וואָס ס׳האָט זי געמאַטערט, איז וואָס זי האָט נישט געקאָנט שלום מאַכן מיטן געדאַנק איבערצולאָזן איר מוטער אויף הפקר. ס׳זיינען איר די אויגן פֿאַרלאָפֿן מיט טרערן. אַ נייער שטראָם פֿון רחמנות האָט זי ווי מיט הייסע צוואַנגען אַרומגענומען, אָט־אָט און זי וועט אַריינפֿאַלן אין אַ נערוון־צעטרייסלונג...

אַ מאָדנער איינפֿאַל האָט אַ בליץ געטאָן ביי אסתר׳קען אין מח: אירע אויגן האָבן זיך ווי צווייִ שטערנדלעך אָנגעצונדן: זי וועט זאָגן איר געליבטן בענטשיקן, אַז זי איז געוואָרן אַנטוישט, און אַז זי האָט אים גאָר קיין מאָל נישט געליבט. זי פֿאַרבלייבט דאָ מיט איר מוטער. אפשר וועט איר געלונגען אים צו פֿאַרטרייבן — ראַטעווען...

לכתחילה האָט זי זיך פֿאַר איר אייגענעם איינפֿאַל דערשראָקן נישט גע׳ביזוק׳ט ווערן אין אירע אינערלעכע געפֿילן, וועלכע זיינען אָנגעלאָדן מיט אַזוי פֿיל ליבשאַפֿט און צערטלעכקייט צו אים. אָבער דער געדאַנק, אַז איר בענטשיק וועט זיך ראַטעווען האָט איר צוגעגעבן אַ סך קוראַזש.

און עס איז אסתר׳קען געלונגען: ווי אַ ביטערע מעדיצין אַרונטערצושלינגען, האָט זי אויף שנעל אים דערקלערט, אַז זי האָט געליטן אַן אַנטוישונג אין איר ליבע צו אים, און טאַקע אים ממש פֿון הויז געטריבן.

בענטשיק איז געבליבן שטיין אַ פֿאַרשטיינערטער: זיין פּנים איז

געוואָרן קרייד־ווייס, אין מח ברענט און אין קאָפּ דרייט זיך ווי אין אַ מיל.

די אומפאַרשטענדלעכע פרעמדע ווערטער פון זיין ראָמאַנטישער און וואַרעם־אויגיקער אסתר׳קען, האָבן געהאָגלט ווי מיט אַ רעגן פון בלייענע טראָפּנס. זיין צונג איז צוגעקלעפּט צום גומען, אַ יאוש־שמייכל פון פאַר־לוירענער פרייד האָט זיך צו זיינע ליפּן געטוליעט און זיין חלום איז צערונען געוואָרן.

די טיר האָט זיך סקריפּענדיק געעפנט און בענטשיק האָט מיט דראָבנע, אומזיכערע טריט, זינלאָז געשפּרייזט ווי אויף הייסע קוילן...

אסתר׳קע האָט לייכט אָפּגעאָטעמט, ווי מען באַפרייט זיך פון אַ קאָש־מאַר. זי האָט זיך אַריבערגעבויגן איבער איר מוטער, אַ קוש געטאָן איר בלאַס פּנים, און איבערפולט פון פרייד, מיט שטאָלץ פון אַ זיגער אַרויסגע־מורמלט:

— גערראַטעוועט!!...

די פרייד, וואָס אסתר׳קע איז פאַרבליבן מיט איר מוטער, און וואָס אַ דאַנק איר ביטערן שפּאַס איז בענטשיק, איר הייס־געליבטער, גערראַטעוועט געוואָרן פון אַריינפאַלן אין די הענט פון די מערדער, האָט איר אַזוי פאַר־שיכור׳ט, אַז די ערנסטע געפאַר, וואָס האָט זיי געדראָט, איז געוואָרן פון קנאַפּער וויכטיקייט.

אין אַ קורצער ווײַלע, האָט אסתר׳קע אָנגעשפּאַרט איר קאָפּ, אויסגע־בעט אין גאָלדענע לאָקן אויף אירע גלאַטע, סאַמעטענע הענט, ביים פענצ־טער, און מיט אַ בענקנדיקן בליק דעריאָגט איר בענטשיקן, וואָס האָט פון ווייטנס אויסגעזעען ווי אַ שוואַרצער רירעוודיקער פלעק צווישן דעם הויכן, גרינעם קאָרן. זי האָט אַריינגעשטאָכן צוויי שפּיזיקע אויגן, נאָכפאָל־גנדיק ליידנשאַפטלעך, מיטן גאַנצן פלאַקער פון איר האַרץ דעם פלעק, ביז ער איז לאַנגזאַם פאַרגאַנגען...

די זון האָט ביים אַרונטערנידערן זיך ערגעץ פאַרשטעקט. פון צפון האָט זיך געטראָגן די נאַכט אין שוואַרצן געקליידעט. דאָס מורא׳דיקע רעווען פון שונא׳ס האַרמאַטן האָט זיך פאַרשטאַרקט: דאָס ווידער־קול פון טיפן וואַלד האָט צעעפנט אַ ברייט מויל און ווי פון אַ פויק זיך פאַרמאָסטן

איבערצושרייען אַפּילו דאָס רעאַלע — דאָס ממשותדיקע.

בענטשיק האָט זיך געמאַטערט אין אויסטערלישע געדאַנקען: זיין מח איז מבולבל געוואָרן. וואָס ווייטער ער דערווייטערט זיך פון אסתר׳קען, אַלץ נעענטער, קלאָרער הערט ער אירע אומפאַרשטענדלעכע, מאָדנע ווערטער, וועלכע האָבן אים אַזוי דערשיטערט.

ערשט נעכטן, ווען די לופט־כוואַליעס האָבן געטראָגן די שרעקלעכע נייעס, אַז דער שונא קלייבט זיך צו באַלאַגערן דאָס שטעטל, האָט אסתר׳קע זיך געשטיקט אין טרערן ווי אַ קליין דערשראָקן קינד.

— בענטשיק ליבער! — האָט זי זיך געבעטן — לאָז מיך נישט איבער, לאָמיר וואָס שנעלער אַנטלויפן פון דאַנען!

ווי ציטעריק זי האָט זיך געטוליעט צו אים, ווי ראָמאַנטיש־פאַרליבט זי איז געווען אַזש ביז צו עקסטאַז. וויפל פרייד עס האָט געשפּרודלט אַרום אים! און איצט, ווען דער ערנסטער מאָמענט האָט זיך דערנענטערט, האָט זי זיך קאַטעגאָריש אַנטקעגנגעשטעלט און אים ממש פאַרטריבן פון זיך.

זאָל דאָס מעגלעך זיין, אַז זי האָט אים קיין מאָל נישט געליבט? אָדער אפשר גאָר? האָט אַ געדאַנק געעגבערט זיין מח. ווער ווייסט? אפשר?

און אַזוי ווי ער איז געווען אַזוי אָפּגעשוואַכט און מיד, האָט ער קיין גלייכע ליניע נישט געקאָנט ציען, און איז דערטרונקען געוואָרן אין זיינע אייגענע טראַכטענישן...

עס איז שוין געווען טיף אין דער נאַכט, ווען בענטשיק האָט פאַר־קירעוועט זיין שווערן קאָפּ און געוואָרפן פאַרבענקטע בליקן אויף צוריק צום שטעטל, כאָטש נאָך איין מאָל, איידער ער פאַלט אַ מידער אויף דער גראָזיקער ערד.

בענטשיק איז, ווייזט אויס, שוין געווען אַ ווייטן מהלך פון שטעטל. בלויז די בליצן אויפן האָריזאָנט האָבן פאַר אים מעגלעך געמאַכט צו זען שרעקלעכע סילועטן פון ברענענדיקע געביידעס.

דער פעטער ריח פון די זאַנגען האָט ווי אַ באַלזאַם צעעפנט זיינע אָזלעכער. די קילע לופט האָט שטיפעריש געגלעט זיינע צעשויבערטע האָר, און בענטשיק, דול פון שרעק, איז געבליבן ליגן מיט אויסגעגלאָצטע אויגן אַ דערשעפּטער. — — —

אויפן שלאַכט־פעלד

(אַ מלחמה־בילד)

צופוסנס, ביי דער זוניקער שטאָט פּאַלערמאָ, אין סיציליע, טוליעט זיך אַ דערפל מאַצאַראָ. דאָס גאַנצע דערפל בשטייט פון דריי קרומע שורות שטיבלעך, וואָס בלישטשען קעגן דער זון, ווי געזעצטע דימענטן אין דער גרין־גראָזיקער פעטער ערד.

די רואיקע שטילקייט און סודות'דיקייט פון די אַרומיקע בערג וועבט אַ נעץ חלומות, אין וועלכע מאַצאַראָ איז געפאַנגען און קאָן זיך קיין מאָל נישט אויסטשוכען פון טיפן שלאָף.

פּאָר אירע איינוואוינער איז די ליניע פון האָריזאָנט אויך געווען די גרענעץ פון דער וועלט. דאָס לעבן פון יענער זייט האָריזאָנט און הויכע בערג האָט זיי ווייניק וואָס נוגע געווען. ביז, ביז די מלחמה האָט אויס־געבראָכן.

דעם אַלטן, אָרעמען פּיעטראָ פון מאַצאַרא, איז שווער געווען שלום צו מאַכן מיטן געדאַנק, אַז אָט־אָט און ער וועט זיך דאַרפן צעשיידן מיט זיין אייניקל, ניק, ווען ער האָט אויף זיינע הענט אויסגעהאָדעוועט זינט דער שרעקלעכער אומגליק האָט פּאַסירט.

דער אַלטער פּיעטראָ האָט לאַנגזאַם געפּיפּקעט זיין אויסגערויכערטע ליולקע, און מיט דעם אַרויסלאָזן דעם רויך אויך געפּרואווט אויסלאָדן זיין איינערלעכן אומרו. ער האָט אויסגעגלאָצט זיינע מידע אויגן, און מיט בייזע שאַרפע בליקן ווי שפּיזן זיך איינגעקלאָמערט אין אַלטן פענצטער פון זייטיקן חדר. דאָס האָט געהאָלפן צו דערפרישן אין זיין זכרון די טרויעריקע פּאַסירונג פון צוועלף יאָר צוריק. אָט זעט ער דאָס אַלעס אויף דער וואַך. ער וועט שוין יענע נאַכט נישט פאַרגעסן. אין דער אייביקייט וועט ער דאָס מיטנעמען.

פון די הויכע בערג האָט אַראָפּגענידערט אַ שטילע צויבער־נאַכט און איינגעהילט מאַצאַראָ אין אַ טיפער בלייכקייט פון שטערן־שיין. אין

זייטיקן צימער, הארט ביים פענצטער, האָט זיך געצאַפּלט אַ דערשראָקן האַרץ און זיך געמאַטערט אין ספקות.

— וואָגן אָדער נישט? — — ווי אַזוי קאָן ער, אַנדזשעלאָ, פאַרלאָזן זיין ראַזינען, וועמען ער האָט ליב מיט אַזאַ סכנת־נפשות, און וועלכע האָט אים געשאָנקען אַזעלכע צוויי שיינע זין — טאָני און ניקי? און וואָס וועט איר פאָטער פּיעטראָ זאָגן? גאָט ווייסט דעם אמת, אַז זיין פאָרן קיין אַמעריקאַ, אין דעם לאַנד פון פרייהייט, איז בלויז אויף אַ קורצער צייט, ביז ער וועט פאַרדינען גענוג געלט און אפשר זיי אַלע אַריבערברענגען.

גאָר אַנדערש האָט ראָזינאַ געטראַכט. פאַר איר האָט אַמעריקאַ געמיינט צעשיידונג. זי האָט נישט געוואָלט הערן וועגן אַנזשעלאָס פּלאַן. אַנזשעלאָ האָט דעריבער פעסט באַשלאָסן צו פאַרלאָזן זיין געליבטע באַהאַלטענער־הייט. און כדי צו פאַרגרינגערן די לאַגע, האָט ער אויך מיטגענומען דעם עלטערן בחור, טאָני, מיט זיך. און אין דער טיפער שפעטקייט פון דער נאַכט, ווען עס האָט שוין געשאַריעט אויף טאָג, האָבן זיי זיך אַרויסגע־גנב׳עט דורכן פענצטער און זיינען אַנטלאָפן קיין אַמעריקאַ.

*

שווערע יאָרן האָבן זיך אַנגערוקט אויף ראַזינאַ׳ן, וועמענס וועלט עס איז צעשפּאָלטן געוואָרן אויף צווייען: מיט ניקין און איר אַלטן פאָטער פּיעטראָ אויף דער זייט האַריזאָנט, און מיט אַנזשעלאָ׳ן און טאָנין אויף יענער זייט האַריזאָנט.

איבערהויפּט האָט דאָס שטאַרק געווירקט אויף פּיעטראָ׳ן, וועלכער האָט נישט געקאָנט צוזען די ליידן פון זיין טאָכטער.

איר יאוש האָט זי אַריינגעטריבן אין אַ מעלאַנכאָליע און פאַר־צווייפלונג. זייער אָפט פלעגט ראַזינאַ צוטוליען צו זיך איר ניקי׳ן, אים אַריינגעקוקט טיף אין די אויגן, אין וועלכע זי האָט דערזען איר אַנזשעלאָ׳ן און טאָני׳ן. זי האָט שטיל געוויינט און שווער געאָטעמט. פון דרויסן האָט זיך געהערט ניקי׳ס אויספייפן אַ שיין ליבעס־ליד, וואָס אַ דיכטער אַ טרוי־מער האָט געשאַפן אין די בערג פון סיציליע. דאָס פייפן האָט דעם אַלטן פּיעטראָ׳ן אַרויסגעצויגן פון זיינע געדאַנקען, פון זיין עולם הדמיון...

*

ווען אַנזשעלאַ און טאָני זיינען אָנגעקומען אין דער גאָלדענער מדינה, האָבן זיי זיך די ערשטע צייט דערפילט ווי פאַרלוירן. פון די פּאָר לירעס, וואָס איז זיי פאַרבליבן פון וועג, האָט קוים געקלעקט אויף בלויז איבער־צושלאָפן און צו דערהאַלטן די נשמה. אין אַ קורצער צייט האָט אַנזשעלאַ זיך דערשלאָגן צו אַ „דזשאַב" אין אַ פּרוכט־געשעפט. זיין טאָני'ן האָט ער אַריינגעגעבן אין אַ שולע זיך אויסצולערנען די ענגלישע שפּראַך. אַליין האָט ער אויך אַריינגעקוקט אין אַ בוך, ווען ער האָט צייט געהאַט.

ענערגיש און מונטער האָט אַנזשעלאַ געאַרבעט, כּדי זיך און טאָני'ן צו דערנערן, ווי אויך אָפּצושפּאָרן אַ ביסל געלט אויף אַריבערברענגען זיינע טייערסטע פון יענער זייט ים.

אָבער דער גורל האָט אַנדערש געוואָלט. פּונקט ווען זיין שטרעבונג האָט זיך געהאַלטן ביים פאַרווירקלעכן, האָט זיך אַנזשעלאַ פאַרקילט. פון דער נישט־גענוגנדיקער אויפפּאַסונג, האָט זיך די קרענק אַנטוויקלט אין אַ לונגען־אַנטצינדונג, פון וועלכער אַנזשעלאַ האָט זיך שוין מער נישט דערהאָלט... — — —

טאָני האָט זיך פולקאָם אויסגעלערנט די שפּראַך, זיך אָנגעזאַפּט מיט דעם גייסט פון אַמעריקאַנער פרייהייט און איז געוואָרן אַן אמת'ער יענקי...

די באַציאונגען מיט זיינע נאָענטע אין מאַצאַראַ זיינען אָפּגעקילט געוואָרן בלויז בלאַסע סימנים פון קינדערישע דעראינערונגען האָבן זיך איינגעקריצט טיף אין זיין זכרון. — — —

*

ווען יאַפּאַן האָט געמאַכט איר פאַרעטערישן אָנפאַל אויף פּערל־האַרבור, איז צווישן די מיליאָנען אַמעריקאַנער בירגער אויך טאָני אויפ־געטרייסלט געוואָרן.

מיטן גאַנצן פלאַם און פיבער, דורשטיק צו נעמען נקמה, איז טאָני פרייוויליק אַריינגעטראָטן אין דער אַרמיי. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין געשיקטקייט און מונטערקייט.

ער האָט ליב באַקומען דאָס ברידערלעכע לעבן אין אַנקל סעמ׳ס אַרמיי. די געהעריקע אויפמערקזאַמקייט און פאַרוויילונגען...

אין דעם ערשטן מיליטער־טראַנספּאָרט קיין אַפריקע האָט זיך אויך טאָני געפונען.

נאָענט פון צפון־אַפריקאַנישן ברעג, האָט מען זיי אַנטפּלעקט דעם סוד. אַז דער באַשטימטער פּלאַץ איז אַלזשיר. אַ מונטערער „אָ׳קעי״ האָט זיך אַרויסגעריסן פון טאָני׳ס ברוסט, אַלס סימן, אַז ער איז פאַר זיין אַמעריקאַ גרייט זיך מקריב צו זיין און צו פאַרמעסטן זיך מיטן שונא.

אין טאָני׳ן האָבן זיך דערוועקט איינגעשלאָפענע זכרונות: שוין גאַנצע עלף יאָר זינט זיין פאָטער איז געשטאָרבן. זינט דאַן זיינען אויך איבערגעריסן געוואָרן די פעדים פון זיין געבורטסלאַנד, פון זיין אייגן בלוט און פלייש.

ער האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אויף אַ האַרטן שטול און פאַרטראַכט אַריינגעקוקט אין דעם האָריזאָנט. די אָפּגעשוואַכטע שטראַלן פון דער פאַרגייענדיקער זון האָבן געגלעט זיינע צעשויבערטע שוואַרצע האָר, און אויסטערלישע בילדער האָבן זיך געמישט אין זיינע געדאַנקען.

אויף דעם מיטללענדישן ים ליגט צעשפּרייט מיט אַ מאַיעסטעטישער רחבות אַן גן־עדן־אינדזל סיציליע און גוידערט זיך מיט אַ גאָלדענער קייט פון גרינע בערג. אין שויס פון דעם אינדזל דרימלט זיין דערפעלע מאַצאַראָ. אָט הערט ער אַזוי קלאָר דאָס ווידער־קול פון זיין אייגענעם קינדערישן זאָרגלאָזן געפילדער, וואָס קייקלט זיך ווי אַ דונער פון די באַוואַלדעטע בערג און ווערט דערטרינקען אין דעם טיפן ים. אָט הערט ער דאָס לאַכן און וויינען פון זיין קליין ברודערל ניקי, וועמען, צוליב דער גרויסער אָרעמקייט, האָט מען נישט געקאָנט צופרידן שטעלן מיט גענוג עסן.

די מילך פון די בהמות, וואָס זיין זיידע פּיעטראָ האָט געפּאַשעט, האָט מען צוליב דחקות געמוזט אַוועקפירן צו די רייכע קיין פּאַלערמאָ.

אַ נאָגנדע בענקשאַפט האָט טאָני׳ן אַרומגענומען, ווי מיט הייסע צוואַנגען — אַ בענקשאַפט צו זיין מאַמען, צו זיין ברודער און צו זיין זיידן.

*

נאָכן זיג איבערן שונא אין אַפריקע, האָבן די אַמעריקאַנער טריאומ־פירנדיק זיך אַוועקגעלאָזט מיט אַ באַזונדערן טעמפּאָ צו באַלאַגערן דעם אינדזל סיציליע.

אונטער דעם פייער פון עראָפּלאַנען און האַרמאַטן, זיינען שטעט און דערפער געפאַלן ווי קאַרטן־שטיבלעך. באַזונדערס אימפּאָזאַנט איז געווען דאָס פאַלן פון דער זוניקער שטאָט פּאַלערמאָ. מחנות איטאַליענער און דייטשן האָבן זיך פרייוויליק איבערגעגעבן אין געפאַנגענשאַפט. די צע׳מזיק׳טע וועגן זיינען געווען געדיכט פאַרפלייצט מיט געפאַנגענע. טאָני איז אויך געווען צווישן די באַפולמעכטיקטע, אָפּצופירן די געפאַנגענע אין צייטווייליקע לאַגערן.

מיד, שלעפעריק, דערשעפט און הונגעריק, דול פון שרעק, האָט טאָני באַמערקט ווי איין געפאַנגענער לאָזט זיך מאַכטלאָז ארונטער און פאַרלירט זיך אין חלשות. ער האָט באַפוילן אַנדערע געפאַנגענע אים אויפהייבן. אַליין האָט ער זיין פלעשעלע טראָפּנס צוגעלייגט צום געפאַנגענע־נעמס נאָז. דער פאַר׳חלש׳טער האָט פויל, אָן אַ באַזונדערן חשק, קוים געעפנט זיינע פאַרמאַכטע אויגן, ווי מיט רחמים זיך געבעטן אים לאָזן געמאַך.

טאָני האָט מיט זיין לעדערנעם פלעשל וואַסער באַנעצט זיינע ליפּן און אַרומגעוואַשט דעם געפאַנגענעמס פּנים.

— גאָט מיינער! — האָט טאָני הויך אַ טראַכט געטאָן און איז אָפּגע־טראָטן דריי טריט פון געפאַנגענעם לויט די מלחמה־געזעצן... דער נאָמען „ניקי“ איז ביי אים אויף די ליפּן פאַרגליווערט געוואָרן. אָך, ווי ער וואָלט אים געוואָלט אַרומנעמען, צודריקן צום האַרץ, אויסקושן דעם צער פון זיינע מידע אויגן און דערפרייען זיין האַרץ, זאָגן אים, אַז דאָס איז ער, טאָני. אָבער לויט די מלחמה־געזעצן איז שטרענג פאַרבאָטן צו פאַר־פירן אַ געשפּרעך מיט געפאַנגענע. ווען געדאַנקען קאָנען ריידן! — האָט טאָני געטראַכט גלעטנדיק מיט זיינע וואַרעמע בליקן ניקי׳ס בלאַסן פּנים...

ניקי האָט אינסטינקטיוו דערפילט טאָני׳ס צערטלעכקייט. זיין האַרץ

האָט אָנגעהויבן זעצן זיך ווי אַ פּויק, יעדעס מאָל ווען ער האָט געוואָרפן אַ בליק אויף אים. ער האָט באַמערקט ווי טאָני׳ס אויגן זיינען פייכט. און ווען ביידע בליקן האָבן זיך באַגעגנט, האָט דאָס פּאַסירט:

— ט—אָ—נ—י!!

טאָני האָט אים אָפּגעשטויסן פון זיך. ס׳איז פליכט — מלחמה־געזעצן...

ניקי האָט דאָס באַנומען. זייערע ביידנס הערצער האָבן גערעדט אַזוי הויך, אַז בערג און טאָלן האָבן געהערט...

עס איז נאָך געווען אַ ווייטער מהלך צום לאַגער. ניקי האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און פון צייט צו צייט טראָפּנווייז אַרויסגעמורמלט:

— ווען אונזער ליבע מאַמע האָט אויסגעהויכט איר לעצטן אָטעם, איז דער נאָמען „טאָני״ אויף אירע ליפּן פאַרגליווערט געוואָרן.

*

דער טאָג האָלט שוין ביים צאַנקען. די לופט ווערט אָנגעזאָפּט מיט אַ בלויער קילקייט. די וועלדער בלייבן פאַרטראַכט. די פאַרגייענדיקע זון, האַלב שוין צוגעדעקט מיט באַרג, שענקט אירע לעצטע שטראַלן צו באַלויכטן די טרערן־פּערל, וואָס קייקלען זיך פון טאָני׳ס אויגן. — — —

בימים ההם

(אַ בילד פון שטורמישע, פאַרשעמטע טעג)

נאָכדעם ווי דער שטראָם פון דער גרוילהאַפטער בלוט־באָד, האָט זיך עטוואָס איינגעשטילט, און די פאַר׳עיפּוש׳טע גאַזן פון די גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס האָבן אָנגעהויבן צו פאַרגיין, האָט דער שטומער וואַלד צעעפנט זיין טיף־סודות׳דיק מויל און אַרויסגעשפּיגן גאַנצע מחנות אויס־טערליש־באַוואַקסענע פּאַרטיזאַנער, אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע, נישט דערגערטע און נישט דערשלאָפענע, אָבער אין וועמענס אויגן עס האָט געטאַנצט אַ בייסיק פייערל פון ענדגילטיקן נצחון איבער דעם בלוטיקן שונא.

אַרויסגעקומען זיינען זיי דורכגעדרונגען מיט איין אַלגעמיינעם פיבער־האַפטן דראַנג: אויסצוגעפינען דעם גורל פון זייערע ליבע און טייערע, וועלכע זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער גרויסער שריפה, און זעען ווי וויט און טיף גאַטס צאָרן האָט זיך אויסגעגאָסן אויף זייערע שטעט און שטעטלעך.

ווען די שאַרפע שווערד האָט זיך מיט ווילדער אכזריות אַרונטער־געלאָזן אויפן בעסאַראַבישן שטעטל, זיינען יאָסעלע דעם שוחט׳ס און מירעלע דעם חזנ׳ס פון גרויס שרעק און בהלה געיאָגט געוואָרן אין טיפן וואַלד אַריין.

ביידע האָבן זיי געוואוינט אַ שטוב לעבן אַ שטוב, אַ פענצטערל קעגן אַ פענצטערל, אַזוי אַז ווען יאָסעלע האָט מיט גרויס התמדה און התלהבות געלערנט זיין שיעור גמרא, האָט זיך דער אונטערנאָזיקער, פאַרבענקטער גמרא־ניגון איבערגעגאָסן אין קעגנאיבערדיקן פענצטערל און זיך פאַר־גאָסן מיט מירעלעס זיסער שטימע, וואָס זי האָט גע׳ירשנ׳ט פון איר טאַטן דעם חזן.

פול מיט שרעק און דערשעפטע, האָבן זיי אַ שטיק צייט געבראָדזשעט

אין דעםווילדוואוקס צווישן פאַרצוויגטע ביימער, ביז אַ פּאַרטיזאַנישע אויסשפּיר־גרופּע האָט זיי באַמערקט און איבערגענומען. און כאָטש זיי זיינען נאָך געווען מינדעריאָריקע, פּערצן ער און דרייצן זי, האָבן זיי זיך דאָך זייער נוצלעך געמאַכט. מירעלעס שמאָלע אויגן, אין וועלכע עס האָבן געפלאַקערט אומרואיקע פייערלעך ווי קוועקזילבער, און אירע צוויי שוואַרץ־פּעכיקע לאַנגע צעפּ, באַצירט מיט צוויי רויטע לענטעלעך, וואָס האָבן זיך גראַציעז געהויבן איבער איר יונגן בוזעם, האָבן איר געגעבן דעם אויסזען פון אַן אמת׳ער מאָלדאַוואַנקע.

אירע שליחות צו די אַרומיקע דערפער איינצוהאַנדלען פּראָוויאַנט פאַר דער פּאַרטיזאַנישער אָפּטיילונג, האָט מירעלע דורכגעפירט מיט קוראַזש, אָן אַ פּיצל מורא. דער איינציקער, וועמענס געדולד פון צייט צו צייט פלעגט יאָ אָנגערייצט ווערן איבער מירעלעס ריזיקאַלישער שליחות, איז געווען יאָסעלע. זיין האַפּענונג איז נישט איין מאָל דערשראָקן געוואָרן, ביז ער פלעגט זי בשלום דערזען צוריק. ער האָט עפּעס אינסטינקטיוו דערפילט די פולע אַפּוטרופּסות איבער איר, די פליכט ווי פון אַ טאַטן, ברודער און אפשר טאַקע נאָך נעענטער...

אין משך פון פיר לאַנגע גומען־אויסגעצויגענע יאָר, האָבן זיי זיךביידע אויסגעשיילט פון „קינדהייט" און אויך איינגעפלאַנצט אין זייערע הערצער אַ טיפן ערנסט פון אידישן נאַציאָנאַל־באַוואוסטזיין, שטאָלץ און ווירדע...

אין וואַלד מיט די ביימער, גראָזן און בלומען, האָבן זיך אויך יאָסעלע און מירעלע צעבליט, געוואקסן און אויסגעוואקסן. זייערע ביידע משפחות, דעם שוחט׳ס און דעם חזנ׳ס, זיינען אויף אַ ברוטאַלן אופן פאַרפייניקט געוואָרן צום טויט, און פון זייערע הייזער זיינען בלויז פאַרקוילטע, פאַר־סמאַליעטע רואינען פאַרבליבן. דערשיטערט און צעטרייסלט פון גרויל־האַפטן חורבן, האָט מירעלע געליטן אַ נידערלאַגע: אירע אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן ווי צוויי פולע לאָגלען, וואָס זיינען גרייט אַרויסצו׳מבול׳ן אַ פאַר־פלייצונג פון לאַנג אָנגעזאַמלטע טרערן. יאָסעלע האָט דאָס באַמערקט, זי אַרומגענומען און מיט צאַרטע בליקן זיך איינגעקלאַמערט אין אירע

ווייכע אויגן, ווי ער וואָלט זיך פאַרמאָסטן אויסצושעפּן פון זיי דעם גאַנצן צער, און איר שטראָפנדיק געטרייסט:

— מירעלע, וויינען גאָר? טרערן זיינען אַ סימן פון שוואַכקייט און הכנעה, וואָס פירט אומגעשטערט צו אַ פאַרשוועכונג פון דער הייליקער שבועה. — אונזער אידישער קאַמף, — באַמערקט יאָסעלע, — האָט זיך נאָך נישט פאַרענדיקט און אפשר גאָר ערשט אָנגעהויבן. ביז איצט האָבן מיר געקעמפט פאַר דער באַפרייאונג פון דער גאַנצער מענטשהייט, און איצט דאַרפן מיר נאָך מיט מער עקשנות קעמפן פאַר דער באַפרייאונג פון אונזער פאָלק און פון אונזער היים. דאָ האָבן מיר געקעמפט קעגן טויט און דאָרט אין ארץ־ישראל וועלן מיר קעמפן פאַרן לעבן.

פון יאָסעלעס האַרץ האָט אַרויסגעבראָקעט די „התקוה" און מירעלע האָט אונטערגעכאַפּט מיט דער פאַרטיזאַנישער שבועה. די טענער פוןביידע הימנען האָבן זיך געריגגלט און געקייטלט אין איין וואַריאַציע, פון וועלכער עס האָט געאָטעמט מיט געזונטן גייסט פון אויפלעבונג. יאָסעלע און מירעלע האָבן חתונה געהאַט נישט נאָר אויס הייסער ליבע איינער צום צווייטן, נאָר אויך, בכדי ממשיך צו זיין דעם קיום, פאַרלענגערן און פאַרקערפערן די עקזיסטענץ פון ביידע משפחות, דעם חזנ׳ס און דעם שוחט׳ס. די צער־פולע איבערלעבונגען פון די מלחמה־גרוילן האָבן איבער־געלאָזן אַ פרעמדקייט און פאַרגליווערטקייט צום גאַנצן אַרום. דאָס וועלט־געוויסן איז איינגעשלאָפן און אפילו די זעקס מיליאָן אידישע קרבנות קאָנען עס נישט דערוועקן...

נישטאָ ווער ס׳זאָל אונזער האָפענונג באַרעכטיקן! נאָך מער, די איראָניע פון אונזער צייט איז נאָך גרעסער, וואָס אונזערע באַשיצער זיינען גאָר אַליין געוואָרן די אָנגרייפער, די הייסע תלמידים פון היטלערס מעטאָדן פון קאָנצענטראַציע־ און אינטערניר־לאַגערן...

אין יאָסעלען און מירעלען האָט זיך אויפסנייע צעפלאַקערט דער פאַרטיזאַנישער פונק פון פאַרוואונדעטן אידישן שטאָלץ צו קעמפן זייט ביי זייט מיט דער „הגנה" אין ארץ ישראל.

ווען זיי האָבן דערגרייכט צום פּאָרט קאָנסטאַנץ, האָבן זיי זיך מיט פיל אַנדערע פּליטים באַזעצט אויף דעם סאַמע שויס פון האַפן — אַ שפּאַן

נעענטער צום ציל. לויט אַ באַגלויביקער ידיעה, האָט אַ שיף שטילערהייט באַדאַרפט אַנקערן און אויפנעמען די אומגליקלעכע דירעקט קיין א״י.

צווישן די קופּקעלעך אַש, וואָס די יאָרן פון אומקום האָבן איבערגעלאָזן אין זייער נשמה, האָט נאָך געגליט אַ פונק פון האָפענונג, און בלויז געוואָרט, אַז עמעצער זאָל אָנבלאָזן און פאַנאַנדערבלאָזן אַ נײַ פייער — — —

אין דער שטילער טיפקייט פון אַ בלויער זומער־נאַכט, באַגלייט פון אַ ווייטן שיין פון מילי־מיליאַסן שטערן, האָט די שיף אַ הייזעריקן קרעכץ געטאָן, זיך פאַרכלינעט מיט אַ זייל צעפּאַלדעוועטן רויך און פּאַמעלעך, ווי אַ מעוברת׳ע, אונטער די שטילע טענער פון „התקוה״, פאַרלאָזט די גלות־ברעגן. די ווייס־בלויע פאָן האָט זיך געוויגט איבער די גאָלדענע יידישע אותיות, געווידמעט דעם ליכטיקן אָנדענק פון אַ טיכטיקער טוערין, וועלכע האָט מקריב געווען דאָס בעסטע און שענסטע פון איר לעבן פאַר דעם אויפבוי פון איר לאַנד.

דער זיסער געדאַנק פון שווימען אַ היים, האָט ווי אַ באַלזאַם געגלעט און געהיילט די צעבראָכענע געמיטער. אַ שטילע פרייד האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף די אויסגעצערטע פּנים׳ער און גערייניקט דעם צער פון די חורבן־קנייטשן. די דערהויבענע שטימונג, וואָס וואַקסט אַרויס פון גליק איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין שטיק אומצעשטערבאַרע אחדות און ברידערלעכקייט: פרעמדע פרויען זיינען געוואָרן „מאַמעס״ צו עלנטע יתומים, מענער — „טאַטעס״ צו פרעמדע קינדער און זקנים וזקנות — „זיידעס״ און „באָבעס״ צו יעדן.

גליקלעכער פון אַלע האָבן זיך דערפילט יאָסעלע און מירעלע: זיי פירן אַ ציטריקע מתנה קיין ארץ ישראל — אַן אוצר, וואָס ליגט אָפּגעהיט אונטער מירעלעס האַרץ... דאָס איז דאָך די פאַרקערפּערונג פוןביידע אומגעקומענע משפחות און איבערהויפּט אַ נייעם מאַרטירער פאַרן אידישן פאָלק...

זיי האָבן אויסגערעכנט, אַז פונקט ווען זיי וועלן בשלום אָנקומען, זאָל דער אוצר דערשיינען אויף דער הייליקער ערד.

געדוכט האָט זיך, אַז די שיף גייט אויס שמונה־עשרה־טריט, ווייל דורך די ליכטיקע טעג, האָט זי זיך געהאַלטן ווייט אַוועק צווישן די

כוואַליעס, אויסמיידנדיק אַ בייז אויג... אָבער דורך די שטילע נעכט האָט זיך די שיף אַנטפּלעקט פון איר באַהעלטעניש אין איר פולן מאַיעסטעטישן פּראַכט. זי האָט זיך געוויגט אויף די באַזילבערטע ברוסטפּולע כוואַליעס און זיי ווי אַ וואַלפיש געשלונגען און צוריק אויסגעשפּיגן.

דורך אַזעלכע צויבער־נעכט איז די וויס־בלויע פאַן קעגן דער לבנה געווען נאָך ווייסער און נאָך בלויער — אַ צוזאַמענשטעל פון אַ פּאַס זעפּיר־בלויען הימל און זילבערן לבנה־שיין. אויפן גאַר וויטן האָריזאָנט האָבן שעלמיש געפינקלט עלעקטרישע לעמפּעלעך ווי שטערנדלעך. לייכטע זעפיר־ווינטעלעך שוועבן אַרום פאַרטראַכט, לויפן אָן ווי די טויב מיטן איילבירט־בלעטל, און לאָדן אַיס מחיה׳דיקע, זאַטע רואיקייט פון דער מאַמע־ערד.

די אָרעמע האָבן זיך שוין מיט זיסער איילעניש געגרייט צום אויס־שטייגן, ווען פּלוצים, פון דער העלער הויט, האָט אַ שאַל געטאָן אַ סירענע, וואָס האָט זיך בליץ־שנעל געשלענגלט ווי אַ „שלשלת" אין דעם טיפן חלל, און אַרויסגערופן די בייזע גייסטער פון טרעבלינקע, מאַידאַנעק און אוישוויץ.

די שטילקייט איז צעריסן געוואָרן, און דער ים האָט זיך אַ בייזער געטאָן. די שיף איז געבליבן שטיין אומבאַוועגלעך, ווי פאַראַנקערט פון אַ שטאָלענער האַנט. צווישן די אומגליקלעכע איז געוואָרן אַ בהלה, אַ געיאָמער. אַ בלאָקאַדע פון אַ קייט שיפן, געפירט פון אַ געפּאַנצערטן צעשטערער, האָבן ווי די מלאכי־חבלה אַרומגערינגלט די פּליטים־שיף, אַרויסלאָזנדיק זיך אין אַ ווילדן קאַדריל, ווי די אינדיאַנער אין די סטעפּעס מיט פייל און בויגן אַרום אַן אומבאַשיצטער בויד פון ווייסע מענטשן־אוואַנטוריסטן.

אין איין אויגנבליק זיינען אויסגעוואַקסן אַ פּאָר בריטישע באַאַמטע, באַגלייט פון באַוואָפנטע סאָלדאַטן. זייערע אַסקעטיש געשניצטע פּנים׳ער, אויסגעקנאָטן אין בייזער שטרענגקייט, האָבן נאָך פיל טאַפּעניש און זוכע־ניש דערקלערט, אַז זייער „גנעדיקע רעגירונג" דערלויבט נישט די אומ־לעגאַלע אימיגראַנטן צו לאַנדן אויף זייער ערד און, אַז זיי וועלן אויף ענגלישע טראַנספּאָרט־שיפן דעפּאָרטירט ווערן קיין ציפּערן, וואו „זיין

מאַיעסטעט״ האָט פאַר דעם צוועק אויפגעשטעלט אינטערניר־לאַגערן. די בייזע בשורה האָט געטראָפן די אומגליקלעכע ווי מיט פייערדיקע ריטער. דאָס וויינען און קלאָגן האָט נישט ווייכער געמאַכט די הערצער פון די בריטישע. אַפילו די אויסגעברענטע טאַטואירטע בראַנד־צייכנס אויף זייערע אויסגעמאָגערטע שטעקלעך־אָרעמס, האָט נישט גערירט זייער פאַרגליווערטע געוויסנלאָזיקייט. צוויי טראַנספּאָרט־שיפן פון וואָלקן־קאָליר, זיינען געשטאַנען מיט אָפענע מיילער און מיט דראָט־שטעכיקע ציין, גרייט אַריינצושלינגען די פאַרפייניקטע אידן פאַר דעפּאָרטאַציע צום נייעם גהינום: אינדזל ציפּערן.

*

אויף אַ האַרטן שטרויענעם מאַטראַץ האָט זיך מירעלעס גוף געקנוילט אין אַנגסטן. אירע אויגן אין וועלכע עס האָט געפלאַקערט אַ קאַלט פייערל, זיינען פאַרצויגן געוואָרן אין דינע שפּעלטלעך, ווי זי וואָלט מורא געהאַט זיך צו באַהעפטן מיט דער שרעקלעכער ווירקלעכקייט. זי האָט זיך געפילט געפלעפט און פאַרשעמט פון דער פרעכקייט פון די בריטישע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן פאַראומווירדיקט און אָנגעגריפן אין איר נשמה דאָס סאַמע יאָדערדיקע. דעם אוצר, וואָס זי האָט מיט אַזוי פיל צערט־לעכקייט געפרוכפּערט אונטער איר האַרץ, האָט איצט אָנגעוואוירן זיין גלאַנץ, פאַרלוירן זיין ווערט און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסן שווערן שטיין, וועלכן זי וואָלט מיט אירע אייגענע הענט פון איר מוטער־טראַכט אַרויסגעריסן. די נעכטיקע זיסע חלומות פון באַרייכערן איר פאָלק מיט אַ נייעם מאַרטירער אויף זיין אייגענער ערד, זיינען צעשטויבט געוואָרן הינטער דעם קנאַפּל פון די פאַשיסטישע מעטאָדן. דער געדאַנק פון ווערן אַ מוטער פון אַ רייץ, אומשולדיק עופהלע אויף אַ פרעמד פאַרוואָרפענעם אינדזל, איז ווי צו געבוירן ווינט...

יאָסעלע האָט פאַרמאָגט אַ פאַנטאַסטיש געפיל און אַ ביסל בטחון: ער האָט זיך אַריבערגעבויגן איבער מירעלען און געגלעט אירע פייכטע אויגן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער נאָמען „ציפּערן״, וואוהין זיי ווערן איצט געפירט אָפּריכטן אַ נייעם גלות, האָט זיך אַריינגעריסן אין איר מח,

אויסגעלאָשן די ליכטיקע חלומות און געמאַכט פינצטער, ווי אין אַ קאָנצענטראַציע־נאַכט. יאָסעלע האָט דערשפּירט דעם דרינגנדן מאָמענט פון לאָזן פאַלן אַ פּאָר טרייסט־ווערטער, אַפילו ער זאָל דאַרפן באַצאָלן מיט כלומרשטן דערהויבן די חשיבות פון ציפּערן.

אָן אַ פּיצל חשק, נאָר ווי געפירט בלינד פון אַ פאַרהוילענער קראַפט, האָט יאָסעלע אָנגעהויבן שטאַמלענדיק, ווי מיט אומזיכערע טריט, אויף אַ ווילד־פאַרוואַקסענעם וועג מיט דערנער:

— מירעלע! — האָט זיך זיין שטים געשטיקט, — מיר טאָרן נישט באַהערשט ווערן פון פאַרצווייפלונג. מיר האָבן שוין איבערגעלעבט ערגערע מאָמענטן. אמת טאַקע, מיר האָבן געהאָפט, אַז דאָס איז שוין דער לעצטער עטאַפּ, אָבער דער גורל האָט געוואָלט מיר זאָלן נאָך אַ ביסל נע־ונדן. מיר האָבן באַזיגט היטלערס נאַציזם, און מיר וועלן אויך די איצטיקע קרעציקע פּלאָג באַזיגן.

— אייגנטלעך, — מאַכט יאָסעלע דעם אָנשטעל, — זיינען מיר געשיכטלעך ענג פאַרבונדן מיט ציפּערן, וואָס ציט נאָך דעם פאַדעם פון פאַרן חורבן בית ראשון. אין יענעם אַלטערטום זיינען פאַרצייכנט געוואָרן ליכטיקע מאָמענטן, ווען דאָס אידישע פאָלק, פּונקט ווי איצט, האָט געקעמפט קעגן די אַמאָליקע אימפּעריאַליסטישע מלוכות. ציפּערן איז דאַן געווען די לעבנס־ליניע פון די היינטיקע מאַכטהאָבער.

אין זעכצנטן יאָרהונדערט האָט אַפילו אַ איד, דון יוסף הנשיא, געזאָלט געקרוינט ווערן אַלס קעניג איבער דעם אינדזל. היינט — שטרייכט יאָסעלע אונטער באַרימעריש, — די „אתרוגים“ מיט די גרויסע „פּיטומס“, וואָס וואַקסן דאָרט! — און וואָס איז מכה דעם יין קפריסין?

ווער ווייסט צו וועלכער הויכער שטופע די שבחים וועגן ציפּערן וואָלטן דערגרייכט, ווען נישט מירעלעס קרעכצן, אָן אָנזאָג אויף גרויסע ווייען, וואָלטן אים נישט צוריקגעצויגן פון דער זייפן־בלאָזן־באַגייסטע־רונג.

*

אין איינעם פון די פייכטע פאַרטאָגיק־קויטיקע פרימאָרגנס, איינגע־

הילט אין אַ געדיכטן נעפּל, האָט זיך די טראַנספּאָרט־שיף דערנענטערט צו די ברעגן פון ציפּערן. איבערן קאָפּ פון אינדזל האָט געוואַכט איין שטיק גרויקייט און געיאָגט אַ נאָגנדן אומעט אויף דעם רחבות׳דיקן אַרום.

ווען די ברומענדע כוואַליעס האָבן אַריינגעפּירט די שיף אין דעם קויטיקן האַפן, האָט זיך אויף איר דעק געצאַפּלט אַ האַרץ פון אַ יונגער מוטער. אַ חלף־דין קול׳כל פון אַ ניי־געבוירן קינד האָט ווי אַ שפּיז דורכגעשניטן די פאַרגליווערטע שטילקייט.

מירעלע איז געלעגן באַוועגלאָז. אירע אויגן האָבן געצונדן נקמה־פונקען און אירע בלאַסע ליפּן האָבן כעס׳דיק געפּרעפּלט:

— דער טאָג פון רעכנשאַפט וועט נאָך קומען!!

דער שאַנד־פלעק

(דערציילונג)

עס איז נאָך געווען אין גרויסן פאַרטאָג, ווען דזשוליוס האָט זיך ספּאָנטאַן אויפגעכאַפּט, אויסגעריבן זיינע אויגן, אַרונטערגעלאָזט זיינע וואַרעמע פיס אויף דעם ווייכן טעפּיך און געבליבן זיצן אויף זיין געלעגער אַ פאַרקלערטער.

דער בלויער דרויסן האָט זיך עטוואָס געפּרעסטלט און געלעקט די נייע פרילינג־שפּראָצונגען מיט זילבער־בייסיקע צינגעלעך. אַ פאַרטאָגיק ווינטל איז אָנגעלאָפן און געטריבן די לייכטע וואָלקנדלעך ווי פאַרע פון די ברייטע דזשוירזי־פעלדער אין טיפן ים אַריין. דזשוליוס האָט זיך אין דער שטיל וועגן עפּעס מצער געווען: ער האָט זיך דערפילט אויס־געליידיקט פון די אַלטע, אָבער פריש־לעבעדיקע שטורמישע יאָרן. אַ געפיל פון זיסער אומרואיקייט האָט אים באַהערשט. ס׳הייסט, געשפּייזט האָט ער זיך פון אַזאַ מאָדנעם געפיל נאָך פון ערשטן טאָג אָן, זינט ער האָט אויף די שפּאַלטן פון „קרובים געזוכט״ אַנטדעקט, אַז אַ בריוו איז פאַראַן פון זיין משפּחה אין פוילן.

דער וויי־געשריי־בריוו איז געווען פון זיין צווילינג־ברודער משה׳לע, אַז ער איז על פּי נס ניצול געוואָרן, און אַז ער בלאָנקעט אַרום אָן עלנטער צווישן די פאַרקוילטע חורבות און רואינען פון זיין שטעטל, אָבער דער הונגעריקער פלאַם צום לעבן טראָגט אים ווייטער.

דזשוליוס האָט געהאַנדלט אין גייסט פון דעם בריוו, און נאָך פיל מי און אַלערליי קאָמפּליצירטע שוועריקייטן, איז אים ענדלעך געלונגען אַרויסצוציען משה׳לען פון גיהנום, וועלכער איז שוין אויפן וועגן צו זיין אַמעריקאַ. און כאָטש די שיף, אויף וועלכער משה׳לע געפינט זיך דאַרף ערשט אָנקערן אין דער שפּעטער שעה פון הייַנטיקן פרימאָרגן, פונדעסטוועגן האָט זיך דזשוליוס געפּעדערט אַ שפּראָץ אויף טאָג, ברייט

צעעפּנט זיינע אויסגעוואַשענע אויגן און צוגעקעמט זיינע שוואַרץ־פּעכיקע האָר מיט אַ שרינט אין מיטן, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ שמאָל פּאַרשנייט סטעזשקעלע צווישן צוויי שוואַרצע פעלדער.

ער האָט זיך אין איילעניש אָנגעטאָן, אַרויס פון הויז און רירעוודיק זיך אַוועקגעלאָזט אויפן וועג צום ניו־יאָרקער האַפן, צו דער לאַנג־דערוואַרטעטער באַגעגעניש מיט זיין משה׳לען. די כוונה פון דזשוליוסעס איילן זיך איז געווען בכדי ווידער נישט פאַרכאַפּט צו ווערן פון אַ טשע־רעדע פּיצלעך, צעריסענע, מאָדנע געדאַנקען, וועלכע פאַרפאָלגן אים אַזוי אָפט די לעצטע טעג, און וועלכע עגבערן זיין מח אַמשטאַרקסטן דורך די שלאָפלאָזע נעכט.

שוין העכער צוואַנציק יאָר זינט דזשוליוס האָט פאַרלאָזן דאָס פּוילישע שטעטל, אָדער ריכטיקער געזאָגט, זינט ער איז פאַרטריבן געוואָרן פון זיין טאַטנס טיש. אין משך פון אַזאַ לאַנגער צייט, האָבן זיך זיינע טרויעריקע דעראינערונגען וועגן דער אַלטער היים אויסגעוועפּט. ער האָט זיך אַפילו לחלוטין אָפּגעזאָגט פון די אַמאָליקע פּרעטענזיעס צו זיין פאַנאַטישן פאָטער און זיין צווילינג־ברודער משה׳לע, דער „הבן יקיר לי אפרים״...

און גראָד איצט, מיט משה׳לעס אָנקלאַפּן אין די ניו־יאָרקער טויערן צעעפּנט זיך ביי דזשוליוסן אויפסניי די שלייפן פון אַמאָליקע זכרונות...

ער באַוואָפנט זיך מיט אַלע געזונטע חושים, נישט אַריינפאַלן אין דער נעץ פון אַזעלכע מחשבות, ווייל דאָס וואָלט געמיינט אויפסניי צע־שמעלצן די אַמאָליקע שנאה צו זיין משפחה און אָנרייצן אויפסניי זיין איינגעשלאָפענע אייפערזוכט צו זיין ברודער. אַזעלכעס וואָלט פאַרטונקלט און ווי געטאָן דעם הייליקן צוועק פון הילף. מערקווירדיק! וואָס מער משה׳לע דערנעענטערט זיך צו די ברעגן, אַלץ בולט׳ער וואַקסט אויס פאַר דזשוליוסן אַ גאַלעריע פון פאַרשידענע אָפּשטויסנדיקע אַמאָליקע גע־שטאַלטן. דער דאָזיקער געפיל ווערט באַפּרוכפּערט צוליב דעם, וואָס די לעצטע פּאָר נעכט, זעט ער וויזיעס און הערט אַזוי קלאָר זיין טאַטנס הייזע־ריקע באַסאָווע שטימע, וואָס הויבט זיך אויף שטאַרק ווי אַ דונער און לאָזט זיך אַרונטער שטיל, הכנעה׳דיק מיט חרטה אויף זיין אַמאָליקער,

מאָגערער באַהאַנדלונג און פאַרגליווערטער באַציאונג צו זיין אייגן קינד, צו זיסין (דזשוליוס׳ן). עס דוכט זיך אים, אַז ער הערט ווי זיין טאַטע פּרעפלט פרום און בוימלדיק: — „זיי מיר מוחל, זיסי! האָב איצט רחמנות אויף משה׳לען, ער איז נישט שולדיק.

צו דער מחילה, וואָס זיין שטרענגער פאָטער האָט ביי אים געבעטן, איז דזשוליוס געווען איינגאַנצן באַרעכטיקט, ווייל די בושה וכלימה, וואָס דזשוליוס, אָדער זיסי, איז אויסגעשטאַנען אין זיין טאַטנס הויז, האָט איבערגעשטיגן די פאַרשטעלונגס־קראַפט.

ביידע ברידער, זיסי און משה׳לע, זיינען דערצויגן געוואָרן אין גייסט פון אַ שטרענג־רעליגיעזער, פאַנאַטישער סביבה. ר׳ מאיר — אַ איד אַ תקיף, אַ דעה־זאָגער און אַ קהל־פירער, איז געווען אַ שטרענגער פאָטער און ווייט נישט קיין קאָמפּראָמיטירטע פערזענלעכקייט. זיין לײַדנשאַפטלע־כער דראַנג נאָך יחוס, זיין אַמביציע זיך צו קאָנען אַריינפלעכטן אין דער גאָלדענער קייט פון רבנים און רביים, האָט אים געטריבן צו סכנת נפשות. איז גאָר קיין חידוש נישט, וואָס ר׳ מאיר האָט געהאַלטן אַ וואַכ־זאַם אויג אויף דעם צווילינג, זיי זאָלן לערנען פלייסיק גאָטס תורה, און אַז ער וועט זיך פאַרדינען ביי דעם וואָס לעבט אייביק, וועלן זיי נאָך דערגרייכן צום כסא־הרבנות.

ביז דרייצן יאָר האָבן זיי געלערנט גאָטס תורה, ווען פּלוצים איז געקומען דער איבערברוך: משה׳לע איז געבליבן פעסט אויפן אַלטן וועג, זיסי, אָבער ער האָט פאַרקירעוועט אין אַ פרעמדער ריכטונג, פרעמדע לימודים, און באַהאַלטענערהייט אפילו זיך גע׳חבר׳ט מיט „עמך״ און געזונגען פּראָסטע לידער. ר׳ מאיר האָט איינגעלייגט וועלטן און זיך געריסן באָרד און פאות. אָט ברומט ער ווי אַ לייב און איז גרייט זיסין צו פאַרצוקן, און אָט בעקעט ער ווי אַ לעמעלע און בעט זיך רחמים ביי אים, ער זאָל האָבן איינזעעניש און פאַרהיטן דעם כבוד פון משה׳לען...

דאָס חבר׳ן זיך מיט בעלי־מלאכה׳שע קינדער האָט אַמשטאַרקסטן אָנגערייצט ר׳ מאיר׳ס כעס, ווייל דאָס וואָלט געמיינט אַ שפּלינטער אין דעם סאַמע האַרץ פון יחוס — אַ ריס אין דער גאָלדענער קייט. דער

נאָמען „זיסי" איז אין הויז ווי אויך אויף דער גאַס פאַרביטן געוואָרן אויף אַ „שאַנד־פלעק" אין דער משפחה.

די נגישות און רדיפות, וואָס זיסי איז נאָך אויסגעשטאַנען ביי זיין טאַטנס טיש, האָט אים אַזוי נישט דערדריקט, ווי די ביטול'דיקע באַנע־מונג פון צווילינג־ברודער משה'לע צו אים, וועלכער פלעגט אויסמיידן און זיך אָפּקערן פון אים ווי פון אַ נישט־גוטן. אויך משה'לע פלעגט רעדן צו זיסין דברים קשים אין אַ טאָן פון „שאַפן זיך" און דערצו בלשון נסתר: — „זאָג אים" און „זאָל ער" !...

אַזוי האָט זיסי געליטן ביז משה'לע האָט גענומען שטיין אין שידוכים. דער „שאַנד־פלעק" איז געשטאַנען ווי אַ דאָרן אין די אויגן, און מורא האָבנדיק, אַז ער קאָן חלילה שטערן משה'לען אין אַ לייטישן שידוך, איז ר' מאיר געפאַלן אויף אַן המצאה: ער האָט אַריינגערופן זיסי'ן אין זיין חדר מיוחד, אים אַריינגעשטופּט אין האַנט אַריין אַ פּאָר מטבעות און אַרויסגעמורמלט: — „דו הערסט, דו? גלייכער, אַז דו זאָלסט זיין פון משה'לען פון דער ווייטנס, פאַרלאָז דאָס שטעטל און גיי וואוהין דיין האַרץ גלוסט".

אין איינע פון די שטילע נעכט, ביי דעם בלייכן מילי־מיליאָסנדיקן שטערן־שיין פון צעריסענעם מילך־שליאַך, האָט זיסי פאַרלאָזן זיין שטעטל און אַוועק קיין אַמעריקע.

*

דער פרימאָרגן איז געווען אַ צעליכטיקטער און אַ רואיקער, דער טוי האָט זיך נאָך עטוואָס געפּערלט אויפן גראָז, די רחבות'דיקע דזשוירזשי־פעלדער האָבן געשפּרייט פּערפום־ריחות פון רויער פרישקייט און זיי אויסגעלאָדן אין די געזאַלצענע ים־סטעפּעס — דער ווייטער מזרח אויפן ים האָט אויפגעפלאַמט אין צונטער־רויטע פלאַמען און באַשפּרינקלט די ברוסטיקע כוואַליעס מיט אַ שוים פון גינגאָלד. זיסי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן, ווי ער וואָלט זיך מיטאַמאָל באַפרייט פון אַ שווערן קאָשמאַר. די אָנגעשווימענע אַמאָליקע זכרונות זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן און זיין געמיט האָט זיך אויסגעלייטערט. אַ געפיל פון רחמנות און צאַרטקייט

צו זיין אומגליקלעכן משה׳לען האָט אים באַהערשט. ער וועט דעם גאַנצן צער פון זיינע דערשראָקענע אויגן אויסקושן. די זיס־טרויעריקע מינוט האָט געשלאָגן. די פעלזן־כוואַליעס פון אַרום דער „פרייהייט־סטאַטוע" וויגן אַריין אין די ברייטע אָרעמס פון האַפן.

פון די באַגייסטערטע קלאַפּנדיקע הערצער פון די פּליטים־עמיגראַנטן אָטעמט אַ געמיש פון פרייד און ספקות — טרייסט פאַרטונקלט מיט צער. די באַגייסטערטע קלאַנגען פון דער שיף מישן זיך אויס מיט די נייגעריקע אויסגעשרייען פון די גליקלעכע אַמעריקאַנער קרובים, וואָס ווערט פאַר־וואַנדלט אין איין וועלט־סימפּאַניע.

דער אַרויסשטייג פון שיף האָט זיך אָנגעהויבן: ערגעץ אין אַ ווינקל פון דעק, אָפּגעזונדערט פון גאַנצן געטומל, שטייט אַ יונגערמאַן, שמאָל, דאַר מיט קינדערישע שטריכן אויפן אויסגעצערטן פּנים, וואָס אין יעדן קנייטשעלע וואוינט אַ דאגה׳לע. זיינע טיפע, שוואַרצע אויגן, וועלכע האָבן אויסגעדריקט אַ שטענדיקן הונגער, האָבן זיך איצט גע׳טובל׳ט אין טרערן. ער קוקט צוועקלאָז אין דעם ברודיקן קאַלאַמוטנעם וואַסער און פון צייט צו צייט רייסט ער איבער מיט אַ חורבן־קרעכץ. ער טראַכט מסתמא וועגן די גרויסע עפּישע געשעענישן, און אפשר גאָר וועגן דער ערשטער באַגעגעניש מיט זיין אַמאָליקן ברודער זיסי, וועלכע איז איצט געוואָרן די טרייסט און שוץ פון זיין ווייטערדיקער עקזיסטענץ.

זיסי׳ס געדולד איז אויסגעשעפּט געוואָרן. ער האָט זיך דורכגעריסן דורך דעם צעהוזשעטן עולם, אַרויף אויף דער שיף און זיינע אויגן האָבן זיך מאָמענטאַל אָנגעשטויסן אויף דעם דאַרינקן גוף. משה׳לע האָט דער־פילט די וואַרעמקייט פון היימישע, וויכע בליקן, און ווען ער האָט אויפ־געהויבן זיינע דערשראָקענע, פאַרשעמטע אויגן, האָט ער זיך שוין דער־פילט אין זיסי׳ס צעשפּרייטע אָרעמס, וועלכע האָבן אים געגלעט און געלאַשטשעט מיט אַ מוטערלעכע וואַרעמקייט. — — —

דינה׳שע

(אַ בילד פון נאָכן חורבן)

ווען דער בריטישער באַאַמטער מיט זיין מעלאַנכאָליש־האַרטן פּנים האָט, ווי געוויינלעך, מיט קנאַפּער איינזעעניש צוגעוואָרפן צו די פאַר־שמאַכטע אין קאָנצענטראַציע־לאַגער דעם שיטערן קרופּניק, האָט דינה׳שע, די זעקס־און־צוואַנציק־יאָריקע „זקנה״, דאָס מאָל פול מיט פאָרוואורף און פאַראַכטונג אָפּגערוקט די ערדענע כלי אין אַ זייט און מיט אויגן, אָנגע־גאָסענע מיט צער און תרעומות, זיך אין אים איינגעקלאַמערט, ווי זי וואָלט אַרויסגעפּלאַצט: — „איז דאָס דער סך־הכל פון דעם לאַנגן צעטל פון נגישות, פאַרלוימדונגען און בלוט־פאַרגיסונגען?!״. דינה׳שע האָט זיך דערפילט באַ׳עוולה׳ט. איר בלייך אויסגעצערט פּנים, אויסגעקנאָטן אין זאָרג און אין טרויער, האָט זיך איצט אַ ביסל געגרויטלט און אירע בלינדלעכע אויגן האָבן געשאָסן מיט פייער. אַן אַנטוישטע האָט זי זיך אָפּגעקערט אין אַ זייט. אַ חורבן־זיפץ האָט זיך אַרויסגעריסן פון איר אָנגעווייטיקט האַרץ און אַ פאַרשעמטע זיך אָפּגערוקט אין איר פינצטער ווינקל. דער אויפזעער איז אַ ווײַלע געבליבן שטיין אין אַ פאַרוואונדערטער פּאָזע און קלאָר נישט פאַרשטאַנען דינה׳שעס פּלוצימדיקע פרעמדע באַנעמונג.

שוין גאַנצע זעקס חדשים, זינט דער לאַגער שטייט אונטער דער בריטישער אָקופּאַציע, שפּייזט דער אויפזעער די אומגליקלעכע מיטן זעלבן שיטערן קרופּניק, און זי, די גייסטיק־צערודערטע דינה׳שע פאָלגט בלינד און ווערט זיך נישט, זי נעמט דאָס געקעכץ מיט ציטעריקע הענט, צווינגט דאָס אין איר דינעם האַלדז אַריין, און מיט אַ מאָדנער מינע בלייבט זי זיצן ביים אָפּענעם מיט דראָט פאַרצוימטן צעל־פענצטערל. זי קלערט מיט שפּיצלעך אָפּגעריסענע געדאַנקען, דרינגט אַריין אין ווייטן חלל און רופט: — „מאָטעלע! מאָטעלע!!...״

די אַרומיקע האָבן ביי דער גייסטיק־קראַנקער בשום אופן נישט געקאָנט דערגרונטעווען דעם טיפן סוד פון איר לעבנס־טראַגעדיע. זייער

אָפּט, ווען זי פלעגט זיך מאַטערן אין ספּאַזמישע אַטאַקעס, האָבן זיך אין אירע אויגן אָנגעצונדן פייערלעך און זי האָט געשריגן מיט באַנומענע קולות:

— „מיין מאַטעלע! מיין זונעלע! קוצי, בייס זיי! רייס אויף זייערע אָדערן!!...״

אַזוי ווי איר זכרון האָט נישט געקאָנט אָנקניפּן פאַרבינדונגען מיט איר נאָענטער פאַרגאַנגענהייט, פלעגט זי זיך דערפאַר מאַטערן גאַנצע שטיקער צייט אין שלאָפע, וואַנזיניקע מיראַזשן און פאַרלוירענער פרייד.

לויט דעם שקלאַפן־נומער, וואָס מען האָט געפונען צוגעבונדן צו איר האַלדז, אויסגעקריצט אויף אַ שאַרף שטיקל בלעך, איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז זי איז דורך די נאַצישע רוצחים דעפּאָרטירט געוואָרן פון אַ קליין שטעטל אַזש נעבן קעלץ, און אַז נישט קוקנדיק אויף איר צעבראָכענעם אַלטן אויסזען, איז זי אינגאַנצן זעקס און צוואַנציק יאָר אַלט. דיליידן האָבן אויסגעטרוקנט אין איר אַלע יוגנטלעכע זאַפטן...

ווען די בריטישע אַרמיי האָט באַפרייט דעם לאַגער פון די בלוטיקע נאַצישע נעגל, האָט זיך די לאַגע פון די פאַרשמאַכטע און פאַרהונגערטע לחלוטין נישט געענדערט. די בריטישע מאַכט האָט אַרויפגעלייגט אַ שטאַרקע האַנט צו פאַרהאַמעווען דעם שטראָם פון באַפרייאונג און געשטויסן די אומגליקלעכע צוריק אין די לאַגערן.

*

צווישן די דאָקטוירים פון דער סאַניטאַרער אָפּטיילונג, וועלכע פלעגן זעלטן קומען אויספאָרשן אויף די סאַניטאַרע באַדינגונגען, האָט זיך אויך געפונען אַ פּסיכאָאַנאַליטיקער — אַ ברייט־פּלייציקער, מיט אַ לענגלעך געשניצט אינטעליגענט פּנים און גרויסע ווייכע אויגן, וועלכער האָט זיך אין דער שטיל פאַראינטערעסירט מיטן גורל פון דער יונגער „זקנה״ דינה׳שע. ער, דער דאָקטאָר, פלעגט, אָן דעם וויסן פון זיין אָפּטיילונג, אָפּט באַזוכן דעם לאַגער און שעהנ׳ווייז פאַרברענגען מיט איר אויף דעם הינטער־הויף ביי די שטעכיקע דראָטן. מיט דער הילף פון זיין פּסיכאָאַנאַליטישער וויסנשאַפט האָט ער זיך געעגבערט, געגריבלט און גענישט־

טערט אין איר פאַרגאַנגענהייט, כדי צו דערגרונטעווען די סיבה, וואָס האָט איר געטריבן צו גייסטיקער צערודערונג.

שווער האָט דער דאָקטאָר געאַרבעט, זיך געראַנגלט אַריינצודרינגען אין די פאַרבאָרגענע קעמערלעך פון איר קראַנקער נשמה. אָט איז ער שוין, דוכט זיך, אויף אַ וועג, אָט פאַנגט ער זי ווי אַ פיש אויף דער ווענטקע, און אָט רייסט זיך דאָס ווידער איבער און פאַלט צוריק ווי אַ שווערער שטיין אין טיפן תהום. פיל מאָל איז דעם דאָקטאָרס געדולד אויסגעשעפּט געוואָרן.

איין מאָל, זונטיק, ווען דינה׳שע האָט זיך, ווי איר שטייגער, אַרויס־געבויגן פון איר צעל־פענצטערל, האָט זי באַמערקט ווי דער דאָקטאָר איז צוגעפאָרן אין אַ „דזשיפּ״ און געבליבן שטיין ביים שוואַרצן טויער, וואָס ביים עפענען זיך, צעבייזערט ער זיך מיט משונה׳דיקע כריפּנדיקע קולות. אין דעם „דזשיפּ״ האָבן זיך אויך געפונען דעם דאָקטאָר׳ס זיבן־יאָריקער בוירני און „פּעל״ — אַ הינטל, מיט וועמען דער קליינער בוירני האָט זיך גע׳חבר׳ט.

דער דאָקטאָר האָט באַגריסט די קראַנקע מיט אַ רחמנות־שמייכל און געפרעגט ווי זי פילט זיך. דינה׳שע האָט, ווי איר שטייגער, בלויז געשאָקלט מיט איר פריצייטיק ווייסן קאָפּ און שווער געשוויגן. ווען דער דאָקטאָר האָט זיך פאַרזוימט אַ ביסל לענגער, האָט דער קליינער בוירני, פון יענער זייט טויער, אומגעדולדיק גערופן זיין פאָטער, אפילו „פּעל״ האָט אים אַרויסגעהאָלפן מיט זיין קוויטשיקן „האַו! האַו!״. דינה׳שע האָט זיך ספּאָנטאַן קאָנוואולסיוו אַ טרייסל געטאָן ווי זי וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון לעטאַרגישן שלאָף. אירע בלינדלעכע אויגן האָבן זיך ברייט צעעפנט, ווי פון אַ בייזן חלום. זי האָט זיך לאַנגזאַם אַרויסגעפּלאָנטערט פון דעם שפּין־געוועב — פון דעם קאָמפּלעקס, וועלכער האָט זי געדריקט גאַנצע פיר יאָר, און זיך אויפסנייי באַהעפט מיט דער ווירקלעכקייט...

— דאָקטאָר! — האָט זי זיך געבעטן מיט צעעפנטע אָרעמס, — איך הער מיין מאָטעלעס שטימע און אונזער „קוציס״ האַווקען...

דער דאָקטאָר האָט דערשפּירט די דעליקאַטע סיטואַציע און אויף איר געהאַלטן אַ וואַכזאַם אויג.

שרעקנדיק זיך פאַר דער שנעלער ענדערונג, וואָס איז אין איר פאַרגע־קומען, האָט ער מיט אַ געבעט פון אַ געטרייען פאָטער איר געהאָלפן זיך צושפּאַרן און שטיל רוען. ער האָט מיט אָפּגעהיטענער פאַרזיכטיקייט געווישט די קאַלטע טראָפּנס פון איר געקנייטשטן שטערן, און זיך מיט טיפער כוונה צוגעהערט צו איר שווער אָטעמען, ביז זי איז אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן שלאָף...

מיט אַ שטראַלנדיק פּנים פון אַ זיגער, האָט דער דאָקטאָר צוגעמאַכט די טיר, געוואונטשן דער אומגליקלעכער גוטע חלומות און ער האָט פאַר־לאָזט מיט פולער אַנטשלאָסנקייט, אַז ביי דער ערשטער געלעגנהייט וועט ער זי ווידער באַזוכן.

אין דעם אַריינגעפאַלענעם שלאָף, אין דעם אונטערבאַוואוסטזיין, האָט דינה׳שע דורכגעלעבט אויפסניי דעם גאַנצן גרויל פון אירע לעצטע פאַר יאָר וואָגלעניש, זינט די רוצחים האָבן אָנגעהויבן מיט ווילער אַכזריות צו ליקווידירן דאָס קעלצער געטאָ.

אָט שטייט פאַר אירע אויגן אַ לעבעדיקע פּאַנאָראַמע, און עס גייט דורך אַ גאַלעריע פון אַזעלכע האַרציק־נאָענטע געשטאַלטן. איידער די רוצחים האָבן זיך אַריינגעריסן אין איר צניעות׳דיק שטעטל, האָט איר חיים׳קע, דער איידעלער שלאַנקער יונגערמאַן דאַן געקריגן סמיכה אויף שחיטות. מיט זיין אייגענעם חלף איז ער פון די רוצחים־טמאים געקוילעט געוואָרן און אַרויסגעשליידערט ווי אַ נבלה פאַר הונגעריקע הינט. זיין אַרבע־כנפות האָבן רויטע טראָפּנס באַפלעקט פון דערקוילעטן האַלדז... איידער ער האָט אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם, האָט ער כאָרכלענדיק מיטן לעצטן שטראָמעלע בלוט זיך געבעטן ביי דינה׳שען צו ראַטעווען מאָטעלען און אַנטלויפן אין וואַלד.

אין דער פינצטערער נאַכט, ווען אַלץ אַרום איז געווען איינגעהילט אין איין שטיק פינצטערניש, ווען אַפילו די רוצחים האָבן גערוט פון זייערע טייוולאַנישע מעשים, האָט דינה׳שע אַחוץ דעם צידה לדרך אויך איינגעפּאַקט חיים׳קעס מחזור, אַ מתנה פון איר פאָטער, דעם אַלטן רב ז״ל. זי האָט אָנגענומען דאָס דאַרע הענטל פון איר מאָטעלען, אַ קוש

געגעבן דעם אַנטבלויזטן „שדי״ פון דער צע׳מזיק׳טער מזוזה און פאַר־שלונגען געוואָרן אין דער חשכות פון דער נאַכט. — — —

ווען שטיקער בלויקייט האָבן זיך אויסגעשיילט פון שוואַרצן ליילעך, און דער ווייטער מזרח האָט פאַרשלונגען דעם מאָרגנשטערן, האָבן זיך דינה׳שע און מאָטעלע דערזעען ווייט אַוועק פון שטעטל, אין דעם טיפן קעלצער וואַלד.

מיד און דערשעפּט פון אַרומבראָדזשען אַ גאַנצע נאַכט, האָבן זיי איינגענעצט זייערע הענט אין פרימאָרגנדיקן טוי, געזאָגט „ברכות״ און זיך געזעצט אין אַנגסטן אונטערלענען דאָס האָרץ.

פון דעם ווילדוואַקס אונטער אַ נאָענטן בוים, האָבן אַרויסגעקוקט צוויי ברוינע אויגן פון אַ קליין הינטל מיט אַ קורצן עק, ווי עמעצער וואָלט דאָס אים אומיסטן אָנגעביסן. לכתחילה האָבן זיי זיך דערשראָקן, אָבער ווען דאָס הינטל האָט זיך מיט אומזיכערע טריט צוגעשאַרט צו מאָטעלען, זיך געלאַשטשעט און געפּיעשטשעט, האָבן זיי זיך באַרואיקט. דינה׳שע האָט געפּרוּווט פאַרזיכערן איר קינד, אַז דאָס הינטל איז קענטיק פאַר־בלאָנדזשעט געוואָרן און געוויס איז זיין פריינט געווען אַ אײנגעלע ענלעך צו אים... מאָטעלע האָט געוואָגט אַ גלעט צו טאָן דעם הינטלס אויערן, וואָס זיינען אַראָפּגעהאָנגען פון זיין גלאַטיק, שפּיציק קעפּל ווי צוויי סאַמעטענע בלעטער. דאָס הינטל האָט זיך נישט געווערט און אָנגעשפּאַרט אויף מאָטעלעס קני זיין שוואַרץ־פּאַסעקל־מאָרדע אין וועלכער עס איז געווען אַריינגעזעצט אַ שנירל פּערל־ציינדעלעך. פון ערגעץ־וואו צווישן די געדיכטע ביימער האָט זיך געשלענגלט אַ דין רויכל מיט אַ ריח פון געקעכץ.

פּלוצים, מורא האָבנדיק נישט צו פאַרשפּעטיקן, האָט דאָס הינטל זיך ספּאָנטאַן אַ לאָז געטאָן הענדום־פּענדום טיף אין וואַלד אַריין, ווי מיט אַ וויכטיקער שליחות...

איידער זיי האָבן זיך אַרומגעקוקט, זיינען פון אונטער די ביימער אַרויסגעקראָכן פאַרוואַקסענע פּנים׳ער און זיך העפלעך באַגריסט מיט אַ אידישן „גוט מאָרגן!״. דאָס הינטל אָדער „קוצי״, ווי די פאַרוואַקסענע וואַלד־מענטשן האָבן אים גערופן, איז מעשה אַלט־באַקאַנטער אַרויפ־

געקראָכן אויף מאָטעלעס אויסגעדאַרט פיסל, געקוקט אים אין זיינע דער־שראָקענע אייגעלעך, ווי איינער רעדט: „אינגעלע, האָב נישט קיין מורא! דאָס זיינען דאָך דיינע מענטשן!״...

דינה׳שע האָט זיך באַהעפט מיט די פּאַרטיזאַנער. נישט נאָר האָט זי זיך נוצלעך געמאַכט מיט איר קאָכן, וואַשן און רוימען, נאָר אויך זיך אויסגעלערנט ווי צו האַלטן אַ ביקס.

מאָטעלע האָט געשלאָסן אַ לייבלעכע פריינטשאַפט מיט „קוצי׳ן״, וועלכער האָט געקענט אַ סך קונצן און אַקראָבאַטישע שטיק. און ווען דינה׳שע האָט געזאָגט מיט מאָטעלען יעדן טאָג די „ברכות״, אָדער געלייענט „קריאת־שמע״, האָט „קוצי״ מיט גרויס דרך־ארץ זיך אויפגעשטעלט מיט צוויי אויפגעהויבענע לאַפּקעס.

*

יעדן פרימאָרגן פלעגן די פּאַרטיזאַנער אַרויסשיקן „קוצי׳ן״ צום טראַקט, אויסצוגעפינען צי די נאַציס דערנעענטערן זיך נישט מיט דעם טראַקטאָווע שליאַך. אַפילו „קוצי״ האָט אויך לויט זיין הינטישן חוש דערקענט די מחבלים און אַפילו פאַרשטאַנען זייער נידערטרעכטיקייט... ווען „קוצי״ האָט זיי דערשפירט, פלעגט ער אָנשפיצן זיינע סאַמעטענע בלעטער־אויערן און געשיקט קומען צוריק. די פּאַרטיזאַנער האָבן שוין געוואוסט, אַז ווען „קוצי״ קומט מיט אָנגעשיפּצטע אויערן, איז עפּעס נישט גלאַטיק, אָבער באַלד האָבן זיך די מוטיקע לייט געשאַרט מיט זייערע ביקסן און שפייערס צווישן דיביימער און דורכגעפירט די הייליקע פליכט.

טרעפט אָבער, ווען דינה׳שע איז געווען אַריינגעטאָן אין איר הויז־אַרבעט, איז אויף „קוצי׳ס״ טעגלעכע שליחות אויך מאָטעלע מיטגעגאַנגען. אַ נאַצישער וועכטער האָט אים באַמערקט, און אין איין אויגנבליק האָט זיך מאָטעלע, שוין אין אַנגסטן, געצאַפּלט אין דעם גזלנ׳ס שטאָלענע הענט.

מאָטעלע האָט אויף דעם נאַציס פראַגן בלויז געקוקט אין זיינע מער־דערישע אויגן און שטום געשוויגן. דער נאַצי האָט געקריצט מיט די ציין,

ווי אַ צעיושעטע חיה. „קוצי״ האָט זיך פאַרטייעט אין דעם ווילדוואוקס און מיט דערשראָקענע אויגן געקוקט אויף דעם נידעריקן באַשעפעניש...

ווען מאָטעלע האָט געפּרוּווט אַנטלויפן, איז דאָס געשען: ס׳האָט זיך דערהערט אַ שאָס, די שטילקייט איז צעריסן געוואָרן און דער וואַלד האָט אַ ציטער געטאָן.

ווען די פּאַרטיזאַנער האָבן אים אַנטדעקט, איז שוין געווען נאָך אַלע־מען... „קוצי״ האָט זיך געוויגט אויף זיינע קורצע לאַפּקעס ביים דערשאָ־סענעם מאָטעלע, ביטער געקוויטשעט און געלעקט זיין חבר׳ס טויטע וואונד. — — —

די פּאַרטיזאַנער האָבן מאָטעלען טאַקע אויפן אָרט מקבר געווען. דינה׳שע איז געוואָרן צעדולט און ביטער געקלאָגט...

אַן עלנטע, בלויז מיט איר שאָטן, האָט זי געבראָדזשעט אַרום וואַלד, ביז זי האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ נאַצישן פּאַטרול, וועלכער האָט זי פאַרשלעפּט אויף צוואַנגס־אַרבעט. איבער דעם פרישן בערגל ערד, האָט געוואַכט דער געטרייער „קוצי״. ער האָט זיך געטוליעט צום פרישן קבר׳ל, טרויעריק געפּישטשעט און זיך נישט געוואָלט טרייסטן. זיין הינטישער מח האָט באַין אופן נישט געקאָנט משיג זיין דעם בעסטיאַלישן אינסטינקט פון דער מענטשלעכער חיה... ער האָט נישט געגעסן, נישט געטרונקען, נאָר ווי אַן אמתער באַגלויבטער פריינט זיך געפּייניקט, נישט אָפּגעטראָטן, ביז ער האָט אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם. — —

— — — — — — — — — — — — —

ווען דינה׳שע האָט זיך באַפרייט פון דעם שוואַרצן נעפּל, אונטער וועלכן זי איז געלעגן געפּלעפּט גאַנצע פיר יאָר, האָט זי ברייט צעעפנט די אויגן ווי אַ ניי־געבוירענע, און הינטער דער פולער קאָנטראָל פון שכל־הישר האָט זי באַגריפן די לאַגע. זי איז געלעגן שטיל, געלאַסן און שוואַך, ווי נאָך אַ קריזיס פון אַן ערנסטער קראַנקהייט.

איר ערשטער לויטערער בליק האָט זיך באַגעגנט מיט דעם צעפריי־דענעם שמייכל פונעם דאָקטאָר, וועלכער איז געזעסן נעבן איר און מיט טיפן ערנסט נאָכגעפאָלגט, אַנאַליזירנדיק און שטודירנדיק אירע באַוועגונגען דורך דעם פּראָצעס פון איינגעפּאַלענעם שלאָף. ער איז געווען דערפרייט

פון דעם פאַקט וואָס אַ דאַנק זיין בוירנין און „פעל" איז דינה׳שע אַרויס־געצויגן געוואָרן פון אָפּגרונט; אַז זיי זיינען דאָס געווען די יעניקע, וועלכע האָבן געטראָגן דעם צוגעפּאַסטן שליסל צום פאַרשלאָסענעם קאַסטן פון איר לעבנס־טראַגעדיע. — — —

דינה׳שע האָט מביניש זיך אַרומגעקוקט וואו זי געפינט זיך: זי האָט זיך אָפּגעמאָסטן אין די געשטרייפטע מלבושים, ווי פון אַ וועלט־גזלן, באַטראַכט די צעל, די גרויע ברודיקע ווענט, דאָס צעבראָכענע אייזערנע בעטל און דאָס קליינע פאַרקראַטעטע פענצטערל.

אויף אירע בלאַסע ליפּן האָט זיך געפאָרעמט אַ שמייכל פון ביטערער איראָניע, צוואַרפנדיק אַ בייסיקן בליק דעם דאָקטאָר, ווי זי וואָלט אים אויפמערקאַזם געמאַכט אויף דעם ליכטיקן „גן־עדן", און מיט הילכיקע קולות גערעוועט: — איז דאָס אונדזער באַגנעדיקונג, אונדזער געוואונענע פרייהייט נאָך אַזאַ לאַנגער קייט פון פאַרפאָלגונגען און מאַרטירערשאַפט, אָפּפערוויליקייט און שוידערהאַפטע שחיטות??

דינה׳שע איז אימפּולסיוו אויפגעשפּרונגען פון בעט, ווי פון אָנגעגליטע קוילן. איר גאַנץ וועזן איז געווען דורכגעדרונגען מיט פאַרוואונדעטן שטאָלץ, און מיט פייער־פינקלדיקע אויגן פון אַ מאַרטירער געשפּריצט און באַהאָגלט דעם דאָקטאָר:

— ניין, הער דאָקטאָר! נישט איך נייטיק זיך אין אַ פּסיכיאַטער, נאָר ז י, די וועלט, וועלכע איז גייסטיק קראַנק און האָט פאַרלוירן איר געוויסן!...

צוויי בריוו

(דערציילונג)

עס איז געווען קוים פינף פאַרטאָג, ווען מילטאָן פערל, האָט אין איילעניש זיך אויפגעזעצט פון זיין ווייכן געלעגער, און אויף די שפּיץ פינגער זיך שטילערהייט צוגעשאַרט צום פענצטער.

— ס׳אַראַ שטילקייט! ס׳אַראַ מנוחה! — האָט ער שטיל באַוואונדעריש אַרויסגעטריפט. שטיקער בלויקייט האָבן זיך אויסגעשיילט פון שוואַרצן ליילעך. די צעריסענע פאַרע פון מילך־שליאַך פאַרגייט און פאַרציט אַ פאַרהאַנג פון בלויער פאַררויכלטקייט איבער דעם גאַנצן אַרום. אַ פאַרטאָג־גיק ווינטל האָט פאַרצויגן און זיך אַ שפּיל געטאָן מיט מילטאָנס צעפּאַטלטע שוואַרצע האָר, טיילוויז שוין פאַראַקערט מיט זילבערנע פעדעמלעך...

אין הויז איז רואיק, אויפגעלייגט און געמיטלעך. פון די ווינקעלעך גייט אויף אַ פוכקע וואַרעמקייט, וואָס גלעט מיט אַזוי פיל היימלעכקייט און שלום־בית׳דיקייט.

כאָטש אינגאַנצן האָט מילטאָן אָפּגעציילט עטוואָס העכער פיר צענד־ליק יאָר פון זיין לעבן, זיינען די ניי־געשניטענע קנייטשן און דער באַזילבערטער טייל פון זיינע האָר, די פרוכט פון זאָרג און שלאָפלאָזע נעכט, נאָך פון דער לעצטער וועלט־מלחמה, ווען זיין בן־יחיד בוירני האָט נאָך דעם נידערטרעכטיקן איבערפאַל אויף פּערל־האַרבור, זיך פרייוויליק אָנגעשלאָסן אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי און איז פאַר אַ שטיק צייט פאַרשוואונדן געוואָרן ערגעץ־וואו אויפן נצחון־מאַרש שוין ביי די סאַמע גרענעצן פון בלוטיקן שונא.

אויף דעם ווייטן האָריזאָנט — אויפן לופט־פעלד, האָבן שעלמיש געפינקלט עלעקטרישע לעמפּלעך און זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט דעם העלן ליכט פון מאָרגנשטערן.

מילטאָן האָט אָנגעשפּיזט זיינע אויגן און זיך פאַרשלעגנגלט אין יענער ריכטונג, צום לופט־פעלד, וואו דער עראָפּלאַן פון ישראל, וואָס פירט זיין

בוירני׳ן מיט זיין תימנ׳ער כלה, תמרה, אויף אַ באַזוך קיין אַמעריקאַ, איז אָנגעצייכנט געווען צו לאַנדן אין דער שפּעטער שעה פון היינטיקן פרי־מאָרגן.

שוין אַזאַ לאַנגע צייט, קלערט מילטאָן מיט פּיצלעך צעריסענע געדאַנקען, ווען בוירני האָט פּלוצים מיט פאַרריסענעם שטאָלץ געלאָזט וויסן זיינע עלטערן, אַז ער האָט פעסט באַשלאָסן צו פאָרן קיין ישראל, זיך שטעלן אין דינסט פון דער „הגנה", און מיטן לעצטן טראָפּעלע כח און ענערגיע פאַרטיידיקן דאָס ניי־עטאַבלירטע אידישע לאַנד פון די אַראַבישע אַריינדרינגער.

עס האָט נישט געהאָלפן דאָס שאַרפע קעגנשטעלן זיך פון זיין שוואַכער מאַמען, פון סערען, וועלכע האָט באַין אופן נישט געקאָנט באַנעמען איר זונעלעס שרעקלעכן שריט.

— קינד מיינס! — האָט זי זיך געבעטן — האָסט זיך נאָך נישט באַרואיקט פון דער לעצטער וועלט־שריפה, און שוין ביסטו ווידער גרייט פאַרכאַפּט צו ווערן פון אַ ניי פייער?. באַדענק זיך, קינד מיינס! — אומזיסט האָט סערע געזוכט שוץ ביי איר מאַן, ער זאָל זיך פאַר איר איינשטעלן דורך שטערן זייער זון אין זיין געפערלעכן פּלאַן.

מילטאָן איז געשטאַנען פאַרטראַכט, אומבאַהאָלפן און הויך געשוויגן... ער האָט נישט קיין מאָראַלישע רעכט צו פאַרהאַמעווען דעם וועג פון זיין בוירני׳ס אַמביציעס. ניין, טויזנט מאָל ניין! מילטאָן האָט זיך שוין איינמאָל אָפּגעבריט און טאַקע שיעור נישט פאַרברענט געוואָרן פון די פייערדיקע ריטער פון מוסר, וואָס זיין בוירני האָט אים געשטראָפט און פאַרגע־וואָרפן אין אַ בריוו, נאָך פון דער לעצטער מלחמה, פאַרוואָס ער האָט אים דערצויגן אָפּגעפרעמדט פון אידישן גייסט, פון אידישער געשיכטע און אידישער טראַדיציע.

דער אינהאַלט פון יענעם בריוו האָט מילטאָנען געצוואונגען זיך אַריינצוטראַכטן אַ האַרעלע גרינטלעכער אין אידישן געדאַנקענגאַנג, און זיך אָפּגעבן אַ חשבון הנפש פון זיין גאַנצן לעבן. יענער בריוו האָט זיך פאַרשלאָסן אין די שלייפן פון זיין זכרון, וואָס וועט אים שוין אין דער אייביקייט נאָכפאָלגן...

*

והימים ימי מלחמה.

פּאַסירט האָט דאָס אין סאַמע ברען פון דער לעצטער וועלט־מלחמה. דעם גאַנצן גרויל פון פייער האָבן אויך מילטאָן און סערע דורכגעלעבט, מאַרשירנדיק מיט זייערע געדאַנקען צוזאַמען מיט זייער זונעלע אויף די שלאַכט־פעלדער פון ערשטן טאָג אָן, זינט בוירני האָט געאַנקערט מיטן ערשטן אַמעריקאַנער טראַנספּאָרט אין אַלזשיר.

אויף גאַנצע זעקס גומען־אויסגעצויגענע חדשים איז בוירני לחלוטין פאַרשוואונדן געוואָרן. מילטאָן און סערע זיינען אַרומגעגאַנגען טרויעריק, איינגעטונקען אין טיפער מרה־שחורה, און ווען ענדלעך האָט זיך אַ בריוו דורכגעריסן פון בוירנין, אַז ער לעבט, האָט סערע מיט אַ דערמוטיקטער שטימע געלאָזט וויסן איר מאַן אין זיין אָפיס, וועגן דער גוטער בשורה.

מילטאָנען האָט אַ בליץ געטאָן אַ געדאַנק אין מח. זאָל דאָס מעגלעך זיין, אַז זיין מתפלל זיין פאַר בוירניס וואוילזיין, האָט געהאַט די ריכטיקע פעולה? כאָטש זיין תפילה האָט שוין באַדאַרפט וואַנדערן דורך אַ לאַנג־פאַרוואַקסענעם וועג צווישן אים און גאָט...

ווען מילטאָן (מלך) איז געקומען פון קליינעם שטעטל אין גאָלדענעם לאַנד, איז ער נאָך געווען פריש־צאַפּלדיק פון חדר. עס האָט לאַנג נישט גענומען און ער האָט זיך שנעל אויסגערינט, זיך באַגעגנט מיט סערען און חתונה געהאַט.

דאָס אידישקייט, וואָס מלך האָט געבראַכט פון קליינעם שטעטל, האָט טראָפּנווייז אויסגעטריפט און לאַנגזאַם צערונען געוואָרן. ווען בוירני איז ביי זיי געבוירן געוואָרן, איז אַחוץ דעם, וואָס די עלטערן האָבן אים אַריינ־געבראַכט אין דעם „בונד פון אברהם אבינו“, ווייטער נישט געגאַנגען.

פון אַריינגעבן דאָס קינד אין אַ אידישער שולע אָדער תלמוד־תורה, איז די עלטערן אַפילו אויפן געדאַנק נישט אויפגעגאַנגען. עס האָט פּאַסירט, ווען מילטאָן איז פאַרבליבן אַליין מיט זיינע געדאַנקען און דעראינערונגען פון קליינעם שטעטל, פון בית־המדרש־ און חדר־יאָרן, פלעגט ער זיך מאַטערן אין חרטה, פאַרוואָס ער האָט איבערגעריסן די פעדעם מיט דער

אידישער טראַדיציע. איבערהויפּט פלעגט ער אַריינפאַלן אין דער נעץ פון אַזעלכע שטימונגען, זינט היטלער מיט זיינע משחיתים האָבן אַזוי אַכזריות׳־דיק פאַרשניטן אַ דריטל פון אידישן פאָלק.

מילטאָן האָט טאַקע קיין טעות נישט געהאַט: ביים עפענען די טיר, האָט אים סערע, שיכור פון פרייד, געוויזן דעם בריוו און איבערגעגעבן אין קורצן וואָס בוירני שרייבט.

— אָבער נישט אַלץ האָב איך געקאָנט פאַרשטיין — האָט זי זיך אַנטשולדיקט — אַ האַלבער בריוו איז עפּעס וועגן אידן אין אַ קעמפּ... זע שוין דו!

מילטאָן האָט מעשה קאָפּ־מענטש אַ רייב געטאָן זיין שטערן און מיט טיפער התמדה געלייענט הויך וואָרט ביי וואָרט, וואָס בוירני שרייבט. אָבער וואָס ווייטער ער האָט געלייענט אַלץ כמורנער איז ער געוואָרן.

„טייערער פאָטער! איך געפין זיך איצט אין אַ צושטאַנד פון גרויס צערודערונג. איך בין זייער אויפגערעגט און ברען פון פאַרדרוס. צו מיין ווייטיק מוז איך אָנווייזן, אַז דער שולדיקער ביסטו, טאַקע נאָר דו אַליין. נעכטן האָט מיין רעגימענט באַפרייט אַ שטעטל פון שונא׳ס בלוטיקע נעגל. צו איינער פון די פאַרקוילטע רואינען האָט זיך געטוליעט אַ נעבעכ־דיקער שקעלעט פון אַ מיטליאָריקער אידישער פרוי און האַרצרייסנדיק באַוויינט איר ביטערן גורל: אירע קליינע קינדער האָבן די רוצחים פאַר־פייניקט צום טויט. ווען מיין קאַפּיטאַן האָט דערהערט איר ביטער קלאָגן, האָט ער מיך, דעם אידישן סאָלדאַט, געשיקט צו באַרואיקן די אומגליק־לעכע פרוי און זי פרעגן מיט וואָס מיר קאָנען איר בייהילפיק זיין.

„שטעל זיך פאָר ווי פאַרשעמט, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, איך האָב אַרויסגעמורמלט, אַז איך פאַרשטיי נישט קיין יידיש...

„מיינע קריסטלעכע חברים האָבן מיך אָפּגעמאָסטן מיט אַזאַ פאַראַכ־טונג. ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך, אַז אַ איד זאָל נישט קענען רעדן אויף זיין אייגענער שפּראַך? מיינע אויגן זיינען פייכט געוואָרן און איך האָב בלויז געשוויגן. געשוויגן מיט באַנומענע טענות. — — —

„איך האָב מיך אָנגענומען מיט מוט און זיך צוגעשאַרט צו דער אומגליקלעכער פרוי, פאַר וועלכער איך האָב אויסגענוצט מיין גאַנצן

אידישן לעקסיקאָן, וואָס איז באַשטאַנען פון צוויי ווערטער: „איך איד...“ ווען די אָרעמע פרוי האָט דערהערט, אַז איך בין אַ איד, האָט זיך ביי איר אויפסניי געעפנט אַ קוואַל פון טרערן, געמישט מיט פרייד, וואָס זי האָט אָנגעטראָפן א אידישן סאָלדאַט. איך האָב איר געוואָלט באַרואיקן, טרייסטן, אָבער איך האָב נישט געקענט. יענע נאַכט האָב איך נישט געקאָנט שלאָפן. פאַר מיר איז געשטאַנען דער סילועט פון יענער אומגליק־לעכער פרוי און מיט טרערן אין די אויגן זיך געבעטן: — אַ אידיש קינד, זאָל רעדן צו איר אַ אידיש וואָרט...

„אַפילו אין די אויגן פון מיינע קריסטלעכע חברים האָב איך פאַר־לוירן מיין ווירדע. מאָרגן וועל איך באַזוכן דעם פאַרניכטונגס־לאַגער, וואָס מיר האָבן באַפרייט. דאָרט געפונען זיך אַזוי פיל פאַרמוטשעטע אידן, צווישן זיי פיל שרייבער, קינסטלער און גייסטלעכע. זיי לעכצן נאָך אַ טרייסט־וואָרט, אָבער איך מאַטער זיך אין ספקות: זאָל איך אויסזאָגן, אַז איך בין אַ איד און נעמען אויף זיך די שטראָף און בושה, וואָס איך קען נישט מיין שפראַך? צי זאָל איך גאָר פאַרלייקענען מיין אָפּשטאַם און זיך באַהאַלטן אונטער דעם מאַנטל פון אַן עכטן קריסט?...

ניין, איך וועל די פאַרמוטשעטע נישט נאַרן! איך וועל זיי אויסזאָגן דעם אמת מיט גאווה, אַז איך בין אַ איד. און דאָס, וואָס איך קען נישט מיין שפראַך, וועלן זיי פאַרשטיין, אַז די שולד פאַלט נישט אויף מיר, נאָר אויף — דיר...

„נישט איך, נאָר דו האָסט פאַרשולדיקט. וויסן זאָלסטו, אַז גראַד דאָ, צווישן מיינע קריסטלעכע חברים האָב איך אויסגעפונען, וואָס מיר פעלט איצט. זיי האָבן מיר געוויזן די ליכט און געלערנט צו זיין אַ געטרייער, איבערגעגעבענער זון פון מיין פאָלק“.

*

בוירנס בריוו, וועלכער איז געווען דורכגעדרונגען מיט פראָטעסט, האָט דעם פאָטער לכתחילה אויפגעטרייסלט, אָבער נאָך דעם האָט ער אָנגעהויבן נאָכצודענקען, נאָכקלערן און דערגרונטעווען. „אַ גאַנץ לעבן געהיט פרעמדע גערטנער, אָבער זיין אייגענעם גאָרטן האָט ער פאַרלאָזט“.

אין דער טיפקייט פון מילטאָנס אויגן האָט זיך עפּעס פאַרכמאַרעט, אַ טרער פון חרטה ותשובה איז אויפגעגאַנגען און אין זיין נשמה האָט עפּעס גוואַלדיק אָנגעריסן...

*

ווען בוירני איז באַפרייט געוואָרן פון דינסט און געקומען אַ היים, האָבן די עלטערן אין אים באַמערקט אַן אינערלעכע ענדערונג. אַ פאַר־טראַכטער און פאַר׳דאגה׳טער. אַפילו אין דער רחבות׳דיקער היים פון זיינע עלטערן, האָט ער זיך דערפילט ענג, דערשטיקט און איינזאַם.

חדשים זיינען אַוועק און די עפּישע געשעענישן פון די מלחמה־יאָרן האָבן זיך ביסלעכווייז איינגעשטילט. די טאָג־טעגלעכע כראָניק וועגן אידישע פּראָבלעמען צוזאַמען מיט די גורל׳פולע אַנטוויקלונגען, האָבן פאַרנומען דעם סאַמע אויבנאָן אין בוירניס נשמה, און אָנגעפילט זיין מח מיט אַ סך וויסן און אויפקלערונג פון אַלזייטיקן אידישן פאָלקסלעבן.

אויך אין מילטאָנען איז פאָרגעקומען אַ פּסיכישע ענדערונג: נישט קוקנדיק, וואָס ער האָט זיך שוין לאַנג דערפילט אויסגעליידיקט פון די שטורמישע חדר־יאָרן, זיינען דאָך נאָך פאַרבליבן צווישן אַש פונקען, וועלכע האָבן געטליעט און איצט אויפגעפלאַמט מיט ברען פון נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין.

קורץ נאָך דער אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל, איז בוירני צוזאַמען מיט נאָך אינטימע חברים אָפּגעפלויגן קיין ישראל, זיך אָנגעשלאָסן אין דער „הגנה״ און מיט אַ שטאָלענעם ווילן געקעמפט קעגן די אַריינדרינגער. נאָך דעם ענדגילטיקן נצחון איבער די שונאים, האָט ער זיך באַגעגנט מיט דער וואַרעם־אויגיקער תמרה — די תימנ׳ער יפת־תואר. עס האָט זיך צווישן זיי צעפלאַקערט אַ פלאַמיקע ליבע און טאַקע באַשלאָסן צו פראַ־ווען די חתונה ביי זיינע עלטערן אין אַמעריקאַ.

דער ישראל־בריוו פון בוירניך, וואָס האָט געטראָגן די גוטע בשורה, אַז ער קומט מיט זיין תמרה׳ן קיין אַמעריקאַ, איז געוועך דורכגעדרונגען מיט אַזוי פיל ליבשאַפט און איבערגעגעבנקייט צו זיינע עלטערן, און מיט באַזונדערע לויב־געזאַנגען צו זיין פאָטער.

אין דעם בריוו האָט בוירני אַ באַגייסטערטער געלויבט די קאָלאָסאַלע דערגרייכונגען אין ישראל אויף יעדן געביט און ווידער געלויבט זיין פאָטער, וואָס האָט זיך אליין אויך צוריק אַרויפגעכאַפּט אויפן ריכטיקן וועג מיטן פּנים צו זיין לאַנד און צו זיין פאָלק.

מילטאָן האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט בוירניס בריוו ווי מיט אַ ווערטפולן אוצר. פאַר אים האָט דער בריוו פון ישראל געהאַט אַ גאַר טיפע באַדייטונג. צוויי בריוו געשריבן מיט דער זעלבער האַנטשריפט: — איין בריוו האָט אים פאַרשאַפט עגמת־נפש, צערודערונג און חרטה און פון צווייטן בריוו פון ישראל האָט געשפּרודלט אַ קוואַל פון פרייד און פאַרגעניגן.

די נאַכט קעגן פרימאָרגן, ווען בוירני מיט תמרה׳ן האָבן באַדאַרפט לאַנדן, איז פאַר מילטאָנען געווען אַ שלאָפלאָזע: אויסטערלישע געדאַנקען האָבן גערייצט זיין זכרון און אים געצוואונגען זיך אויפכאַפּן פאַרטאָג.

דער אינדרויסן שטייט אַ רויער, אַן אויסגעצוואָגענער, אויפן האָריזאָנט פון ווייטן מזרח האָט אַ שטיק פון אַ רויט אויג אַ קוק געטאָן. מילטאָן איז געווען אַזוי טיף פאַרפאָרעט אין זיינע געדאַנקען, אַז ער האָט גאָר נישט באַמערקט, ווי סערע שטייט איבערגעבויגן איבער אים, אָנוויינדיק מיט איין האַנט אויף דער שפּעטער שעה, חלילה נישט צו פאַרשפּעטיקן צום לופט־פעלד און מיט דער צווייטער האַנט האָט זי אָפּגעווישט די שווערע טראָפּנס שווייס פון זיין שטערן...

גרויסע מענטשן

(דער אויפגאַנג פון באָלשעוויזם)

אַ בילד

מיר, קליינוואַרג, האָבן אים גערופן שמואל בייסער, נישט דערפאַר, ווייל ער האָט אונז, תלמידים, געקושט, נאָר ממש געביסן און טאַקע אָפּטמאָל געלאָזט בלויע סימנים.

אַ גרויסער קפּדן, אַ כעסן איז געווען אונזער רבי, אָבער זייער אַ גאָטספאָרכטיקער פרומער איד.

פּאַסירט האָט דאָס אין מיין קליין שטעטל האָלאָסקאָוו אין אוקראַינע, אויף דער שוועל פון 1919, אין דער סאָמער צייט, ווען די סאָוויעטישע מאַכט, האָט אָפּגעווישט און פאַרניכטעט דעניקינ׳ס און וורענגעל׳ס אַרמייען, וועלכע האָבן זיך צוערשט צעברעקלט אין קליינע באַנדעס און טעראָריזירט די גאַנצע אידישע באַפעלקערונג. איבערהויפּט האָבן געליטן די אומבאַשיצטע שטעטלעך לענגאויס דעם וועג קיין אָדעס, וואו די ווייסע אַרמיי האָט טאַקע דאָרט געליטן אַ וויסטן סוף אין די טיפענישן פון שוואַרצן ים.

שבת. קלאַנגען האָבן זיך בליץ־שנעל פאַרשפּרייט איבערן שטעטל, אַז די „גרויסע" קומען. די נייעס האָט יעדן אַרויסגעטריבן פון די טוכלע הייזער און זיך געלאָזט אין דער ריכטונג צום ברייטן שליאַך, וואָס פירט אַריין פון פּאָלטאַ, מיט וועלכן די דערהויבענע געסט האָבן באַדאַרפט אַריינ־קומען. צוליב דער שטילער פרייד און אומגעדולד אויף דעם אַריינמאַרשירן פון דער סאָוויעטישער מאַכט, האָט קהל לחלוטין זיך פאַרגעסן נאָכצו־פרעגן וועגן דעם געזונט־צושטאַנד פון שמואל מלמד, וועלכער האָט די לעצטע פאָר טעג זיך מצער געווען איבער אַ טיפער געהיימעניש.

אידן האָבן נאָך אין בית־המדרש ביים דאַווענען עפּעס באַמערקט סימנים פון עצבות און מרה־שחורה אויף זיין בלייכן פּנים. אָפּגעזונדערט

פון יעדן, האָט ער זיך ווי אַ פּרוש פאַרקליבן אין אַ ווינקל, איינגעהילט דעם מידן קאָפּ אין טלית און פאַרזונקען אין בענקעניש.

געוואוסט האָט יעדער אין שטעטל, אַז שמואל מלמד איז אַ ירא־שמים און אָפּגעהיטענער איד, וועלכער איז שטענדיק צופרידן מיט זיין מערכה. ווען נישט די צרות־הכלל פון אידישן פאָלק, וואָלט ער אינגאַנצן שלום געמאַכט מיט דער פמליא של מעלה. וואָס־זשע טאַקע האָט דעם מלמד גראָד איצט באַוואויגן זיך אַזוי טיף מצער זיין? געוואוסט האָט אויך יעדער אין שטעטל, אַז ווען עס קומט אלול־צייט, קומט פאָר ביים מלמד אַן אינערלעכע ענדערונג: מאָמענטן פון אויפלויכטונג, די הכנות פאַרן כסא הכבוד, דאָס היטן זיך חלילה נישט גע׳ניזוק׳ט ווערן אין די תקיעות. און אויף להכעיס, איז דער בעל־דבר מער ווי אַלע יאָר צוגעשטאַנען און זיך אָנגעזעצט אויף דעם בידנעם פאָלק ישראל. ער איז מקטרג מיט מער עזות און עקשנות ווי תמיד. אין אַזאַ ערנסטער צייט באַנעמט זיך דער מלמד אַפילו צו אונז תלמידים מיט אַזאַ ווייכקייט און רעדט צו אונז ווייכע רייד. אָבער היי־יאָר האָט דאָס שמואל׳ן צוגעטראָטן עד הנפש. גראָד היינט, ווען די אויגן פון שטעטל זיינען געווענדעט צום ברייטן שליאַך מקבל־פּנים זיין די „גרויסע", זיצט דער מלמד אין זיין חדר מיוחד און קלערט וועגן זיין פאַרשוואונדענעם זון, וועגן זיין חיים׳ן...

אַ גרויסער חשק האָט אים באַהערשט אַרויסצונעמען דעם שופר און זיך גלאַט אַזוי בענקענדיקערהייט פאַרגיין אין אַ תרועה, אַקאָמפּאַנירט מיט שברים, אַז הימל און ערד זאָל אַ ציטער טאָן. זאָל די זינדיקע וועלט וויסן, אַז די פאַרכטיקע טעג טאַפּן שוין און קומען.

אָט־אָט און די זון פאַרגייט. עפּעס מער ווי אַלע שבתים פון אַ גאַנץ יאָר, מיט באַזונדערע הכנות, איז זיך שמואל מכין צו שלש־סעודות. ער מאַכט אַ פרומע מינע און פאַרלירט זיך אין התבודדות.

ער געדענקט דאָס ווי היינט, ווען ער האָט אָנגענומען זיין חיים׳ן ביים דאָרן הענטל, אים געפירט, ווי אברהם יצחק׳ן צו דער עקדה — צו משה סטאָליער זיך לערנען די מלאכה...

— חיים! — רופט זיך אָפּ דער מלמד און זיינע אויגן זיינען פאַרלאָפן מיט טרערן — זיי אַ שטיל אינגל, פאָלג דעם בעל־הבית און קיין ברויט

וועט דיר נישט פעלן. מסתמא הייסט גאָט ברוך הוא אַזוי. גאָטס וועגן זיינען פאַרבאָרגענע.

שוין פאַרפלויגן גאַנצע פינף יאָר און פֿון חיים׳ן אין קול ואין עונה. חיים האָט זיך פאַרליבט אין שרה דעם סטאָליערס טאָכטער, האָט געגלוסט צו איר. איינמאָל ביינאַכט, ביי דער שיין פון אַ פולער לבנה, האָבן זיי זיך אייביקע, טרייע ליבע געשוואוירן, זיך אַרויסגעשאַרט פון שטעטל און אַוועק אין דער ברייטער וועלט אַריין.

ס׳הייסט, עפּעס האָט זיך יאָ דערשלאָגן אַ קלאַנג, אַז דאָס פאַרליבטע פאָרל געפינט זיך אַזש אין כאַרקאָוו, וואו חיים סאָלדאַטעוועט ערגעץ. און אַזוי ווי איצט איז שבת אלול צו שלש־סעודות, און די הכנות פון האָלאָס־קאָוו אויפצונעמען די „גרויסע״ האָט אויך עפּעס אַ שטיקל שייכות מיט זיין חיים׳ן, זיצט דער מלמד פאַרזונקען אין געדאַנקען...

עס איז שוין שטאַרק פינצטער. דער שבת־קודש פאַרגייט. אויף דעם אַלטן שטול זיצט איינגעקאָרטשעט דעם מלמדס גוף, ווי אַ קנויל בראָכוואַרג, אָבער זיינע געדאַנקען זיינען שוין העט־וווייט פאַרפלויגן...

שווערע טריט האָבן זיך דורכגעריסן אין דער שטילקייט פון דער נאַכט און זיך דערנענטערט צום פענצטערל פון מלמד׳ס חדר. ווען שמואל האָט זיך אויסגעטשוכעט פון זיין זיסן דרימל, און זיך ווידער באַהעפט מיט דער ווירקלעכקייט, האָט ער דערקענט דאָס קול פון איצי לוי׳ס און דודי הערשל־זעליק׳ס (איצטיקער גענעראַל דודאַנאָוו). לכתחילה האָט שמואל נישט פאַרשטאַנען און זיינע אייגענע אויגן נישט געגלויבט.

— זאָל דאָס זיין אמת, אַז דאָס איז איצי לוי׳ס בעצמו? אַזאַ נגיד! ער האַלט דאָך גאַנץ קהל ביי זיך אין די הענט! און אויב עס איז טאַקע ער, דער נגיד אַליין, צוזאַמען מיט דעם וואוילן, שטאַרקן בחור דודי, איז דאָס געוויס אַ וויכטיקע שליחות.

איצי לוי׳ס האָט אין קורצן, איבערגעפּולט פון פרייד, איבערגעגעבן דעם מלמד, אַז נישט ווייט פון שטעטל געפינען זיך די „גרויסע״ — באָלשעוויקעס, און וועלן דאַרפן דאָ איבערנעכטיקן, אָבער איין זאַך איז אים קשה: פאַרוואָס עפּעס האָט דער קאָמענדאַנט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין (איצי׳ס) רחבותדיקער דירה און גראַד געבעטן אים צו באַשטעלן אַ פּלאַץ

ביי שמואל מלמד אין דעם אָרעמען איינגעבויגענעם שטיבעלע מיט דעם פאַרלאַטעטן שטרויענעם דאַך? פון וואַנען ווייסט גאָר דער קאָמענדאַנט, אַז אין שטעטל איז פאַראַן אַ מלמד מיטן נאָמען שמואל? — — —

דער מלמד האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר קינדעריש תמימות׳דיקע אויגן, געקנייטשט דעם שטערן, ווי ער וואָלט זיך געמאַטערט אין אַ האַרב שטיקל גמרא און זיך אָפּגערופן:

— איך בעט אייך, ר׳ איצי, טרייבט איר נישט חלילה קיין ליצנות? צו מיר אין קליינעם שטיבל ווילט איר ברענגען אַזאַ גרויסן מענטשן? איך ווייסט דאָך אַליין, ר׳ איצי — חקירה׳ט זיך דער מלמד — אַז דאָס וואָרט „באָלשעוויק" נעמט זיך פון „גרויס", און פאַר גרויסע מענטשן פּאַסן זיך גרעסערע דירות, אַ שטייגער ווי אייערע, אָבער נישט צו מיר.

דער מלמד האָט בשעת מעשה געוואָרפן אַ נעבעכדיקן בליק אויף דער נידעריקער, צע׳מזיק׳טער טיר, וואָס ווען זי עפנט זיך, לאָזט זי אַרויס משונה׳דיקע קולות.

איצי האָט פאַרלאָזט דעם מלמד, אָנזאָגנדיק אויפצונעמען דעם עלטסטן בסבר פנים יפות.

שמואל איז געבליבן זיצן ווי צוגעשמידט צום שטול.

„נו, אַוודאי", האָט ער געטראַכט, „ווען זי זאָל זיין אין הויז, וואָלט זי געמאַכט אַ ביסל אָרדענונג צוליב דעם גרויסן „טשינאָווניק". עפּעס אויס־צוריידן — דער עלטסטער אַליין!! ווער ווייסט? מען זאָגט, אַז ביי „זיי" דינען אַפילו אידן טשינאָווניקעס אויך. זאָל דאָס מעגלעך זיין?", גיט אים אַ בליץ אין קאָפּ, „אַז דער, וואָס דאַרף באַלד קומען איז אַ איד? און אַזוי ווי ער איז געהיט אין „בשר וחלב", איז שוין רעכט, אַז ער דאַרף אַ כשר הויז".

דער מלמד האָט זיך פאַרקלערט ווי גוט ס׳איז: דערלעבט כמעט משיח׳ס צייטן. אידישע טשינאָווניקעס און אפילו יידישע מיניסטאָרן...

און ווידער ווערט ער געפאַנגען אין דער נעץ פון נאָגנדער בענקעניש צו זיין חיים׳ן. וואו געפינט ער זיך איצט און וועגן וואָס טראַכט ער? מסתמא וועגן זיין קראַנקער מאַמען און אפשר אויך וועגן אים?

די ימים נוראים זיינען שוין נאָענט, און מער ווי אַלע יאָר, מיט מער

עקשנות וועט ער זיך אָנזעצן אויף דעם כביכול, פון אָרט וועט ער זיך נישט רירן. ער בעט נישט קיין הנחות פאַר זיך, נאָר פאַר דער קראַנקער, פאַר חיים׳ן און פאַר כלל ישראל. ער וועט דעם שופר פון מויל נישט אַרויסלאָזן, האַלטן אין איין תקיעה׳ן און תרועה׳ן, ביז ער וועט פאַרטרייבן דעם שטן אַזש הינטער די הרי־חושך...

אַ לייכטער קלאַפּ אין דער טיר האָט צעטריבן זיינע געדאַנקען, ווי די פייגל פון אַ שאָס פון אַ ביקס.

אַ קליין־געוויקסיק מענטשל — אַ פּשוטער בשר ודם, האָט זיך דורכגערוקט דורך דער טיר, זיך עלעגאַנט פאַרנויגט און זיך פאַרגעשטעלט, אַז דאָס איז ער, דער קאָמענדאַנט.

דעם מלמדס בלינדלעכע אויגן האָבן אין דער טונקלקייט בלויז באַמערקט, אַז דער גרויסער טשינאָווניק איז גאָר נישט אַזאַ גרויסער ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט אַ באַלשעוויק דאַרף זיין. גאָר פאַרקערט — אַ דאַרער, אַ קליינער, מיט בלויז צווי פייער־פינקלדיקע אויגן.

שמואל האָט מיט ציטריקע פינגער אַרויפגעדרייט דאָס נאַפט־לעמפל, מיט דרך־ארץ זיך אויפגעשטעלט און אָפּגעגעבן „שלום־עליכם״.

— עליכם שלום, טאַ — — — רבי! — האָט זיך דער קאָמענדאַנט פאַרכאַפּט און אים געבעטן זיצן.

דערהערט, אַז דער טשינאָווניק איז גאָר מאחינו בני ישראל און רופט אים „רבי״, איז דער מלמד צערודערט געוואָרן, אַרונטערגעשלונגען זיין טרוקענעם שפּייעכץ, ווי אַ זיס־ביטערע מעדיצין. ער האָט זיך אָנגעגורט מיט זיינע לעצטע כחות און מיט דראָבנע שמונה־עשרה־טריט, זיך צוגעשאַרט אַזש ביז צום קאָמענדאַנט און אים אַריינגעקוקט אין פּנים.

— גאָט מיינער! — האָט זיך זיין שטים געשטיקט — מיין ח־י־י־ם!!

ווען חיים זאָל אים נישט געווען אונטערכאַפּן, וואָלט ער, צוליב דער כוואַליע פון פרייד, זיכער אַנידערגעפאַלן.

עס האָט גענומען אַ היפּשע צייט, ביז דער גליקלעכער מלמד איז געקומען צו זיך.

אויף חיים׳ס פראַגע, ווי ער פילט זיך און וואָס ער טראַכט, האָט דער מלמד, מיט אַ שמייכל, שטאָלץ געענטפערט:

— אַ רעגירונג, וואָס פּרעדיקט, אַז אַלע מענטשן, אָן אונטערשייד פון ראַסע זיינען גלייך און גלייכבאַרעכטיקט צו געניסן פון די אוצרות און רייכטימער פון לאַנד — זיינען טאַקע באמת גרויסע מענטשן.

* באַמערקונג פון מחבר: דאָס אידנטום אין רוסלאַנד האָט דאַן געגלויבט, אַז די באָלשעוויסטישע מאַכט וועט ברענגען די גאולה...

זי וועט געזונט ווערן!

(אַ בילד פון אמתן לעבן)

אַ טיפע נאַכט־שעה. דער לאַנגער קאָרידאָר פון שפּיטאָל, דורכגע־זאַפּט מיט קאַרבאָל, איז איינגעהילט אין שטומען טרויער.

אויף דער טיר נומער 18 הענגט אַ וואָרענונגס־צעטל: „שטערט נישט!". דאָס צימער איז טונקל באַלויכטן און עס הערשט אַן אַטמאָספער פון אַ חולה מסוכן.

ש־ש־טיל! — האָט די קראַנקנשוועסטער אַרויסגעשאָרכט האַלטנדיק, בשעת מעשה, דעם פינגער אויף איר מויל ווי אַ וואָרענונג נישט צו שטערן חלילה דער קראַנקער אין איר טיפן שלאָף.

בעריש איז געזעסן איינגעטונקען אין אַ שווערן יאוש, פאַרטראַכט אין אַ וויג־שטול, איבערגעבויגן איבער זיין ליבער קראַנקער שוירליך, און פון צייט צו צייט געוואָרפן אַ כמורנעם בליק אויף די פאַרשוויצטע שויבן, אויף וועלכע עס האָבן זיך געקייקלט שווערע טראָפּנס פון אַ וויינענדיקער האַרבסט־נאַכט.

לאַנגע שאָטנס האָבן זיך באַוויזן אויף די גרויע פאַררויכערטע ווענט, און דער צער האָט געשריען מיט טויזנטער קולות.

דער טאָג איז געווען אַ פּיכטער, אַן אָנגע׳ברוגז׳טער, און יענע נאַכט איז צוגעפאַלן אַ פּריצייטיקע און פאַר׳אָבל׳טע.

בעריש האָט נאָך איין מאָל אַ קוק געטאָן אויף זיין שוירלי׳ן און זיך איינגעהערט אין טרויעריקן וואָיען פון ווינט, וואָס האָט אַריינגעשריען אין דער שטילקייט. די איינגעצוימטע שפּיטאָלישע שטומקייט האָט זיך אָנגע־זעצט אויף זיין צעבראָכענעם געמיט מיט אַ בלייענער שווערקייט. ער האָט זיך ווידער איינגעקלאַמערט אין זיין שוירליי׳ס אויסגעצערטן פּנים, לאַנג געקוקט און סטאָאיש געשוויגן.

בעריש פילט ווי זי גייט איצט דורך ברענענדיקע יסורים, אַז אין

יעדן קנייטש פון איר קלוגן שטערן האָט זיך אַריינגעאַקערט אַ טיפער ווייטיק, און אַז אירע העויות דריקן אויס אומגעהויערע יסורים, ווי זי וואָלט שווער געקעמפט מיט שטורעם־ווינטן און בייזע גייסטער. זיין האַרץ ווייטיקט, נאָגט און איז פול מיט בענקעניש צו איר. ער וואָלט זי גערן אַ גלעט געטאָן, אויסקושן דעם צער פון אירע אויגן, אָבער ער וואָגט נישט, מורא־האָבנדיק זיך נישט אָפּבריען אין איר לייב...

די גוטהאַרציקע שוירלי! אָפּגעלעבט אַ גאַנץ לעבן, אַרבעטנדיק אומדערמידלעך, מיטן גאַנצן פלאַקער פון איר האַרץ, צו לינדערן מענטש־לעכע ליידן און גרייט זיך מקריב צו זיין פאַר איר פאָלק און פאַר איר לאַנד. דער גרויל פון די לעצטע חורבן־יאָרן האָט זיך אַריינגעקליבן אין איר נשמה און אָפּגעשוואַכט אירע כחות.

בערישעס אויגן זיינען אָנגעגאָסן מיט פאַרטראַכטקייט און אין זיין נשמה האָט עפּעס געוואַלדיק אָנגעריסן. אויסטערלישע בילדער האָבן זיך געוויקלט און אָנגעפּילט זיין מח מיט צעריסענע מחשבות. די שלייפן פון זכרון עפענען זיך און פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט גייען אויף בלאַסע דעראינערונגען. ער געדענקט אַזוי קלאָר ווי היינט, אַז ווען דער נאָך דער ערשטער מלחמהדיקער הונגער האָט אויסגעמאַטערט דאָס גאַנצע שטעטל, האָט די טיפוס־עפּידעמיע, וואָס האָט אַזוי גרויזאַם געבו־שעוועט איבער דער גאַנצער געגנט, אויך אויף זיין שטעטל אָנגעפאַלן, געמאַטערט און געפּייניקט די איינוואוינער מיט ווילדער אַכזריות. פיל קרבנות האָט די מיאוסע קראַנקהייט איבערגעענטפערט אין די הענט פון מלאך־המות.

אויך בעריש איז אַריינגעפאַלן אין דער נעץ פון דער גרויזאַמער קלעפּיקער חולאת. קיין משפחה אָדער קרובים האָט ער נישט געהאַט. זיין פאָטער איז אַוועק יונג פון דער וועלט, ליידנדיק פון שווינדזוכט, און זיין מוטער איז אומגעקומען ערגעץ אויף די וועגן, ווען זי איז מיט אַנדערע היימלאָזע אַרויסגעיאָגט געוואָרן פון איר געבורט־שטאָט.

בעריש, אַ זעכצן־יאָריקער בחור, הילפלאָז און היימלאָז, איז געקומען זוכן מזל אין שוירלי'ס שטעטל. איר פאָטער האָט אויף אים רחמנות געהאַט, אים אַריינגענומען אין הויז אַריין און ביסלעכווייז אים געלערנט

די מלאכה פון סטאָלעריי. גלייכצייטיק האָט זיך צווישן אים און שוירלי׳ן צעפלאַקערט אַ הייסע ליבע.

זיי האָבן פעסט באַשלאָסן, נאָך דער חתונה אָנצושליסן זיך אין דער עליה קיין ארץ ישראל.

דער גורל האָט אויסגע׳חשבונ׳ט גאָר אַנדערש: בעריש איז אויך אָנגעשטעקט געוואָרן מיט טיפוס, וואָס האָט אים געמאַטערט אין ברענענדיקער היץ פולע פיר וואָכן. שוירלי איז נישט אָפּגעטראָטן פון זיין בעט, זי האָט מיט אָפּגעהיטענער פאָרזיכטיקייט אויפגעפּאַסט אויף אים, געטרונקט יעדעס טראָפּעלע שוויס, וואָס די היץ האָט אַרויסגעבראַכט אויף זיין פנים צוזאַמען מיט די פאַרבאָרגענע טרערן פון אירע אויגן, וועלכע האָבן געקאַפּעט אויף זיין שטערן, בעת זי האָט תפילה געטאָן צו גאָט פאַר אַ רפואה שלמה...

*

אָנשטאָט עולה צו זיין קיין ישראל, האָט דער גורל זיי פאַרקירעוועט קיין אַמעריקאַ. ביידע האָבן זיך אַריינגעוואָרפן מיט ברען אין דער הייליקער אַרבעט פאַרן ציוניסטישן אידעאַל, פאַרן ווידעראויפבוי פון אַן אייגן לאַנד.

און גראָד איצט, אין דעם סאַמע גלאַנץ־פעריאָד פון איר אַרבעט, איז געקומען דער איבערברוך. שוין העכער פיר חדשים זינט שוירלי איז צוגעשמידט צום קראַנקן־בעט און קאָן זיך נישט דערהיילן, אַ קראַנקהייט, פון וועלכער עס איז שווער זיך אַרויסצורייסן.

די נעכט אין שפּיטאָל זיינען לאַנגע און וואַנזיניקע. אַלעם אַרום גליווערט און קרענקט. די אומגעהויערע יסורים האָבן אויסגעטרוקנט אין איר אַלע יוגנטלעכע זאַפטן. דעם איבערפלוס פון מוט, וואָס די קראַנקע שעפּט אָן אין לויף פון טאָג פון אירע הונדערטער באַזוכער, פריינט און פאַרערער, ווערט דורך די שלאָפלאָזע נעכט אויסגעשעפּט און פאַרביטן אויף איינזאַמקייט, וואָס טרייבט זי אָפּט צו אַ מאָדנעם אומרו און שרעק...

אין אַזעלכע מאָמענטן ווערט שוירלי משפּחה׳דיק אינטים און פאַרטראַכט זיך וועגן איר פּערזענלעכן לעבן.

זי טראַכט וועגן איר בערישן און בײדע געראָטענע מײדלעך. אָט דוכט זיך, נישט לאַנג צוריק, פלעגט זי צוקעמען זײערע גאָלדענע לאָקן, אַרײַנקוקן אין זײערע הימל־בלויע אײגעלעך און מיט אַ מאַמעס ברכה זײ באַגלײטן אין שולע אַרײַן, און שוין זײַנען זײ כלה־מײדלעך! וויפל מי און ענערגיע זי האָט אָנגעשטרענגט, ביז זי האָט באַוויזן אַרויפצושטעלן אַ פוס אויף דער שוועל פון צווייטן טייל פון איר לעבן, און שוין זיך איבערגעשטרענגט — געלאָפן און נישט דערלאָפן...

אוי, האָט אַ זיפץ זיך אַרויסגעריסן פון איר האַלדז! אין דעם זיפץ איז געווען אַ געמיש פון מורא און בענקשאַפט, ווי ס'איז די בענקשאַפט אין די אויגן פון אַן אײנזאַמען פויגל, וואָס איז אַליין פאַרבליבן אין אַ קאַלט לאַנד. זי טראַכט מיט צעריסענע געדאַנקען, שלײכט איבער אַמאָליקע פאַרוואָקסענע וועגן און עס טאַנצן פאַרבײ כלערלײ צײַטן: שטורעמדיקע, פאַרוואָלקנטע טעג און נעפּלדיקע נעכט, אַזוי גוט ווי צעליכטיקטע פרי־מאָרגנס און זעפיר־בלויע הימלען ,אָבער די פאַרבן פון רעגנבויגן פאַרגײען מיט אַ מאָל און אַלץ פאַרשווינדט ווי דורך אַ כשוף.

דורך דער גאַנצער צײַט פון איר קראַנקהייט געפינט זיך בעריש אין אַ מין איוב־שטימונג. ער גרונטעוועט און גרונטעוועט און קאָן באַין אופן נישט באַנעמען דעם סדר־העולם...

אַ געדאַנק עגבערט זײַן מח: צי איז טאָקע פאַראַן אַזאַ זאַך ווי געטלעכע השגחה און יושר? אויב יאָ, פאַרוואָס זשע ווערט פאַר ג ו ט ס אָפּגעצאָלט מיט ש ל ע כ ט ס ?...

זיצט אַזוי בעריש אין וויג־שטול, פאַרטראַכט און פאַר'מוח'ט, איבער־געבויגן איבער זײַן אײַנגעשלאָפענער שוירלי'ן מיט פאַרוואָלקנטע אויגן. ער איז גרייט אַרויסצו'מבל'ן אַ פאַרפלייצונג פון לאַנג אָנגעזאַמלטע טרערן, אָבער מיט אַ מאָל באַמערקט ער ווי די קראַנקע האָט זיך באַוועגט. אירע אויגן האָבן זיך פאַרצויגן אין צוויי שפּעלטעלעך, פון וועלכע עס האָבן אַרויסגעלויכטן צוויי פײַערלעך. זי האָט לײַכט אָפּגעאָטעמט, ווי זיך באַפרײַט פון אַ שווערן קאָשמאַר. אויף אירע ליפּן האָט זיך דורכגעשלענגלט אַ לײַכטע באַוועגונג, ווי זי וואָלט וועלן עפּעס דערצײלן. אירע באַקן

רויטלען זיך און אירע ליפּן־ווינקלען פורעמען אויס אַ לייכטן שמייכל מיט געציילטע ווערטער:

— בעריש טייערער! פאַל נישט אַריין אין קיין יאוש, האָב בטחון! געדענקסט, ווען דו ביסט געווען אַ חולה מסוכן, בין איך אויך געזעסן ביי דיין בעט און געוואַכט איבער דיר? איך האָב מתפלל געווען, מיין תפילה האָט געהאַט אַ פּעולה, און דו ביסט געזונט געוואָרן... האָב בטחון און מיר וועלן נאָך צוזאַמען דערלעבן עולה צו זיין קיין ישראל!

אין אירע אויגן האָבן זיך באַוויזן צוויי גרויסע טרערן, ווי צוויי פּולע לאַגלען, פון וועלכע עס האָט אַרויסגעלויכטן אַ שיין פון בטחון, און מיט אַ רואיקן געמיט זיך ווידער איבערגעגעבן אין די הענט פון זיסע חלומות. — — —

שוין מכמה יאָרן, אַז זי חלומ׳ט צו דערציען צו יענעם אויסגעבענקטן מאָמענט, ווען זי וועט זוכה זיין עולה צו זיין קיין ישראל און מיט די אייגענע אויגן זען די קאָלאָסאַלע דערגרייכונגען און ענאָרמישע אויפטוען זינט דער אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל. זי וועט מיט אירע אייגענע הענט גלעטן די שטיינער פון די פּראַכטפולע בנינים, וואָס זי האָט געהאָלפן אויפבויען מיט אַזוי פיל מסירת נפש...

די נאַכט שאַרט זיך אַוועק מיט סאַמעטענע טריט, דער הימל האָט אַראָפּגעצויגן פון זיך דעם קויטיקן ליילעך און מיניעט זיך אין בלויער פאַררויכלונג. אַ העלער שטערן האָט זיך שטיפעריש צעשטראַלט און גע־וואָרפן אַ שיין אין די קנייטשן פון שוירליי׳ס ברייטן שטערן — אַ שטערן פון בטחון און האָפענונג. — — —

ברישעס שווערע געמיט האָט זיך אויך, ווי דער אינדרויסן, אויס־געלייטערט און אָפּגעפרישט. אַ מאָדנע געפיל פון שטאַרקער אמונה האָט אים באַהערשט און זיינע ליפּן האָבן שטיל געשעפּטשעט מיט אַנט־שלאָסנקייט.

— „זי וועט געזונט ווערן!!“.

רייך, רייך און דאָך אָרעם

(פאַרצייכענונג)

אַ טיפּע נאַכט־שעה. אַלע צימערן זיינען העל באַלויכטן, עס הערשט אין הויז די שטילקייט פון פאַר אַ שטורעם.

וועראַ סימקין שטייט איבערגעבויגן איבער צוויי אָנגעלאָדענע וואַליזעס מיט פאַרשיידענע טייערע מלבושים און זומער־קליידער, און איז גרייט דאָס מאָל אָפּצופאָרן אויף אַ לאַנגער זומער־וואַקאַציע צו איינעם פון די פּראַכטפולסטע ים־רעזאָרטן אין ניו־דזשוירזי. אַמאָל, ווען די סימקינס זיינען נאָך געווען אָרעם, פלעגן זיי קוים פאַרברענגען אַ צוויי־וואָכיקע וואַקאַציע צוזאַמען מיט זייערע פריינט אין אַ שטיל רואיקן האָטעל אין די בערג — „דער פאַרכשופטער שלאָס", איינגעטונקען אין באַרגיקער גרינקייט, און אַלע צוזאַמען פלעגן געניסן פון אַ געזונטן, געמיטלעכן אָפּרו.

היי־יאָר האָט פּאַסירט עפּעס אויסערגעוויינלעכעס. מר. סימקין האָט זיך צעווערטלט מיטן באָס, האָט ער פּרובירט זיין מזל פאַר זיך אַליין. גראָד האָט דאָס אים געלונגען און ער איז נתעשר געוואָרן...

ביידע זיינען זיי ווערלע מענטשן, און וואָלטן גערן געוואָלט אויך דאָס מאָל פאַרברענגען צוזאַמען מיט זייערע פריינט, אָבער זייערע פריינט קאָנען נישט נאָכטאַנצן דעם ווילדן טאַנץ צו פאָרן צום רייכן ים־רעזאָרט.

צווישן די שפּאָגל־נייע ווערטפולע מלבושים איז ווערא'ן אויך אַריינגעפאַלן אין האַנט איר אַמאָליקע אוקראַינישע בלוזע, אויסגעהאַפטן מיט רעגנבויגן־פעדעם אַרום דעם דעקאָלט און מיט צווילינג־רינגען אַרום ביידע אַקסלען.

די פּראָסטע לייוונטענע בלוזע האָט זיך עפּעס נישט אַריינגעפּאַסט אין דער רייכער קאָלעקציע פון זיידנוואַרג, סאַמעט און וואָל... אַ פרעמדע, אַ פאַרגעסענע, איז זי געלעגן מיט אַן איבערגעקערטן אַרבל אויף דער לינקער זייט פון וועלכע עס האָבן זיך באַוויזן צעשויבערטע, אָפּגעריבענע קאָלירטע פעדעמלעך.

עס איז געווען אַ צייט, ווען די סימקינס פלעגן מיט זייערע לעצטע כחות קוים דערציען די אויסגעבעטלטע צוויי וואָכן אורלויב, האָט דאָן, צווישן די זומערדיקע קליידער, די אוקראַינישע בלוזע געשפּילט אַ באַ־דייטנדע און גאָר וויכטיקע ראָלע, ווייל אין יענעם אָפּרו־פּלאַץ, וואו זיי פלעגן פאַרברענגען איז די אַטמאָספער אַ חבר׳שע, אַ וואַרעמע. און ווי דער שטייגער איז אין אַזעלכע ערטער, פאַרברענגט מען היימיש און פריילעך: מען רעדט אַרום פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע פראַגן, מען זינגט פאַרשיידענע פאָלקס־לידער, אידישע, העברעאישע, ענגלישע און אוקראַאינישע. דאָן פאַרפּוצט זיך וועראַ אין דער פּשוטער לייוונטענער בלוזע, אירע שוואַרצע האָר כוואַליען זיך איבער די אַקסלען. אַ זיסע בענקעניש פון פאַרלוירענער פרייד צינדט זיך אָן אין איר גאַנץ וועזן, וואַנדערט חלומ׳דיק איבער די אוקראַאינישע פייכטע לאַנדשאַפטן, שלינגט מיט תאוה יעדעס גרעזל און צעגיסט זיך מיט איר שטילער, אָבער געשמאַקער שטימע אין אַ לײדנשאַפטלעכער מעלאָדיע, אַ ליבעס־ליד, וואָס שעווטשענקאָ האָט אַמאָל געשאַפן אין אַ צויבער־נאַכט צווישן די גראַזיקע פעלזן פון דניעפּר.

— — — — — — — — — — — — —

ווערא מאַטערט זיך אין ספקות: זאָל זי איצט צום רייכן ים־רעזאָרט אויך די בלוזע איינפּאַקן, צי נישט? וואָס פאַר אַ נוצן קאָן דאָס איר ברענגען דאָרט צווישן רייכע, פרעמדע מענטשן? אַ געפיל פון רחמנות, ווי צו אַ לעבעדיק באַשעפעניש האָט איר אַרומגענומען צו דער בלוזע, וואָס איז אין דער אמתן בלויז אַ סימבאָל — אַן ענגע אומצעשטערבאַרע פאַרקניפּונג מיט אירע אָרעמע, אָבער האַרציקע פריינט.

ווערא ציט זיך אויס אויף דער סאָפע. דאָס פּנים צעפלאַמט, די האַרט־געקנאָטענע באַקן ווי צוויי צייטיקע פירות און אַ טיף־קאַלאַמוטנע פליסיקייט אין אירע ווייכע גרויע אויגן.

איינשלאָפן געלינגט איר נישט, גיט זי זיך איבער בלב ונפש אין די הענט פון דער זיס־טרויעריקער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט: זי לויפט צוריקוועגס, ציילט די אָקאָרשט פאַרגאַנגענע יאָרן און זעט זיך אַליין

אויך איבערגעבויגן איבער אַ דאַרינקער וואַליזע, אויסאָרטירנדיק אירע קליידער פאַר וואַקאַציע. אין הויז איז ליכטיק, אויפגעלייגט און געמיטלעך. די שטימונג איז אַ דערהויבענע, אַן ערב יום־טוב׳דיקע .פון די ווינקעלעך גייט אויף אַזאַ היימלעכקייט, אַזאַ שלום־בית׳דיקייט.

מר. סימקין איז שווער איינגעשלאָפן פון זיסער מידקייט. ער האָט זיך ביז איצט געפּאָרעט אַרום זיין אַלטן אויטאָמאָביל, וועלכער האָט אים געדינט ווי אַ געטרייער קנעכט. ער האָט אים געצוואָגן, אַרומגעוואַשן און אים אויסגעגלעט יעדעס אבר, גרייט אָוועקצושמייסן צום „פאַרכשופ׳טן שלאָס״ אין די בערג.

די זומער־גאַרדעראָבע איז געווען קנאַפּ, געציילט און באַגרענעצט. אָבער דאָך האָט אין ווערא׳ן פּולסירט אַ זינגענדיקע פרייד. אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר אַרבעט מר. סימקין שווער, קומט אַ היים אַ מידער און פאַלט אַוועק. דאָס לעבן איז מאָנאָטאָן, פּוסט, אָבער דער געדאַנק, אַז אָט־אָט, דערנענטערן זיך שוין די צוויי־וואָכן־וואַקאַציע און דער עיקר, דער באַגער פון צוזאַמען פאַרברענגען מיט זייערע פריינט, בלאָזט אַריין אין זיי אַ נייעם אָטעם פון לעבן.

דער קורצער וואַקאַציע־טערמין האָט געדינט ווי אַן אומשעפּבאַרער קוואַל, פון וועלכן די סימקינס פלעגן זיך שפּייזן אַ גאַנץ יאָר. דער מאַטעריאַל האָט געקלעקט אויף גענוג צום שמועסן וועגן יעדער גרויסיקייט און קלייניקייט, פון אַלערליי לעקציעס, קאָנצערטן און רעפעראַטן; פון דער אַרומיקער נאַטור, פון טעגלעכער כראָניק אויף דער וועלט און אַפילו אויך נישט דורכלאָזן די געוויינלעכע וואַקאַציע רכילות...

ווערא איז געבענטשט מיט אַ פאַנטאַסטיש געפיל; זי וואָלט אָפט געריכט אויף דעם רוקן פון אומבאַרירטע בערג און נאָכפּאָלגן ביינאַכט די צעריסענע פאַרע אויפן מילך־שליאַך. זי וואָלט געשמועסט וועגן שטומע וועלדער און גרינע פעלדער. זי וואָלט זיך אויך געוואָלט אַריינטראַכטן וועגן זון, לבנה און שטערן, וועגן רויטע האָריזאָנטן און צוויטשעריי פון פייגעלעך.

דאָרט, אויפן ערדישן גן־עדן, פלעגט ווערא צעטרענצלען דעם

גרעסטן חלק פון איר וואַקאַציע אין די אָרעמס פון פאַרצווייגטע ביימער און אויף דעם שויס פון גראַזיקער ערד.

זי פלעגט איינזאַפּן דעם אַראָמאַט פון פאַרשיידענע קנאָספּן און בליטן, ווי אויך די רויע פייכטקייט פון פעטער ערד.

ביים אָפענעם פענצטער פון איר צימער איז געשטאַנען אַ בוים אַ זקן, און זיינע צווייגן האָבן געצייטיקט עפּל. זיינע אויסגעקרומטע אָרעמס האָבן געדינט פאַר די פייגעלעך ווי דער אידילישסטער פּלאַץ פאַר שפּילן ליבעס און בויען ווייכע נעסטן. אין געדיכטן שאָטן פון בוים פלעגט ווערע געפונען שוץ, קילן איר צעוואַרעמטן קערפּער, עפּעס שטריקן און פאַר׳חלומ׳ט מורמלען אַ שיין פאָלקס־לידל.

אין די סודות׳דיקע נעכט האָט זי ליב געהאַט זיך אַוועקלאָזן מיט די געסט און פריינט גרופּעסווייז, מיט הייטערקייט און געזאַנג, און דער ווידער־קול האָט אָפּגעהילכט און זיך געקאַטשעט ווי אַ דונער פון באַרגיקע קעפּ.

צוויי וואָכן כסדר האָבן זיי אויף אַזאַ אופן גע׳שיכור׳ט אַפילו מיט ווייניקער וואַקאַציע. און מיט דעם דערמוטיקטן אָנגעשעפּטן פרישן כח האָבן די סימקינס געקאָנט ביישטיין דעם שווערן וועג פון אַ גאַנץ יאָר.

*

זינט די סימקינס זיינען אָבער רייך געוואָרן האָט זיך אַלץ געענ־דערט: „דער פאַר׳כשופ׳טער שלאָס האָט פאַרלוירן אין זייערע אויגן דעם אַמאָליקן רייץ. ציט דאָס זיי איצט צום רייכן ים־רעזאָרט. צו די שפּרינגענדיקע כוואַליעס פון צעבאַלעוועטן ים, דאָרט, וואו די הנאה שפּריצט אין פּנים אַריין, דאָרט, וואו מען מעלקט דעם לעצטן טראָפּן פון פאַרגעניגן פון לעבן. די אַמאָליקע פריינט צעלויפן זיך דערשראָקענע, קערן זיך אָפּ פון זיי — נישט מער פון זעלבן קאַליבער.

און איצט, ביים איינפּאַקן די גרויסע וואַליזעס, האָט זיך ווערע פּלוצים אָנגעהויבן אויסצוניכטערן פון לעטאַרגישן שלאָף. זי ווערט וואַכזאַם און באַוואוסטזיניק.

אַרום איז וואָכעדיק און פּראָזאַאיש. דער שטח צווישן איר און אירע אַמאָליקע פריינט איז שוין אַ גאַנץ ווייטער...

די פריינטשאַפט פון די ניי־געקראָגענע רייכע לייט איז אַן אָנגע־קראָכמאַליעטע, אַן אויפגעבלאָזענע, וואָס איז גרייט יעדע מינוט צו פּלאַצן און אויפגעריסן ווערן.

וועראַ איז געבליבן זיצן אַ דערשעפּטע, אָטעמט שווער, ווי עמעצער וואָלט אָפּגעצאַפּט דעם זויערשטאָף פון איר לופט. אין אירע אויגן האָט זיך אָנגעצונדן אַ פּייערל פון חרטה. זי קוקט מיט פאַראַכט אויף איר רייכער גאַרדעראָבע, פּרעפּלט שטיל און טראַכט הויך:

— רייך, רייך און דאָך אָרעם!

אין גרויס פאַרלעגנהייט

(אַ בילד)

יאָסל שניידער האָט הכנעה׳דיק אַרונטערגעלאָזט זיינע קאַלאַמוטנע אויגן, פון צייט צו צייט אַרויסגעלאָזט דערשטיקטע קרעכצן פון שווערן יאוש, און וויל זיך נישט טרייסטן. זיין פנים האָט אויפגעפלאַמט פון כעס׳דיקן פייער...

ער פילט ווי „ער״, זיין גוטער פאַרטראַכטער איציק האָט ווי מיט דער גרויסער שניידערישער שער איבערגעשניטן די אָדערן פון זיין אייגן בלוט און פלייש און זיך מיט אימפעט אַריינגעריסן און צערודערט דאָס סאַמע יאָדערדיקע, דאָס הייליקסטע פון זיין נשמה.

יאָסל שניידער, אַ בן ששים, אַ קרעפטיקער, מיט אָנגעגאָסענער גבורה אין זיינע הענט און פיס און מיט אַ שווערער פאַרגעלטער באָרד, וואָס האָט פון מאָגערער אויפזעאונג און אָפּגעלאָזנקייט זיך געקרייזלט אין קנויטן ווי בינטלעך ציצית. ווען זי ע״ה האָט נאָך געלעבט, — געווען אַן אשה צנועה, האָט נאָך דעם שניידער אַמאָל אַ שטופּ געטאָן צו גנב׳ענען אַ קוק אין דעם פליגן־באַפּינטלטן שפּיגל, אָבער איצט, עך!... אַן אָרעמער גאָטס־פאַרכטיקער פרויען־שניידער, וואָס ציט זיין שטיקל חיונה פון די פויערטעס פון אַרומיקע דערפער.

מיט קהל האָט ער זיך קנאַפּ אָנגעקערט, כמעט נישט געמישט, נאָר שטענדיק געוואוסט זיין אָרט — מ׳שטיינס געזאָגט, אַן אָרעמער שניידער!...

פון די דריי קרומע שורות שטיבעלעך מיט שטרויענע יאַרמאַלקעס, וואָס האָבן זיך איינגעערדיקט ביים גראָזיקן באַרג ביז צום סאַמע זאַמדיקן ברעג פון טייך בוג, האָט זיך בלויז דער פאַרוויכלטער גרויער רוקן פון אַלטן בית־המדרש אַנטבלויזט, וואָס לויט אונזער חדר־אינגלישער פאַנטאַזיע, האָט אויך געדינט אַלס מקום מקלט דורך די פינצטערע נעכט פאַר די פאַרשטויסענע נשמות, וואָס ווערן געטריבן פון שוועל פון גן־עדן. צו דער

צאָל פון פאַרשטויסענע נשמות פלעגן זיך אויך דורך די נעכט פון „עשרת ימי תשובה" באַהעפטן צוויי לעבעדיקע פאַרוואָגלטע נשמות — קרבנות פון פאַרפירטע ליבעס.

חוה די נייטאָרין מיט צוויי דיבוקים, איינער אַ חזנ׳ישער, וואָס פלעגט אַרויסזינגען פון איר אַלע חזנ׳ישע שטיק, שבת׳דיקע און יום־טוב׳דיקע תפילות. דער צווייטער, אַ רוסישער סטראַזשניק, וואָס פלעגט קאָמאַנדעווען און זיך שעלטן אויף גויאיש...

דער צווייטער איז געווען פיני דער משומד, אָדער פאַליקאַר. יעדן פרימאָרגן האָט מען אים געזען לויפן אין קלויסטער אַריין, זיך צלמ׳ען און קניען און געוויינט מיט ביטערע טרערן. דערנאָך האָט ער געכאַפּט טלית און תפילין, געדאַוונט און געקושט די מזוזה. אין שטעטל האָט מען געזאָגט, אַז ער איז אַ קרבן פון אַ ליבע מיט אַ קריסטין...

דאָרט, אין אַלטן בית־המדרש, פלעגן אויך די מתים, איינגעהילט אין טליתים, זיך שאָקלען אַ גאַנצע נאַכט, ביז ס׳האָט געשאַריעט אויף טאָג, און מיט דעם ערשטן קריי פון האָן, ווען דער אַלטער אָבער זשוואָווער מרדכי שמש, האָט נאָך „מודה אני" זיך אַוועקגעלאָזט צום בית־המדרש, זענען דאָן די מתים זיך צעלאָפן צוריק אין זייער רו...

און אַז איציק, יאָסל דעם שניידערס, איז יאָ געווען אַ יונג אַ כוואַט, אַן איינשטעלער, און זיך איין מאָל ביינאַכט פאַרלייגט הינטער אברהם־ראובנ׳ס קרענעצע, צו כאַפּן אַ קוק אויף דעם בית־המדרש, האָט ער „זיי", זאָגט מען, דערזען און פון גרויס שרעק געבליבן ליגן אַ צעטומלטער און גערעדט פון היץ רחמנא לצלן.

יאָסל איז געווען אַ מסתפק במועט, צופרידן מיט זיין טאָג־טעגלעכער אויסקומעניש, און כאָטש זיין פרנסה איז געווען אַ בצמצומ׳דיקע, האָט ער דאָך פון זיך די קליי געצויגן, און אַפילו זיין איציקן אַוועקגעגעבן צו ישראל מלמד. פאַרדינגען אַ תלמיד צו ישראל מלמד האָט אויך געמיינט פאַר׳־משכונ׳ען זיין גוף, איבערהויפּט אַן אָרעמען שניידערס אַ קינד...

די מכות רצח און די בושה וכלימה פראָצעדורע פון שטעלן אין קונע, פלעגט זיך מורא׳דיק אָפּשפּיגלען אויף דעם גייסטיקן צושטאַנד פון תלמיד...

געווען זייער אַ שטרענגער רבי, ר׳ ישראל, איבערהויפּט ווען עס האָט זיך דערנענטערט דער דאָנערשטיק, ווען יעדער תּלמיד האָט געמוזט קענען דעם שיעור גמרא מיט תּוספות ווי אַ מזמור.

דאָס טראָפּעלע נחת פון עולם־הזה, האָט דער שניידער איינגעזאַפּט, ווען דער רבי האָט געפירט זיין איציקן שבת נאָך דער סעודה זיך פאַר־הערן ביי מאָטל פּייוועלעס, אַן איד אַן עושר און אַ מופלג בתורה. אויפן העכסטן טייל פון זיין קאָפּ שיטערע האָר, האָט שטענדיק אַרומגעטאַנצט אַ טערקיש־געקווייטלטע יאַרמולקע.

צוליב זיין איציקן, פלעגט זיך אויך דער שניידער אַריינרוקן אויף די שפּיץ פינגער צו מאָטל פּייוועלעס אין גרויסן פּאָדערצימער און מיט גרויס יראת־הכבוד זיך אַוועקשטעלן אין אַ ווינקל און הנאה׳דיק שווייגן ביז מען האָט אים געהייסן זיך זעצן.

פון דעם שבת־אויבסט־כיבוד ,וואָס מען האָט דערלאַנגט צום טיש, האָט מען אויך יאָסלען מכבד געווען און בשעת־מעשה האָט ר׳ מאָטל געוואָרפן אַן אויג אויף איציק׳ן און געמאַכט אַ פרומע מינע:

— יאָסל, דיין בחורל האָט אַ גוט קעפּל, וואַקסט אַן עילוי.

דער אָרעמער שניידער האָט פון אומדערוואַרטער איבעראַשונג זיך אויפגעשטעלט און מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם אַרויסגעוואונטשעוועט:

— איך דאַנק אייך, ר׳ מאָטל, לעבן זאָלט איר לאַנגע יאָר! גאָט זאָל אייך משלים זיין פאַר דעם חסד, וואָס איר טוט מיט מיר!

*

יאָסל האָט קיין מאָל נישט געוואָרט, אַז די פּויערטעס זאָלן אים ברענגען די פּרנסה אין הויז אַריין, נאָר אַליין געגאַנגען איבער די דערפער אָנזאַמלען אַרבעט.

די אָפּגעקראַצטע שילד, אויף וועלכער עס איז געווען אויסגעמאָלן אַ פּויערטע, פאַרפּוצט אין אַ קלייד פון פאַרשיידענע פאַרבן, איז געהאָנגען ביים אַריינגאַנג פון טיר און ווי אַ שווערד געדראָט דעם צעפליקטן און געלעכערטן דאַך.

פון די בייזע ווינטן, שנייען און רעגנס, זיינען די אויגן ביי דער פויערטע אויפן שילד אויסגערונען און געדינט מער אַלס סטראַשידלע פאַר די פייגל.

ווען איציק איז געוואָרן בר־מצוה, האָט אים יאָסל אָפּגענומען פון חדר און זיך באַלד פאַרטראַכט וועגן אַ תכלית פאַר אים. די יאָרן לויפן, מען ווערט עלטער, די כחות פאַרלאָזן, וועט זיך איציק טאַקע אויסלערנען די מלאכה און אויך צונויפזאַמלען אַרבעט איבער די אַרומיקע דערפער.

איציקן האָט סיי ווי געצויגן אין פעלד אַריין, אין וואַלד אַריין. ער האָט געהאַט אַן אומגעהויערע הנאה זיך אויסבעטן אין הויכן גראָז און איינזאַפּן דעם געזונטן ריח.

דורך דעם, וואָס זיין פאָטער האָט אים אָפּגענומען פון חדר, האָט איציק געליטן די ערשטע אַנטוישונג: זיינע חברים האָבן זיך אָפּגענויגט פון אים איבער צוויי טעמים: ערשטנס, איז דעם שניידערס שטוב געשטאַנען ווייט, ווי אַ פאַריאָגטע, אַזש ביים סאַמע צופוסנס פון באַרג, שוין פון יענער זייט „עירוב", וואָס צוצוקומען אַהין איז געווען פאַרבונדן מיט גרויס מסירת־נפש, ווייל מען האָט נישט געקאָנט אויסמיידן אַטאַצקיס הויף מיט זיינע צוויי פייערדיקע כלבים. און צווייטנס, איז איציק שוין דאָך אַ בעל־מלאכה געוואָרן, און לייטישע טאַטעס און מאַמעס זיינען פון דעם געהיט ווי פון אַ נגע צרעת.

איציק׳ס צאַפּלדיק האַרץ האָט זיך אָנגעלאָדן מיט שטילן פּיין און צער. ער האָט דערשפּירט אַ תהום צווישן **אים** און **זיי** — די בעל־הבית׳ישע קינדער.

זיין יונגער מח ברענט, זיין צאַפּלדיק האַרץ קלאַפּט פעסט און די געדאַנקען מישן זיך. אין זיין טאַטנס שטיבל איז ענג, דערשטיקט צו ווערן און איינזאַם...

ווען יאָסל האָט צום ערשטן מאָל געשיקט זיין איציקן אין אַ דערבייאיקן דאָרף אָנצונעמען אַרבעט ביי קאַטיושע דעם סטאַראָסטעס טעכטערל, איז ער אַ צופרידענער אַרויס פון הויז, נעלם געוואָרן צווישן די כוואַליעס פון קאָרן און מיט אַ זינגענדיקער פרייד אַוועק צום דאָרף.

מערקווירדיק! וואָס מער ער דערוויטערט זיך פון שטעטל, אַלץ לייכטער ווערט זיין געמיט און זיין אינערלעכער אומרו ווערט לאַנגזאַם אויסגעלאָדן.

בלאָס און פאַרטונקלט בלייבן הינטער אים די חדר־יאָרן, דער בית־המדרש און אַלץ, וואָס איז ערשט נעכטן געווען פאַר אים אַזוי הייליק און ליב, ווערט איצט פאַרוואַנדלט אין אַ חלום, וואָס וועט זיך אין גיכן אויס־וועפּן און פאַרגיין. — — —

עס איז אין גרויסן פאַרטאָג. די גרינע לאָקן פון שפּיץ באַרג זיינען איינגעהילט אין אַ גרויער פאַררויכלונג. פון ערגעץ ווייטן האָריזאָנט דערהערט זיך דאָס צוויטשעריי פון אַן איינזאַמען פויגל.

די קליינע פויערישע כאַטעס, פריש אויסגעטובל׳ט אין פערלדיקן טוי קריכן אַרויס ווי סילועטן פון צווישן די ריזיקע סאָסנאָוועביימער. אמ׳בולט׳סטן, מעשה גענעראַל, שטייט טאַראַס דעם סטאַראָסטעס הויז ביים סאַמע אויפגאַנג פון דאָרף און בוקט זיך מיטן גרינעם בלעכענעם היטל צום ברייטן שליאַך.

איציק האָט זיך מיט דראָבנע טריט צוגעשאַרט צום טויער און געבליבן שטיין, משמעות אַלס מורא פאַר דעם גרויסן כלב ראַבטשיק, וואָס האָט זיך רחבות׳דיק, מעשה בעל־הבית, אויסגעצויגן מיט אַן אַרויסגעבלעקטער צונטער־רויטער צונג, ביים סאַמע אַריינגאַנג פון טיר.

ביים נידעריקן פענצטערל איז געזעסן קאַטיושע און געברומט אַ זיס־טרויעריקן ניגון וועגן אַ ליידנשאַפטלעכער ליבע פון אַן אוקראַאינישע שטילע סודות׳דיקע נאַכט.

אירע צוויי גאָלדענע צעפּ האָבן זיך געוויגט איבער איר יונגער ברוסט און פון צייט צו צייט געשטערט איר פלייסיק העפטן. דאָס פאַלן פון אַ צייטיקן עפּל, האָט צוגעצויגן איר אויפמערקזאַמקייט און איר בליק האָט זיך אָנגעשטויסן אויף איציק׳ס בלאַס־צעשראָקענעם פּנים.

זי איז גלייך צוגעלאָפן צום טויער און שטיפעריש באַטראַכט דעם בחור׳ס פּנים ווי זי וואָלט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט מורא פאַר ראַבטשיקן. קאַטיושע האָט אים צערטלעך אָנגענומען ביי דער האַנט, ווי מען פירט אַ קליין ברודערל און אים דורכגעפירט.

איציק האָט פריי אָפּגעאָטעמט און אויף גיך דערציילט די סיבה פון זיין קומען. זי איז באַרוועסערהייט אויף אַ ווײַלע פאַרשוואונדן, זיך פאַרלוירן אין זאַטן גאָרטן, אָנגעקליבן רעטעכלעך און יונגע ציבלקעלעך און געבראַכט צו טראָגן מיט אַ שטיק קאָרנעם ברויט און קאַלטע קוואַל־וואַסער. זיינע אויגן האָבן איר שעמעוודיק אָפּגעדאַנקט.

אַזוי ווי איר פאָטער טאַראַס איז געווען פאַרנומען, האָט קאַטיושע דערוויַיל פאַרגעלייגט דעם שנײַדער־יונגל מיטצוגיין אין סאַד אָנרייסן אַ ביסל פּרוכט. איציק האָט שווייגנדיק צוגעשטימט. זי האָט גענומען אַ קויש, אַ וואונק געטאָן צום בחור און זיך פאַרשלענגלט מיט אַ גראָזיקער שמאָלער סטעזשקע זיג־זאַג טיף אין טאָל.

אַ באַרעדעוודיקע, האָט זי שטיפעריש, געשיקט ווי אַ קאַץ, אַרויפגעקלעטערט אויף אַן אַלטן קאַרשן־בוים און באַהאַלטענערהייט זיך געצילט צו טרעפן מיט אַ קאַרש דעם שעמעוודיקן בחור, וועלכער איז געזעסן ווי פאַר׳חלומ׳ט אויף דער גראָזיקער ערד...

איר זאַרגלאָזער געלעכטער האָט פאַרהילכט די לופט, זיך אַרייַנגעריסן אין איציקס נאַאיוו האַרץ, געמאַנט, געוועקט און דאָס געמאַכט קלאַפּן שטאַרקער און פעסטער. איבערראַשט פון קאַטיושעס גאַסטפריינטלעכקייט, פון אַ סך גליק, וואָס ער האָט פאַרזוכט דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן, האָט ער בלויז געקאָנט שווייגן...

קאַטיושע איז אַראָפּגעקלעטערט פון בוים, זיך היימיש אַוועקגעזעצט נעבן איציק׳ן און אים קינדעריש־נאַאיוו געפרעגט פאַרוואָס ער שווייגט און איז אַזוי פאַרטראַכט. זיינע ליפּן האָבן אומפאַרשטענדלעך אָנגעהויבן צו פּרעפּלען און זיין שטים האָט זיך געשטיקט:

— גלאַט אַזוי... עס איז גוט צו שווייגן...

— קאַ—טיו—שע! — האָט זיך ווי אַ שלשלת געדרייט און דערהערט דעם סטאַראָסטעס קול. נישט מיט איבעריקן חשק זיינען זיי אַוועק צום הויז. טאַראַס האָט צוגעטראָגן איציק׳ן אַ העל געבלימלטן שטיק שטאָף און געהייסן אויפנייען אַ שיין מלבוש פאַר זיין קאַטיושען, צוגעבנדיק:
— טאַקע ווי יאָסקע קען — און זיך בשעת מעשה קוויטשנדיק צעלאַכט, דערמאָנענדיק זיך אין דעם אַלטנס באָרד און פאות פון מאָדנעם אויסזען.

קאַטיושע האָט באַגלייט איציקן צום טויער און שעמעוודיק אַ זאָג געטאָן:

— אויב ס׳שמעקן דיר די קאַרשן זאָלסטו קומען נאָך אַ מאָל — — —

דעם וועג צוריק צום שטעטל האָט איציק טאַנצנדיק געשלונגען מיט אַפּעטיט, טוליענדיק דעם שטיק שטאָף צום האַרצן, חלילה נישט פאַרלירן. די גאַנצע חכמת־השניידעריי וועט ער אויסנוצן, בכדי דאָס מלבוש פאַר קאַטיושען זאָל זיין אַ געראָטענער. ער זעט שוין אַזוי קלאָר, ווי זי באַנייט זיך אין דעם מיט אירע גאָלדענע צעפּ, צוגעפּאַסט צו די געבלימלטע קווייטן.

יאָסל האָט באַמערקט אַ גרינטלעכע ענדערונג אין זיין איציק׳ן. מאַנכעס מאָל, ווען ער רעדט צו אים, גלאָצט איציק אויס די אויגן ווי אַ תם און ווייסט נישט וואָס צו זאָגן. דער אָרעמער שניידער האָט שוין אַפילו געפּרוווט רופן דעם רופא, אפשר אַן עין הרע?...

עס האָט פּאַסירט, ווען אַ נאָגנדע בענקשאַפט האָט אים אַרומגעכאַפּט צו דער גוטער קאַטיושען, פלעגט זיך איציק פּעדערן כלחוך השור, און מיט אַפּגעהיטענער פאַרזיכטיקייט זיך אַרויסשאַרן פון הויז אויפן וועג, וואָס פירט צו זיינע טרוימען.

נישט מיט ווינציקער באַגייסטערונג און ליבשאַפט האָט אים קאַטיושע אויפגענומען. אַפילו ראַבטשיק האָט זיך צו אים באַצויגן ווי צו אַן אייגע־נעם, דרייענדיק מיטן קוטשעראַווע עק.

טאַראַס האָט באַמערקט די אומגלייכגילטיקייט צווישן זיין טעכטערל מיטן אידישן בחור און האָט בפירוש אָנגעקוואָלן. דאָס, וואָס ער איז אַ איד, איז פון קנאַפּער וויכטיקייט, ווייל טאַראַס, אַלס אויפגעקלערטער סטאַראָסטע האָט ממילא נישט געמאַכט קיין גרויסן אונטערשייד צווישן איד און קריסט.

עס איז שוין געווען נאָענט צו האַרבסט, ווען טאַראַס האָט פאַרפירט מיט איציקן אַן ערנסטן געשפּרעך וועגן דעם געוואַגטן שריט. און כאָטש איציק האָט זיך שוין לאַנג דערפילט אויסגעליידיקט פון די שטורמישע חדר־יאָרן, זיינען דאָך נאָך פאַרבליבן צווישן די קופּקעלעך אַש פונקען, וועלכע האָבן געטליעט און אים דערמוטיקט בייצושטיין דעם נסיון, זיך

אָנהאַלטן אין אידישן גלויבן און אויב לית ברירה, ווירקן אויף קאַטיושען זיך מגייר זיין.

ער האָט געוואוסט, אַז דאָס גאַנצע שטעטל, מיט זיין טאַטן בתוכם, וועלן אים פאַרטרייבן מחוץ למחנה, און דערפאַר האָט ער זיך יענעם טאָג אַ היים נישט צוריקגעקערט, נאָר אַ דערשעפּטער געבליבן ליגן מאַכטלאָז אין פעלד אויף דער נאַקעט־אָפּגעשניטענער ערד. פוילע האַרבסט־ווינטלעך לויפן אָן, כאַפּן אויף אַ פאַרלוירענע זאַנג און פאַרטראָגן זי אין טיפן טאָל אַריין. בלעטער פאַלן פון די צווייגן ווי טרערן פון וויינענדיקע אויגן. דאָרט, אויף דעם שטעטלשן האָריזאָנט ברענט אויס דער טאָג און מיט אים ווערן אויך פאַרברענט זיינע אַמאָליקע געפילן צום גאַנצן שטעטל...

נישט נאָר ציט ער אונטער זיינע חשבונות מיט זיינע אַמאָליקע חברים, נאָר אויך מיט זיין אַלטן טאַטן.

ווי אַזוי וועט דאָס דער אַלטער איבערטראָגן? און אפשר, בליצט אויף אַ געדאַנק אין זיין מח, וועט ער, זיין טאַטע, גאָר זיין שריט באַרעכטיקן?

אויסטערלישע געדאַנקען מישן זיין שווערן קאָפּ און עס וואַקסט אויס פאַר זיינע אויגן אַ ריזיקע וואָגשאָל מיט אַ פייערדיק צינגל; אויף איין שאָל שטייט דאָס אַלטע בית־המדרש, דאָס חדר, זיינע אַמאָליקע חברים און זיין אַלטער פאָטער מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס און בעטנ־דיקע אויגן. אויף דער צווייטער שאָל — די ליבע קאַטיושע מיט אירע וואַרעם־שמייכלדיקע אויגן, די איידעלע געטריישאַפט און דאָס זאָרגלאָזע דאָרפישע לעבן.

דאָס פייערדיקע צינגל שטייט אין סאַמע מיטן און באַוועגט זיך נישט... איציק האָט שטאַרק באַדויערט די פאַרגליווערטע באַציאונג פון זיינע אַמאָליקע חברים צו אים. ער קאָן אויך נישט סובל זיין די מאָגערע גלייכ־גילטיקייט פון די שיינע אידן צו זיין ערלעכע אָרעמען פאָטער — און אַז אַ שניידער איז וואָס?...

און בכדי ער זאָל מיט זיינע אייגענע אויגן נישט זען דעם צער פון זיין פאָטער, ווען ער וועט זיך דערוויסן וועגן זיין געוואַגטן שריט, האָט ער באַשלאָסן די נייעס אים אָנצוזאָגן דורך אַ בריוו מיט אַ דורכגייער.

אין געציילטע שורות האָט איציק באַוויינט זיין שווערע דאָליע, געמאָלן די פינצטערע צוקונפט, וואָס אים וואָלט דערוואַרט און טאַקע גלייכצייטיק געלויבט די גאָלדענע האַרציקע קאַטיושע. און אַז אַ בת כנענים איז וואָס? זי באַזיצט דאָך אַזעלכע איידעלע מאַניערן, געטריישאַפט און איז אַפילו גרייט זיך מגייר צו זיין.

*

ווען דער דורכגייער האָט געבראַכט דעם בריוו צו יאָסלען, איז זיין גאַנץ ווען דערשיטערט געוואָרן: זיינע פיס האָבן זיך געבויגן ווי אונטער אַ שווערער משא. מיט ציטריקע פינגער ווי מורא האָבנדיק זיך נישט אָפּבריען, האָט ער געעפנט דעם בריוו. זיין האַרץ האָט געקלאַפּט ווי אַ פויק. לכתחילה האָט דער אינהאַלט פון בריוו דעם אַלטן אַזוי שטאַרק אויפגעטרייסלט, אַז ס'האָט אים אַריינגעוואָרפן אין קאַנוואולסיעס, אָבער נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבן נאָכטראַכטן און דערגרונטעווען. — — —

וואָס זאָל יאָסל, דער אָרעמער שניידער, טאָן? שעלטן אָדער רייסן קריעה? ער איז אין גרויס פאַרלעגנהייט און זיין מח קאָן באין אופן נישט משיג זיין זיין איציקס שריט.

מיטן לעצטן טראָפּן ליכט פון זיינע כמורנע אויגן האָט זיך דער אַלטער ווידעראַמאָל און אָבעראַמאָל איינגעגראָבן אין זיין איציקס בריוו, און ווי אַ קליין קינד זיך צעכליפּעט אויף זיין ביטערן גורל, וואָס האָט זיין קינד צו אַזאַ שריט דערפירט...

*

איציק האָט געשריבן דעם בריוו צו זיין פאָטער אין אָנגעשוואומענע מינוטן פון אויפברויז, פאַרדרוס און אַנטוישונג, ווי אויך אונטער דער השפעה פון כלערליי אַספּיראַציעס, ליבע־געפילן צו קאַטיושען און גאָלדענע פאַנטאַזיעס.

אָבער באַלד נאָכן אוועקשיקן די וויסטע בשורה, האָט אים פּלוצים אַרומגענומען אַ גרויס חרטה־געפיל. ער האָט זיך אַריינגעטראַכט אַ האָרעלע

טיפער, אַריינגעדרונגען מיט ניכטערע אויגן אין זיין פֿאַרשמאַכטער צוקונפֿט און זיין געוואַגטער שריט איז זיך צעפֿאַלן ווי אַ קאַרטן־הייזל.

מיט דערהויבענעם שטאָלץ האָט איציק דערפֿילט, אַז אַנשטאָט צו היטן פֿרעמדע ווייַנגערטנער וועט ער מיט ליבשאַפֿט אָפּהיטן זיין אייגענעם פֿראַכטפֿולן אידישן ווייַנגאָרטן. אַ איד איז ער געבוירן און דערצויגן, און אַ געטרייער איד וועט ער אויך פֿאַרבלייבן. אַנשטאָט צום דאָרף האָט ער מיט שנעלע טריט, ווי ער וואָלט זיך געראַטעוועט פֿון אַ שרפֿה, צוריק פֿאַרקירעוועט צום שטעטל.

ער איז אַריין צו זיין פֿאָטער אין קליינעם שטיבל, אים געפֿאַלן אויפֿן האַלדז און מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם געבעטן ער זאָל אים מוחל זיין אויף זיינע אינגלישע פֿאַרפֿירענישן, ער האָט פֿאַר שאַנדע אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ...

יאָסל שניידער האָט געטרוקנט אַ טרער פֿון פֿרייד. וואָס נידעריקער איציק האָט אַרונטערגעבויגן זיין קאָפּ, אַלץ העכער און העכער איז ער געוואַקסן אין זיין פֿאָטערס אויגן.

דאָס בלוט האָט זיי ווידער פאַראייניקט

(דערציילונג)

אַלבערט פרומקין און נחום פלאַטקין זיינען געווען צוויי געטרייע האַרציקע חברים.ביידע זיינען זיי געקומען קיין ווין פון זעלבן קליינעם שטעטל אין גאַליציע, ביידע האָבן דאָ שטודירט און אַפילו זיך אויפגעהאַלטן אויף איין קוואַרטיר. אַלבערט אָדער אַלתר, ווי מען האָט אים גערופן אין קליינעם שטעטל, איז דערצויגן געוואָרן אין אַ פרומער סביבה.

אפילו דער נאָמען אלתר איז אויך נישט קיין אָריגינעלער, נאָר די כוונה איז, אַז אַלתר־אַלט איז כדי צו צעררייסן דעם גזר דין, אָדער אָפּנאַרן דעם מלאך המות...

זיין פאָטער, ר׳ וואָלף, אַ שיינער בעל צורה, געקרייזלטע לאַנגע פאות מיט אַ שווערער באָרד, צעטיילטע און פאַרשפּיצט ווי צוויי פיילן, איז נישט נאָר געווען אַ גרויסער למדן און ירא שמים, נאָר אויך אַ לייכט־אויפברויזנדיקער. ער איז אויך געווען אַ איד אַ תקיף, אַ קהל־פירער און דעה־זאָגער.

ר׳ וואָלף איז ענדלעך אַפילו יאָ איינגעגאַנגען צו געבן זיין אלתר׳ן אויך אַ היינטוועלטיקע דערציאונג, אָבער נישט מיטן גאַנצן שטראָם, בלויז אַ שמעק טאָן, טאַקע נאָר טועם זיין פון זייערע לימודים.

ווען פאָרן אַזש קיין ווין אַריינטרעטן אין אַ גימנאַזיע, האָט ר׳ וואָלף זיך אָפּגעקערט ווי פון טרפות, ווייל, ערשטנס, וועט נישט זיין ווער ס׳זאָל אַכטונג געבן אויף אלתר׳ן, ער זאָל לערנען יעדן טאָג אַ בלאַט גמרא — דף יומי, צווייטנס, איז אין אַזאַ גרויסן כרך ווי ווין, דאָס אידישקייט אַזוי מאָגער, אַז ער קאָן חלילה אָפּקערן פון גלייכן וועג.

— הלמאי, — האָט אַלתר גע׳טענה׳ט — איז נחום פלאַטקין שוין דאָס צווייטע יאָר אין ווין? — און בשעת מעשה זיך פאַרטראַכט וועגן

נחומ׳ס שיינעם גימנאַזיסטישן אוניפאָרם מיט די זילבער־גלאַנציקע קנעפּ, אים האָט זיך אַזוי געגלוסט נאָך אַזאַ מונדיר.

— וואָס גלייכסטו זיך צו נחומ׳ען? — האָט ר׳ וואָלף הכנעהדיק געפרעגט, און אַ זיפץ האָט זיך געשטופּט אין זיין האַלדז... — דו ביסט דאָך אַ טאַטנס אַ קינד. דיין זיידע און עלטער־זיידע זיינען געווען גרויסע בעלי־תורה און שורשדיק פאַרצווייגט מיט אַ גזע פון לויטער רבנים און דיינים. און ווער איז נחומ׳ס פאָטער? — האָט ר׳ וואָלף זיך אויפגעשטעלט ווי צו אַ שווערדן־געפעכט, און אויף די ווינקלען פון זיינע ליפּן איז אויפ־געגאַנגען אַ שוים, וואָס האָט געטריפט מיט כעס און אויפרעגונג. — דוד פלאַטקין דער וויינשענקער! אויך אַ מיוחס! אמת טאַקע, אַז ער איז אַ בקי אין ש״ס און יורה־דעה, אָבער אַ גרויסער מומר להכעיס, דרייט זיך אַרום בגלוי־ראש, פאַרנעמט זיך מיט די ציוניסטן, דרש׳נט וועגן שיבת־ציון און אַנדערע נאַרישקייטן. דערצו שיקט ער נאָך זיין טעכטערל אין אַ טאַנץ־קלאַס, לערנט זי לשון־קודש און חבר׳ט זיך אַפילו מיט „זיי״ פון יענער זייט טייך. מען האָט אַנומלט געכאַפּט דעם אַפּיקורס פאַרקויפן י־י־ן נ־ס־ך — שטעלנדיק דעם טראָפּ אויף נ ס ך, איז ר׳ וואָלף געוואָרן מלא חימה, זיין פּנים האָט אויפסניי אויפגעפלאַמט און אַ בלויער אָדער האָט אויפן האַלדז ביי אים געציטערט.

די וויכוחים האָבן זיך געצויגן אַזוי לאַנג, ביז זיין פאָטער איז מרוצה געוואָרן אויף געוויסע תנאים און אַלתר איז אוועק קיין ווין שטודירן.

אין אַ קורצער צייט האָט ער אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען, אַנגעטאָן דעם שיינעם גימנאַזיסטישן אוניפאָרם, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם קליינ־שטעטלדיקן „אלתר״ און געוואָרן אַלבערט.

אויב די באַציאונגען צווישן די פלאַטקינס און די פרומקינס אין דעם קליינעם שטעטל, זיינען געווען אָנגעצויגענע, דערפאַר אָבער זיינען די זין פוןביידע משפחות איצט געוואָרן די נאָענטסטע חברים, צווישן וועלכע עס האָט זיך אויפסניי פאַרבונדן אַן אינטימע פריינטשאַפט. צוויי גופים מיט איין האַרץ, איין נשמה, איין אָטעם און איין שטרעבונג.

אַמשטאַרסקטן האָט זיי פאַרקניפּט און פאַרבונדן דער פלאַם און פיבער, דער דראַנג צו דער הייליקער ציוניסטישער באַוועגונג.

נחום און אַלבערט האָבן דערפאָלגרייך געענדיקט גימנאַזיע און אויך צוזאַמען שטודירט אין אוניווערסיטעט.

*

די בייזע בשורה, אַז נחומ׳ס פאָטער, דוד פּלאָטקין איז געשטאָרבן און, אַז ער וועט מוזן איבעררייסן זיין שטודירן און קומען אַ היים אַכטונג געבן אויף זיין קראַנקער מוטער און יונגער שוועסטער, האָט ווי אַ שוואַרצער וואָלקן באַדראָט זיינע האָפענונגען. צי וועט ער קאָנען אַמאָל ממשיך זיין מיט זיין שטודירן אין ווין. ער האָט זיך מצער געווען אין דער שטיל, און זיינע אויגן זיינען פייכט געוואָרן. טראַכטנדיק, אַז איצט וועט ער זיך אויך מוזן שיידן מיט זיין בעסטן חבר נאָמן, מיט אַלבערטן.

אַלבערט האָט פּרובירט אים טרייסטן מיט אַ ווייך־גלעטנדיק וואָרט, אָבער די אויגן זיינען אים פאַרלאָפן מיט טרערן.

ביידע חברים האָבן ביים געזעגענען זיך האַרציק געדריקט די הענט, זיך אַריינגעקוקט טיף אין די אויגן, און די שטילקייט האָט געשריען מיט טויזנטער קולות...

קומענדיק צוריק אַ היים אינעם קליינעם שטעטל, זיינען נחומ׳ס פּלענער וועגן עווענטועלן אומקערן זיך קיין ווין לחלוטין צעשטערט געוואָרן. זיין מוטערס כחות זיינען געוואָרן שוואַכער און שוואַכער. די טעג זיינען פאַר אים געוואָרן יאָרהונדערטער. זיין האַרץ ווייטיקט, נאָגט און איז פול מיט בענקעניש.

ערשט איצט האָט נחום דערפילט ווי ער דערווייטערט זיך פון זיין בעסטן חבר אַלבערט אויף אַ לאַנגער, לאַנגער צייט...

*

דער גרויזאַמער אָנפאַל פון דעם רשע־מרושע היטלער, איז אויסגעבראָכן מיט ווילדער צעשטערונג, די גרוילטאַטן, וואָס די נאַצישע הענקער האָבן דורכגעפירט איבער דעם אידישן פאָלק האָט אויפגעברויזט דעם פאַרוואונדעטן שטאָלץ מיט אַ באַזונדערן פלאַם און ברען.

אַלבערט פּרומקינ׳ען איז געלונגען זיך אַרויסצוגנב׳ענען פון ווין

און מיט שווערקייטן זיך דערשלאָגן קיין איסטאַמבול, און פון דאָרט מיט אַ שלעפּ־שיף זיך געצויגן וואָכנווייז, ביז זיי האָבן דערגרייכט די ברעגן פון ארץ־ישראל.

נחום פלאַטקינס מוטער און שוועסטער זיינען אומגעקומען דורך היטלערס משחיתים, בלויז ער אַליין האָט זיך על פּי נס געראַטעוועט און געוואַנדערט צווישן הרים וגבעות פון די קאַרפּאַטן ביז ער איז מיט טריאומף איבערגענומען געוואָרן פון אַ פּאַרטיזאַנישער אָפּטיילונג.

נאָך דער מלחמה האָט זיך נחום דערשלאָגן צום האַפן פון קאָנסטאַנץ און זיך דאָרט מיט נאָך פּליטים באַזעצט אויפן סאַמע שויס פון האַפן — אַ שפּאַן נעענטער צום ציל...

אין דער שטילער טיפקייט פון אַ בלויער זומער־נאַכט, באַגלייט פון אַ בלאַסן שיין פון אַ פּערטל לבנה, האָט די טראַנספּאָרט־שיף „העגריעטע סאָלד" אַ הייזעריקן קרעכץ געטאָן, זיך פאַרכלינעט מיט אַ זייל צעפּאַלדע־וועטן רויך, און פאַמעלעך ווי אַ מעוברת׳ע, אונטער די זיסע טענער פון „התקוה" פאַרלאָזט די גלות־ברעגן.

געדוכט האָט זיך, אַז די שיף גייט שמונה־עשרה־טריט, ווייל דורך די טעג, האָט זי זיך געהוידעט ווייט צווישן די כוואַליעס, אויסמיידנדיק אַ בייז אויג. אָבער דורך די שטילע נעכט האָט זיך די שיף אַנטפּלעקט אין איר פולן מאַיעסטעטישן פּראַכט און געשלונגען מיט אַפּעטיט גרויסע שטרעקעס ים.

דער געדאַנק פון שווימען אַ היים, האָט ווי אַ באַלזאַם געגלעט און געהיילט די צעבראָכענע געמיטער. גליקלעכער פאַר אַלע האָט זיך געפילט נחום. ער שווימט צו די ברעגעס פון זיין לאַנג אויסגעבענקטן לאַנד — ארץ־ישראל. די שלייפן פון זיין זכרון האָבן זיך אויפסניי צעעפנט און דער ערשטער געדאַנק איז געווען וועגן זיין ליבן חבר און פריינט אַלבערט פרומקין. ווער ווייסט, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט? נחום וויל נישט אַריינגעצויגן ווערן אין מרה־שחורה׳דיקע געדאַנקען. און אפשר, האָט ביי אים אַ בליץ געטאָן אין מח, איז אַלבערט אין ארץ־ישראל — דאָס איז דאָך געווען זיין שטרעבונג. נאָך שטודירנדיק אין ווין האָבן ביידע חברים גע׳חלומ׳ט עולה צו זיין אַ היין...

לייכטע ווינטלעך שוועבן אַרום פאַרטראַכט, זיי לויפן אָן ווי די טויב מיטן איילבירט־בלעטל און לאָדן אויס זאַטע פרישקייט פון דער רויער מאַמע־ערד ארץ־ישראל.

ענדלעך האָט די שיף מיט אָפּגעהיטענער פאָרזיכטיקייט, חלילה נישט אַריינצופאַלן אין בריטישע הענט, זיך דערנעענטערט צו די ברעגן פון אַן אומבאַקאַנטן האַפן, אָפּגערוקט פון חיפה...

*

ווען אַלבערט האָט נאָר דערפילט אונטער זיך די א״י־ערד, האָט ער זיך ראַפּטום אָנגעשלאָסן אין דער „הגנה" מיטן גאַנצן פלאַקער פון זיין האַרץ, און נאָך דער אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל, ווען די אַראַבער פון די אַרומיקע לענדער, האָבן מיט ברוטאַלן האַס באַדראָט דעם גאַנצן אידישן ישוב, האָט זיך אַלבערט גלייך מאָביליזירט אין דער ישראל־אַרמיי, ווי ער וואָלט געלאָזט וויסן, אַז דאָ וועט ער פאַרבלייבן, ביז ישראל וועט זיך דערשלאָגן צו זיין ענדגילטיקן נצחון איבער די שונאים.

נחום פלאַטקין איז געווען אַ בעל־מום. אַ ווייסער פינטל ווי אַ דאָרן האָט זיך גרויזאַם פאַרזעצט אויף זיין שוואַרץ־אַפּל פון רעכטן אויג.. פאַר דער אַרמיי האָט ער נישט געטויגט.

— אויב איך בין געשטראָפט פון דער נאַטור, האָט נחום געטראַכט, נישט צו קאָנען זיך באַנוצן מיט געווער, וועל איך מקריב זיין מיין בלוט פון מיין שטאַרקן קערפער פאַר בלוט־טראַנספוזיעס, וואָס וועט דינען ווי אַ קוואַל פון כח און דערפרישונג פאַר פאַרוואונדעטע קעמפער.

דריי מאָל האָט נחום פאַרקאַטשעט זיין אַרבל, און געבעטן די באַרמ־האַרציקע שוועסטער נישט זשאַלעווען און צאַפּן מיט אַ פולער מאָס... ווען זי איז פאַרטיק געוואָרן, האָט ער פאָרזיכטיק אָנגעשריבן זיין נאָמען: „נחום פלאַטקין", אויך דעם אַדרעס, און צוגעקלעפּט אויף דעם נאָך הייס־רויטן פלעשל.

— זאָל דאָס זיין אַ רפואה שלמה פאַר אונזערס אַ פאַרוואונדעטן!

*

עס האָט נישט גענומען לאַנג און אַלבערט פרומקין האָט זיך אויס־

געצייכנט אויפֿן שלאַכט־פעלד. די טיפע פיינטשאַפט צום שונא האָט אים יעדעס מאָל געטריבן אין פאָדערגרונט צו די ערשטע רייען, ביז...

יענע נאַכט האָט זיך אַרונטערגעלאָזן אויף די הרי־יהודה ווי מיט ווייכע זאַקן און געשפּאַנט מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם. אומגעלומפּערטע וואָלקנדלעך האָבן איינע די צווייטע געשלעפּט איבערן בלויען הימל און געדעקט דאָס שלאַכט־פעלד מיט שטיקלעך שאָטן ווי סילועטן פון זעלנער.

אַ שאַרף טערפּקע ווינטל האָט פאַרצויגן און אויסגעלאָדן אַ ריח, וואָס האָט געקיצלט די נאָזלעכער מיט אַ היימישן גערוך פון אַן אַלטן סטויג שטרוי. עס האָט זיך פּלוצים דערהערט אַ שאָס פון אַ ביקס און די אַרומיקע שטילקייט איז צעריסן געוואָרן...

אַלבערט איז ווי אַ שווערער שטיין געפאַלן צו דער גראָזיקער ערד. ער פילט ווי ריטשקעלעך וואַרעמקייט צעגיסן זיך איבער זיין גאַנצן לייב. דער גרימאַס אויף זיינע ליפּן דערציילט, אַז דער פאַרוואונדעטער פאַר־באָרגט זיינע יסורים... אויסטערלישע בילדער האָבן זיך געמישט אין זיין מוח. וואַנדערנדיק צווישן אָפּגעריסענע געדאַנקען איז ער אַ דערשעפּטער אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן שלאָף. עס איז שוין געווען גרויסער טאָג, ווען אַ סאַניטאַר האָט באַמערקט דעם אומבאַוועגלעכן אַלבערט ליגן אַ פאַר־וואונדעטן אין פייכטן גראָז פון פערלדיקן מאָרגנטוי...

*

ווען אַלבערט האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער ברייט צעעפנט די אויגן, זיך אַרומגעקוקט, אַז ער געפינט זיך אין אַ פעלד־שפּיטאָל. ער האָט זיך ביסלעכווייז אויסגעטשוכעט פון קאָשמאַר ווי ער וואָלט זיך באַפרייט פון הייסע צוואַנגען און פון שעה צו שעה האָט ער דערפילט ווי זיין געמיט ווערט געלייטערט און אָפּגעפרישט.

דער ערשטער, וואָס האָט דורכגעבליצט אין זיין זכרון איז געווען זיין אַמאָליקער חבר נחום פלאַטקין. שוין אַריבער אַזוי פיל שטורמישע יאָרן, זינט דער גורל האָט זיי אין ווין פאַנאַנדערגעשיידט. וואָס אַזוינס האָט גורם געווען, וואָס גראָד א י צ ט האָט נחום זיך אַריינגעריסן אין זיין זכרון מיט אַזאַ אימפּעט? אַלבערט האָט דאָך אַזוי פיל נעענטערע וועגן

ווען צו טראַכטן, און גראָד האָט אים אַ נאָגנדע בענקעניש אַרומגעכאַפּט גאָר צו זיין אַמאָליקן חבר, פּונקט ווי ער וואָלט אים אָקאָרשט געזען...

זיינע בליקן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט פאַרטראַכטקייט. אָך, ווי ער וואָלט אים איצט געוואָלט זען, אים צודריקן צו זיך און זיך טיילן מיט די איינדרוקן, מיט די ליידן און פריידן. געטראַכט האָט אַלבערט פון נחומ׳ען אַזוי הויך, אַז אַלע אין שפּיטאָל האָבן אים געקאָנט הערן.

צווישן די פאַרשידענע קאָלירטע פלעשלעך פון מעדיקאַמענטן, אָנגע־שטעלט אין אָרדענונג אויף זיין נאַכט־טישל ביים צוקאָפּנס פון אַלבערטס בעטל, האָט אויך אַרויסגעשטעקט אַ דין העלדזל — דאָס כמעט רויטע פלעשל, פון וועלכן עס איז געמאַכט געוואָרן די בלוט־טראַנספוזיע. דאָס צוגעקלעפּטע ווייסע בלעטל אויפן בייכיקן פלעשל מיטן דינעם העלדזל, האָט צוגעצויגן אַלבערטס אויפמערקזאַמקייט. ער האָט צוגערוקט דאָס פלעשל נעענטער צו זיך, כדי בעסער צו באַוואונדערן די שיינע האַנט־שריפט.

— גאָט מיינער!! — האָט זיך אַלבערט אַ כאַפּ געטאָן ווי ער וואָלט אָפּגעפינען אַ פאַרלוירענעם אוצר און זיין שטים האָט זיך געשטיקט.

— נחום פלאַטקין!! — מיין פאַרלוירענער חבר!! — — —

ווען נישט דער דאָקטאָר, וועלכער האָט זיך פּונקט געפונען אַרום זיין בעט, וואָלט אַלבערט געוויס אַרויסגעלאָפן פון שפּיטאָל אונטער דעם איינדרוק פון העכסטן עקסטאַז.

— דאָקטאָר! — האָט ער אַ שיינענדיקער אויסגערופן, — די בלוט־טראַנספוזיע האָט אונז ווידער פאַראייניקט! — — —

אַלבערט האָט מיט ליבער וואַרעמקייט געקושט און געהאַלדזט דאָס דינע העלדזל פון בייכיקן פלעשל און זיינע בלויע אויגן האָבן זיך גע־טובל׳ט אין גאָלדענע טרערן...

וואַנג שאַ (דער טאָג פון תפילה)

(אַ צייט־בילד פון פאַרמאָזאַ)

ערגעץ וואו אויפן ווייטן מזרח, דאָרט וואו גאַנצע שטיקער יבשה הויבן זיך פון נאַסן תהום און רייסן זיך אין די אָרעמס פון זון־שיין, טובל׳ט זיך אין זיין מאַיעסטעטישער פראַכט אַן אינזל איינגעהילט אין אַ גרינעם מאַנטל און פאַרקנעפּלט מיט קנאָספּן און בלומען פון רעגנבויגן־קאָליר.

פליענדיק איבער דעם אינזל שאַפט זיך דער איינדרוק, ווי דער באַשעפער האָט נאָך אין ששת־ימי־בראשית געהאַלטן אין אויסשטאַלטיקן זיין וועלטל, און האָט פון פיל באַגייסטערונג פאַרלוירן אין דעם כינעזישן ים אַ גרינעם טעפּיך — פאַרמאָזאַ...

דער שלל פון זון־שטראַלן ווערן דאָרט ווי לאָקשן צעשניטן און צעבראָקט פון די שאַרפע חלף־צונגען פון באַמבו־בלעטער און באַדימענטן דעם טעפּיך אין אַ פּערפּעטואַלער אילומינאַציע.

דורך די ווייכע ווייט־מזרח׳דיקע לבנה־נעכט נידערן אַרונטער פון באַרגיקע קעפּ פאַרטראַכטע ווינטלעך, וואָס שאַרן זיך ביי די נידעריקע רייז־צווייגלעך, שושקען זיך סודות׳דיק צווישן די אָנגע׳שיכור׳טע טיי־בלעטלעך און וועבן איבער די נידעריקע כינעזישע שטיבלעך אַ נעץ פון בודאַאיסטישן נאַטור־טרויער...

כאָטש ס׳איז אינגאַנצן פאַרבליבן אין מעת־לעת צו דער גראַנדיעזער פאָלקס־פייערונג פון וואַנג־שאַ (תפילה־טאָג), ווען פון אַרומיקע שטעטלעך און דערפער איז מען עולה־רגל קיין טאַפּעי — די קרוין־שטאָט פון פאָר־מאָזאַ, צו פייערן דעם גראַנדיעזן יום־טוב מיט פיל ברען און פאַראַד, איז אָבער פאַר די לעצטע יאָרן, זינט די ברוטאַלע מאַכטהאָבער האָבן דורכ־געפירט אַ שאַרף מעסער איבער דעם האַלדז פון דער אָרעמער באַפעלקע־רונג אין פאָרמאָזאַ, האָט די פייערונג פאַרלוירן דעם גאַנצן גלאַנץ.

דאָס בלוט־באָד האָט איבערגעלאָזט אַ טיפע איינגעשניטענע וואונד

אין די הערצער פון אַלע איינוואוינער, וואָס אַפילו וואַנג־שאַ קאָן נישט היילן...

אַזאַ יום־טוב פון מיסטישער באַגייסטערונג פאַלט אויס בלויז איין מאָל אין יאָר, דעם 25טן יאַנואַר (לויט דעם כינעזישן לוח). דאָס איז דער וואַגיקסטער טאָג — דער אַקס, אַרום וועלכן עס דרייען זיך אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר.

אַמאָל, ווען פרידן האָט נאָך געהערשט אויף דער ערד, איז מיט דער דערנענטערונג פון וואַנג־שאַ, האָט אין יעדנס האַרץ פולסירט אַ זינגענדיקע פרייד. נאָך אין גרויען פאַרטאָג פלעגן גרויס און קליין פאַרלאָזן זייערע היימען. אויסגעפּוצט זיך אין פאַרבנרייכע נאַציאָנאַלע מלבושים, פלעגן זיי מיט פאַרבענקטע אויגן זיך קייטלען איבער אַלע וועגן קיין טאַפּעי צום גרויסן פאַרזאַמלונג־פּלאַץ הינטערן פרייען הימל, וואָס ליגט צופוסנס פון דער ענאָרמיש־פּראַכטפולע געטין „קוואַנין" (די געטין פון רחמים). וויפל פרייד עס האָט געשפּרודלט אַרום דער געטין!

דאָרט אויפן זאַמל־פּלאַץ פלעגן זיך באַוועגן הייליקע פּראָצעסיעס, וואָס האָבן זיך לאַנגזאַם פאַרוואַנדלט אין איבונגען פון רעליגיעזע טענץ אַזש ביז צו עקסטאַז. אַלע אויגן זיינען אין פרומער פאַרכטיקייט געווענדעט צו „קוואַנין", ווען שמאָל־פאַרצויגענע אויגן עס דריקן אויס אַ ים פון מחילה און רחמנות, און פון וועמענס געטלעך־שיינעם קערפּער עס שלאָגט אַ קוואַל פון מיידלשער צניעות. — — —

נישט נאָר רעליגיעזע צערעמאָניעס פלעגט מען דאָרט פּראַווען, נאָר אויך באַהאַנדלען פאַרשידענע סאָציאַלע פּראָבלעמען פון פאַמיליע־לעבן, ווי צ.ב.ש. דער מנהג פון שליסן שידוכים: צוויי רייען פון בלויז טאַטעס פון ביידע צדדים פאַרמירן זיך אויפן זאַמל־פּלאַץ. די מאַמעס זיינען פון קנאַפּער וויכטיקייט... ווען די תנאים אַזוי צו זאָגן, ווערן געשריבן, ליגן נאָך די חתנים און כלות אין די וויגן... דער טאַטע פון חתנ׳ס צד איז דער הויפּט־מיוחס און קריגט טאַקע אַ גוטן מקח פאַר זיין בחור׳ל... אַ מיידל איז אַן עול אויפן קאָפּ, אַ פרעמדע, ווי נישט פון אייגן בלוט און פלייש. פאַרבלייבט זי טאַקע אַ פרעמדע, אַן אָפּגעזונדערטע אויף איר גאַנץ לעבן...

דאָרט, אויף דעם זאַמל־פּלאַץ פאַרמירן זיך אויך פאַרשיידענע דיאַ־

לאַגן: עלטערע כינעזער מיט שמאָלע שיטערע בערד, וואָס דערגרייכן זיי ביזן נאָפּל, זיצן פאַרבייגלט די פיס, פּיפּקען געלאָסן די לאַנגע ליולקע און גריבלען זיך אין מיסטישע ענינים.

די יונגערע ווידער דרינגען שוין אַרייַן אין אידעאָלאָגישע אויפקלע־רונגען און שמועסן וועגן טאָג־טעגלעכע געשעענישן. און אויף אַזאַ אופן ווערט די אַמאָליקע באַגייסטערונג אַרום „קוואַנין״ איצט אויסגעביטן אויף די אַקטועלע אַנטוויקלונגען, וואָס קומען פאָר קעגנאיבער פאַרמאָזאַ.

אָנשטאָט אַמאָליקע פּראָצעסיעס, הוזשעט עס איצט מיט מענטשן פון אַ נייעם שניט, וועלכע זיינען אָנגעגאָסן מיט נייגיר צו וויסן, וואָס עס קומט פאָר פון יענער זייט האָריזאָנט...

*

איבערן געטומל שניידט זיך דורך דאָס דינע שטימעלע פון יונגן טשו־טשען, וועלכער פאַרקויפט מזל־קוויטלעך. זיין אָנבאָט שטעפּט ער אויס מיט אַ קוויטשיק־אונטערנאָזיק שלשלת־קול׳כל, וואָס ענדיקט זיך קיין מאָל נישט צוליב דער ענגער ענלעכקייט פון סוף און אָנהויב. דאָס פּלאַטשיקע אויסגעשניצטע נעזל אויף זיין בלייך־אויסגעצערט פּנים, סאָפּעט שווער אונטער דער משא פון צוזאַמענגעקלאַפּטן קעסטל, וואָס איז אָנגע־לאָדנט מיט גורל־קוויטלעך. אויפן קעסטל וויגט זיך אַ גן־עדן־פויגל מיט האַלב־פאַר׳חלומ׳טע אויגן. דער פויגל איז דער גאַנצער דעה־זאָגער אין באַשליסן דעם גורל פון די קונים...

האָרלאָזע וויעס־דעקלעך פאַרשטעלן העכער אַ העלפט פון טשו־טשענס דערשראָקענע אויגן. די טיפע קנייטשן אויף זיין יונגן שטערן זאָגן עדות וועגן שטורמישע טעג פון דורכגעלעבטע ברענענדיקע יסורים. זיינע רייפלעך־אויערן זיינען שטענדיק אָנגעשפּיצט, גרייט אויפצוכאַפּן דעם מינדעסטן שאָרך...

לויט זיינע מלבושים איז ער אַ „אינגל״, אָבער לויט די געשלעכטלעכע שמיריכן, וואָס רייסן זיך אַזוי בולט פון זיינע פאַרצויגענע הויזן און העמדל, איז ער גאָר אַ „מיידל״...

טשו־טשען שטייט נישט מיט זיין סחורה אויף איין אָרט, נאָר ווי

אַ שטיק קוועקזילבער שפּריצט ער אַרום נערוועז אַהין און צוריק, ווי עמעץ וואָלט אים נאָכגעשפּירט. ווערט ער טאַקע כהרף עין אַנטרינען ווי דורך אַ צויבער־שטעקעלע... נישט קיין מזל־קוויטעלעך וועגן נביאות אָדער פאַר׳חתמ׳עטן גורל איז ער אויסן צו פאַרקויפן, נאָר קוויטלעך פון גאָר אַן אַנדערן באַדייט... נייעס פון דער אונטערערדישער באַוועגונג... איר אמת׳ער מיידלשער נאָמען איז סו־לינג, אָבער זינט נאָך דער וועלט־מלחמה, ווען די אויסגעהונגערטע באַפעלקערונג האָט רעוואָלטירט און געפאָדערט ברויט, כדי צו שטילן דעם הונגער, האָט טשען־אי, דער דעמאָל־טיקער רעגירונגס־פאַרוואַלטער מיט זיינע משרתים, אויסגעגאָסן דעם גרימצאָרן אויף די דערשלאָגענע, און מיטן גאַנצן ברען פון ברוטאַלן האַס, דערטרונקען אין בלוט, אין משך פון איין נאַכט, טויזנטער פון די בעסטע זין און טעכטער פון פאַרמאָזאַ. זינט דאַן האָט סו־לינג געשוואוירן ביי „קוואַנין" נקמה צו נעמען אין די מאַכטהאָבערישע מערדער, פאַר איר פאָלק און פאַר איר לאַנד.

קודם כל האָט זי באַשלאָסן אָפּצווישן פון זיך אַלע אויסערלעכע סמנים פון אַ מיידל, און זיך פאַרשטעלט פאַר אַ אינגל. זי האָט זיך אָפּגעשוירן די לאַנגע שוואַרץ־פעכיקע האָר, און דעם העכסטן טייל פון קאָפּ אַריינגעזעצט אין אַ רונדיק שוואַרץ היטעלע ווי אַ יאַרמולקע. סו־לינג האָט אַראָפּגעצויגן פון זיך דאָס ענגע העמדל, דורך וועלכן עס האָבן זיך געריסן פאַראויס די יונגע בריסטן ווי צוויי הערנער, און דאָס שמאָלע קליידל, אויף וועלכן עס האָבן זיך פאַרמירט סעקסועלע באַוועגונגען, האָט זי פאַרביטן אויף מענערישע הויזן. זי איז נישט מער סו־לינג, נאָר טשו־טשען, אַ נאָמען, וואָס איז געווידמעט דעם אָנדענק פון איר אומבאַקאַנטן חתן, צו וועלכן איר פאַרשטאָרבענער פאָטער האָט זי פאַר׳כנס׳ט, אָדער ריכטיקער געזאָגט, פאַרקויפט, ווען זי איז נאָך געווען אין די וויקעלעך...

איר באַשערטן האָט זי קיין מאָל נישט געזען, זי ווייסט נאָר, אַז ער שטאַמט פון בורלאַ — אַ דערבייאיק דאָרף, וואָס ליגט אין געפאַנגענשאַפט פון וואָלקן, צווישן הויכע בערג, דורך וועמענס באַוואַלדעטע אָרעמס עס איז זיך שווער דורכצורייסן. פאַרשטאַנען האָט סו־לינג, אַז קיין גרויסע מציאה פון אַ חתן האָט זי נישט איינגעהאַנדלט, שאַצנדיק לויט דעם מקח,

וואָס איר פאָטער, דער אָרעמער קולי, האָט פאַר איר באַצאָלט... כאָטש לויט די מענטשן פון בורלאַ גיבן איבער, איז טשו־טשען אַ זייער גערא־טענער, אַן אויפגעקלערטער און אַרבעט פלייסיק.

ער האָט זיך שוין אַפילו געקליבן אויסצולייזן זיין באַשערטע, איז אָבער אויסגעבראָכן די שחיטה און קיינער ווייסט נישט וואוהין ער איז פאַרשוואונדן...

ס׳הייסט, עפּעס טראָגן זיך יאָ אַרום קלאַנגען, אַז טשו־טשען האָט זיך פרייוויליק געשטעלט אין דינסט פון דער פאָלקס־אַרמיי אין קאַנטאָן.

סו־לינג׳ס אויפגאַבע אין דער אונטערערדישער באַוועגונג איז, וואָס מער צו פאַרשפּרייטן פּאַמפלעטן צווישן דער באַפעלקערונג, און גלייכ־צייטיק אויפקלערן די אויפגאַבן פון דער פאָלקס־רעגירונג. האָט זי זיך דערטראַכט צו דער המצאה: זי האָט צוזאַמענגעקלאַפּט אַ קעסטל מיט צוויי שופלאָדן. איינס, לפנים, פאַר די גורל־קוויטלעך, און דאָס צווייטע לטובת דער באַוועגונג. און כדי אויסצומיידן דעם מינדסטן חשד, האָט זי מיטגענומען אַ פויגל, מיט וועלכן זי האָט איינגעשטודירט פאַרשיידענע קלאַנגען, לויט וועלכע דער פויגל האָט געקאָנט פעסטשטעלן פון וועלכן שופלאָד צו פּיקן...

בעת דער פייערונג פון וואַנג־שאַ, וואו עס האָט געוויבלט און געשוויבלט פון מענטשן, האָט טשו־טשען ד. ה. סו־לינג, געהאַט גרויס דערפאָלג ביים פאַרקויפן די סחורה פוןביידע שופלאָדן. וואָס מער אויפ־קלערונג און וויסן זי האָט אַריינגעגאָסן אין די מחות פון נאַאיווע מענטשן, אַלץ נעענטער האָט זי געזען דעם אויסגעבענקטן זיג.

זינט יענעם בלוטיקן אינצידענט האָט די פייערונג פון וואַנג־שאַ אַ היפּש ביסל געליטן: די עקזאָטישע רעליגיעזע פּראָצעסיעס זיינען פּאַראַליזירט געוואָרן. די אויגן פון די רעגירונגס־באַאַמטע זיינען פול מיט חשד צו יעדן איינעם. דער געדראַנג אַרום דער געטין „קוואַנין" איז אַ געדיכטער. אָנשטאָט טענץ און פאַרוויילונגען, רייניקט זיך דער עולם פון זינד דורך פאַרברענגען די גאַנצע צייט אין תשובה און תפילה.

ביי סו־לינג האָבן זיך די תפילות שוין לאַנג אויסגעשעפּט. פאַר וועמען זאָל זי בעטן? פאַר איר לאַנג־פאַרשטאָרבענעם פאָטער, אָדער פאַר איר

צום טויט דערשלאָגענער מוטער? כאָטש טײַלמאָל ווערט זי יאָ באַהערשט פון אַ מאָדנעם געפיל צו בעטן פאַרן וואוילזיין פון איר נאָענט־פרעמדן חתן טשו־טשען, אַז אויב ער קעמפט יאָ אין די רייען פון דער פאָלקס־אַרמיי, זאָל אים „קוואַנין באַשיצן... און אפשר?... בליצט דורך אַ וואונטש אין איר מח.

— אך, ווי גוט עס וואָלט געווען, — פאַרלירט זי זיך אין זיסע חלומות — ווען ער, טשו־טשען, פרעגט זיך נאָך אויף איר!! איר פנים האָט אויפגעפלאַמט און אויף אירע דינע ליפּן האָט זיך באַוויזן אַ צופרי־דענער שמייכל פון שטאַרקן בטחון...

איבערן געטומל און פאַרהאַקטע תפילות, שניידט זיך אויפסניי, נאָר מיט מער פלאַם דאָס האַרציקע קול׳כל פון טשו־טשען. דעם אָנבאָט צו קויפן מזל־קוויטעלעך שטעפּט ער (זי) ווידער אויס מיט אַ דין פאַרצויגן זיג־זאַגיש שטימעלע, וואָס פאַרלירט זיך לאַנגזאַם ווי אַ סטרונעלע אין טיפן חלל.

די שעה איז שוין אַ שפּעטע. דער זאַמל־פּלאַץ ווערט צוביסלעך אויס־געליידיקט פון פיל־קעפּיקן המון, און די שערי־תפילה מאַכן זיך צו...

*

אויפן האָריזאָנט טוליען זיך פורפור־קאָלירטע וואָלקנדלעך ווי געפאַל־דעוועטע פּיראַמידן און קאָקעטירן קעגן דער שקיעה...

סו־לינג האָט גראַציעז פאַרוואָרפן דאָס קעסטל אויף אירע שלאַנקע פּלייצעס און זיך שטילערהייט אַרויסגעשאַרט דורך אַ געדרייט געסל, וואָס פירט אין אָפענעם פעלד אַריין.

דאָרט, אָפּגערוקט אין אַ זייט, האָט געגרינט אַ באַרג פון נאָדל־ביימער ווי אַ גרין בערשטל. טיף אין זיין שויס האָט זיך געפינען דער אויסברי־פּלאַץ פון דער אונטערערדישער באַוועגונג. סו־לינג פאַרקירעוועט צום באַרג מיט פעסטע טריט, ווי זי וואָלט זיך געאיילט עמיצן אָנזאָגן אַ פריי־לעכע בשורה.

עס טאַנצן פאַרביי שטומע, בלויע טייכלעך ווי פולע אָנגעגאָסענע אויגן

מיט באַוואַקסענע גרינע וויעס, וואָס אָט עפענען זיי זיך און אָט מאַכן זיי זיך צו.

ערגעץ בולבעט אַ ריטשקע ווי פון אַ פלעשל. פון דער זון איז שוין בלויז אַ צונטער־רויטער פלעק פאַרבליבן. ביי די ברעגעס פון אַ געדיכט שוימיקער זומפּ שטייען זשאַבעס אין אַ גלייכער שורה ווי אויסגעמוש־טירטע מיט אויסגעפּאַשעטע בעקלעך. זייערע צעשפּאָלטענע ברייטע ליפּן־שיסעלעך קוואַקען מאָנאָטאָן אַ בין־מנחה־ומעריב־תפילה.

סו־לינג איז געבליבן שטיין פאַרכשופט און פאַרטראַכט. איר אויג האָט זיך געגנוג נישט געקאָנט אָנזעטיקן מיט דער שיינקייט פון גאַנצן אַרום. זי טראַכט און טראַכט און קאָן זיך באַין אופן נישט דערטראַכטן:

— פאַרוואָס איז אין פעלד און אין וואַלד אַזוי רואיק, שטיל און פריי?

— און אין שטאָט — אָ, אין שטאָט האַלטן שלעכטע מענטשן אַן אייזערנע פויסט און לאָזן נישט אָטעמען...

באַהערשט פון אַזעלכע געדאַנקען, האָט זי געשפּרייזט נאָך מיט מער אימפּעט, ווי זי וואָלט געוואָלט וואָס שנעלער דערגרייכן צו יענעם נאָדל־ביימער־בארג, אין וועמענס אָפענעם מויל עס האָט געבלעזלט אַ מאָגער ליכטל, און ביי וועמענס שוואַכער שיין עס ווערן אָנגעצייכנט פּלענער פאַר אַ שענערער, ליכטיקער און מער יושר׳דיקער וועלט.

ישראל — די יפת־תואר פון נאָענטן מזרח

(איינדרוקן און באַמערקונגען)

אויפן וועג פון רוים קיין לוד, האָב איך אין שפּעטער מיטאָג־צייט געלאַנדעט אין אַטען אויף אַ ווײַלע.

אומגעלומפּערטע וואָלקנדלעך ווי ווײַסע ים־בערן האָבן זיך געצויגן איבערן טיפן בלויען הימל. אַריינקומענדיק אין דעם גרויסן וואַרט־צימער פון פלי־פּלאַץ, האָב איך געהאַט דאָס געפיל, אַז איך בין שוין אין ישראל, ווײַל פינף און זיבעציק פּראָצענט פון פאַרשיידענע אויסאַרבעטונגען פון וועבערײַ, מאָלערײַ, האַנטווערק איז פון ישראל. די הויז־כּלים, בילדער, שפּילצייג, אָרנאַמענטן מכּל המינים, מנורות, מגן־דוד׳לעך און מזוזות, וואָס האָבן אַראָפּגעגלאַנצט פון די רייכע אָנגעלאָדענע פּאָליצעס און אָנגע־צינדן דאָס אויג מיט רעגנבויגן־קאָלירן, זיינען אויך אַ פּראָדוקט פון ישראל. דאָס אַלץ האָט אַרויסגערופן ביי מיר אַן אויפריכטיקע צופרידנקייט.

ווען דער עראָפּלאַן האָט אַראָפּגענידערט, האָט דער מערב אויפגעע־פלאַמט אין צונטער־רויטע פלאַמען און באַשפּרענקלט דעם עראָפּלאַן מיט אַ שוים פון גינגאָלד.

תל־אביב מיט אירע פּראַכטפולע געביידעס איז אַרויסגעקראָכן ווי אַ סילועט פון געפּאָלדעוועטע פּורפּור־פּיראַמידן קעגן דער ריינער שקיעה.

איך קוק אַרויס דורכן קיילעכדיקן פענצטערל: אָט טאַנצן פאַרביי שטומע בלויע טייכלעך, ווי פולע אויגן מיט באַוואַקסענע גרינע וויעס, וואָס אָט עפענען זיי זיך און אָט פאַרמאַכן זיי זיך. אין פאַרלויף פון געציילטע מינוטן האָט זיך דער עראָפּלאַן אויסגעוועריִמט אַ וועג צווישן די הרי־יהודה און עמק החולה.

און ווען דער פאַרנאַכט האָט געפינצטערט, האָט ער זיך ענדלעך צעקושט מיט דער מאַמע־ערד און בשלום געלאַנדעט אויף דעם רחבות׳־דיקן פלי־פעלד אין לוד.

אַ טויזנט־קעפּיקער עולם האָט פאַרהילכט די לופט מיט „שלום״,

און די גיגאַנטישע אותיות פון „ברוכים הבאים" האָבן אַראָפּגעטאַנצט פון דער פּראַכטפולער געביידע און שעלמיש געפינקלט מיט עלעקטרישע אייגעלעך.

פון צופיל באַגייסטערונג האָב איך אויף אַ ווײַלע נישט געקאָנט אָנקניפּן קיין פאַרבינדונג מיט מיין באַוואוסטזיין. איך בין געבליבן שטיין פאַרטראַכט, פאַר'חלום'ט און פאַרבענקט...

מיין נאָמען האָט ווי אַן אויסגעצויגענער שלשלת דורכגעשניטן די לופט אַנזאָגנדיק, אַז אַן אויטאָמאָביל וואַרט אויף מיר קיין חיפה.

פון דער הויך האָט דער בלויער הימל אַראָפּגעשוויגן מיט סאַמעטענער ווייכקייט. אַ צויבערנאַכט איז געשטאַנען מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם און גרויסע שאָטנס האָבן געדעקט דאָס גראָז.

דער מרחק פון לוד קיין חיפה איז הונדערט און צוואַנציק קילאָמעטער. עס לויפן פאַרביי פּיל פּרדסים אָנגעלאָדענע מיט פאַרפומירנדיקע ריחות. פון ערגעץ ווייטן האָריזאָנט דערהערט זיך דאָס צוויטשעריי פון אַ פויגל, וואָס צערייסט די רואיקע שטילקייט פון די אַרומיקע בערג.

מיין פּאָעטישע נשמה קאָן זיך נישט זאַט אָנטרינקען מיט דעם גאַנצן אַרום. אַ פלאַמיקער וואונטש באַפרוכפּערט מיין געדאַנק מיט פעסטער אַנטשלאָסנקייט:

— יאָ, אונזער צווייטע רייזע וועט שוין זיין להשתקע!

*

דערלויבט מיר אויף אַ ווײַלע צו פאַרקירעווען פון מיין שמועס מיט אייך און קודם כל זינגען אַ פּאָר לויב־געזאַנגען פאַר ישראל, פאַר די קאָלאָסאַלע דערגרייכונגען און אויסערגעוויינלעכע אויפטוען אין אַזאַ קורצער צייט: מען קאָן דערציילן און אָנדערציילן וועגן די נסים ונפלאות, וואָס איז בייגעשטאַנען ישראל אין קאַמף במשך דעם דרייצן־יאָריקן וועג און נישט גע'ניזק'ט געוואָרן.

אין תוך גענומען איז נישט וועגן אַ פּעריאָד פון גלאַט דרייצן יאָר הכתוב מדבר. נאָר טאָקע וועגן לאַנגע, גאָמען־אויסגעצויגענע טעג און

נעכט. אין יעדער נאַכט האָט זיך אַריינגע׳גנב׳עט אַ סכנה׳לע און אין יעדער שעה האָט געוואוינט אַ דאגה׳לע.

די וואונדן האָבן זיך נאָך געהיילט, דאָס לאַנד האָט נאָך באַוויינט די געפאַלענע העלדן, אָפּגע׳סילוק׳ט די חשבונות מיט די דרויסנדיקע שונאים, און שוין גלייכצייטיק אָנגעהויבן בויען אין לאַנד גופא, לייגנדיק געוויכט אויף ישראלס אייגענע כחות, בשותפות מיט דער הילף פון דער דרויסנדיקער וועלט, דער עיקר אַ דאַנק די אידן פון אַמעריקאַ, איז די אַרבעט אָנגעגאַנגען מיט אַ ריזיקן טעמפּאָ.

דרייצן יאָר פון ענערגיע, מאַקסימאַלן אָנשטרענג און עבודה קשה. דער טריאומף פון דער דעראָבערונג פון מדבר: אָנשטאָט אָנגעגליטן זאַמד און שטיינער, וואו אַ גרעזל האָט קיין כח נישט געהאַט צו שפּראָצן, איז די ערד באַפרוכפּערט געוואָרן, און עס גרינט און עס בליט — אָנשטאָט דער מורא׳דיקער טרוקעניש, וואו קיין טראָפּן וואַסער איז קיין מאָל נישט געפאַלן, נעצן זיך גאַנצע שטרעקעס אין פריש וואַסער, וואָס אַ דאַנק דער פעאיקייט פון ישראלס טאַלאַנטפולע אינזשיניערן און געאָלאָגן, האָבן דערמעגלעכט אָפּצוציען פאַר איריגאַציע־צוועקן גאַנצע שטראָמען וואַסער פון כנרת, ירקון, ירדן און אַנדערע טייכן.

דרייצן יאָר כסדר שטיין על המשמר, אויף דער וואַך, און היטן, אַז די אַראַבישע אָנפאַלער זאָלן נישט אַריינדרינגען און דעמאָנסטרירן זייער שדים־שפּיל — אַ שאָס און אַנטלויף! אַ שאָס און אַנטלויף! די וואַקסנדיקע חוצפה פון די אַראַבער ווערט נאָך פרעכער, כיכיקען מיט אַ מעפיסטאָ־געלעכטערל אין פנים פון דער וועלט. די קאָמיסיע פון דער יו־ען איז פויל, פאַרנאַכלעסיקט און מעכאַניש טויב. לית דין ולית דיין! — — —

אָבער אַ דאַנק ישראלס בטחון, אמונה און פאָלקישער עקשנות, איז אף־על־פּי־כן וועט ישראל זיגן!

קיין פיל נחת פאַרשאַפט אונז אויך נישט דאָס חנ׳דלען זיך פון וואַשינגטאָן צום מצרישן פרינץ מיט דער גאַנצער אַראַבישער כנופיה, צוזאָגנדיק זיי געוויסע קאָנצעסיעס און הבטחות. אָבער ווערן דערפון אַלאַרמירט איז נישט כדאי, ווייל דער צבא הגנה לישראל, איז אַן ערשט־

קלאַסיקע באַוואָפּנטע מאַכט, וואָס באַשטייט פון גוט־געשולטן מיליטער און איז גרייט צו באַשיצן די גרענעצן קעגן יעדן אַריינדרינגער.

ישראל׳ס פּאָליטישער סטאַטוס איז הימל־הויך. אינגאַנצן איז ישראל׳יק לעולם דרייצן יאָר אַלט, נאָך אַ חדר־אינגל. אָבער נעמענדיק אין אַכט די היסטאָרישע שטורמישע טעג און געשעענישן דורך אַזאַ קורצן פּעריאָד, איז שוין ישראל׳יק נישט מער קיין לערן־אינגל, נאָר וויזט שוין חריפות פון אַ געזעצטן בר־דעת מיט געלאַסענעם שכל הישר און קילן ישוב־הדעת פון עכט געמאָסטענער שטאַטלעכקייט.

דער קבוץ גלויות מערקט זיך שוין דינער, שיטערער און זעלטענער. די רעשטלעך פון מאַראָקאָ, תימן און אינדיע זיינען שוין אויך רעהאַבי־ליטירט. אויף קיין קוואַנטיטיווער עליה קאָן ישראל אַזוי גיך נישט האָפן, סיידן גאָט זאָל ווייך מאַכן די הערצער פון אונטער דעם אייזערנעם פאָרהאַנג, אַז די אָרטיקע אידן זאָלן זיך קאָנען אומקערן צוריק צו זייער גרענעץ, ד. ה. אין זייער אויסגעבענקטן לאַנד — ישראל.

עס פעלט ישראל יענער טיפּ איד, דער מהות פון גאָר אַן אַנדערן שניט. די אייניקלעך פון די בילו׳צעס און חובבי־ציון, ווען די צייט פון אויפשטייג פון ציוניזם איז נאָך געלעגן אין די וויקעלעך, ווען דער אידעאַל איז נאָך געווען פון מער אַקאַדעמישן ווי פון פּראַקטישן צוגאַנג.

ישראל דאַרף זיין גרייט פאַר יענעם נס. זאָל נאָר אַ פּויק טאָן און מען וועט זיי אַריינברענגען מיט אויסגעשפּרייטע אָרעמס.

און נישט נאָר דעם קבוץ גלויות פּירט ישראל דורך, נאָר פאָרעט זיך אויך מיט קבוץ פון פאַרשיידענע אַלטע דאָקומענטן און אַנדערע אַרכעאָ־לאָגישע ווערטן, וואָס זיינען פון גרויסן היסטאָרישן ווערט נישט נאָר פאַר ישראל, נאָר אויך פאַר דער גאַנצער וועלט.

דער נאָקעטער אמת איז, אַז טראָץ די גרויסע שטרויכלונגען, האָט ישראל צו פאַרצייכענען גרויסע געווינסן. די בוי־אַרבעט און די טרייב־קראַפט איז אין פולן ברען!

עס זיינען אַנטדעקט געוואָרן נייע מינעראַלן, מעטאַלן און אַנדערע רוישטאָפן אין נגב און אין ים המלח. זיבעציק פּראָצענט פון דער באַפעל־

קערונג איז אינגער פון פערציק יאָר — די בעסטע יאָרן פאַר בויען און שאַפן.

גאַנצע שטעטלעך, דערפער און קבוצים זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן. מעברות ווערן ליקווידירט, די זומפן אויסגעטרוקנט, און די וויסטענישן בליען און גרינען.

אַ גאַנץ פיינע אינזשעניערישע קונסט איז דורכגעפירט געוואָרן איבער פאַלגנדיקע טייכן: קישון, ירקון און ים כנרת, ווי דורך אַ צויבער־שטעקעלע פאָלגן די טייכן דעם אינזשעניערישן באַפעל — ווערן זיך נישט און טראָגן זייערע וואַסערן אין פאַרוויסטע געגנטן.

דעם ירקון, וואָס פליסט צווישן תל־אביב און פתח־תקוה, האָט מען געבעטן מחילה אויסצודרייען דעם דישעל און אָנטרינקען די דורשטיקע מדבריות, אַפילו דעם יחסן — דעם ירדן, האָט מען אויך געבעטן מנדר זיין אַ חלק פון זיינע הייליקע וואַסערן צום נגב.

דעם טייך קישון איז מען גאָר פאַרלאָפן דעם וועג, אים געשפּאָלטן און זיין טרייב־קראַפט נוצט מען פאַר עלעקטרישע צוועקן.

יאָ, נישט נאָר אַ אידיש לאַנד בויט זיך, נאָר אויך אַ אידיש פאָלק. קולטורעל קאָן זיך מיט ישראל קיינער נישט גלייכן! לויט דער צאָל פון דער טעגלעכער פרעסע, פעריאָדיקס און ביכער־פאַרלאַגן, וואָלט געווען גענוג צו שפייזן נישט נאָר אַ באַפעלקערונג פון העכער צוויי מיליאָן, נאָר אַפילו צען מיליאָן איינוואוינער...

יהי רצון, אַז אַלע פאָליטישע סכסוכים פון הייסער און קאַלטער מלחמה זאָלן זיך איינשטעלן, און אונטערגעשריבן ווערן אַ דויערהאַפטער און ערנהאַפטער שלום.

*

ווען אונזער אויטאָמאָביל האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים האָטעל „כרמליה" אין חיפה, איז שוין געווען שפּעט אין דער טיפער נאַכט, אָבער די געסט זיינען נאָך געווען גאַנץ וואַכעדיק, רעדעוודיק און אַפילו שפּילעוודיק. די טישלעך אויף דער ווערענדע זיינען געווען געגרייט מיט משקה און די טוריסטן האָבן זיך עונג־שבת׳דיק אָפּגערוט.

פון אַלע „שלום־עליכמ׳ס״ האָב איך דערפילט די וואַרעמקייט פון אַ ווייכער האַנט מיט אַ גאָר ברייטן „שלום־עליכם״.

דאָס איז געווען חבר אייזיק העמלין, וועלכער איז געקומען קיין חיפה אין שייכות מיט די ערב יומטוב׳דיקע הכנות צום צוועלפטן יום־העצמאות.

קודם כל האָט ער געזוכט מיך אַריינצוברענגען אין אַ הויכער שטימונג און פייערלעכן געמיט, דורך דערציילן מיר אַ שיינעם וויץ פון טיפן הומאָר, וואָס איז איצט געוואָרן פּאָפּולער איבערן גאַנצן לאַנד.

„אַן אַלטע פרוי איז געקומען צו מיר, דערציילט חבר העמלין און זיינע אויגן פינקלען, און האָט זיך באַקלאָגט: — ווען מיין מאַן האָט נאָך געלעבט, זאָגט זי, ער איז געווען אַ באַוואוסטער ציוניסט, איז ווען ד״ר הערצל איז געקומען צו אונז, פלעגט ער ביי אונז נעכטיקן, ער איז געווען אַזוי היימיש מיט אונז, אַ מחיה, נאָר זינט ער האָט געביטן זיין נאָמען אויף בן־צבי, זעט מען אים מער נישט!...״.

זונטיק, דעם ערשטן מאַי, ערב יום העצמאות: די גאַסן און די הייזער זיינען אויסגעפּוצט מיט פאַרשיידענע פּלאַקאַטן און בילדער פון אונזערע פירער. אַמ׳בולט׳סטן האָט אַראָפּגעשיינט דאָס בילד פון ד״ר הערצל, וועמענס הונדערט־יאָריקער געבוירן־טאָג איז גלייכצייטיק אויסגעפאַלן מיטן יום העצמאות.

די גראָזן, די ביימער און די בערג טוב׳לען זיך אין טוי, און די בלעטלעך שושקען זיך וועגן דעם גרויסן יום־טוב.

פאַר מיינע אויגן גייען דורך גלגולים פון פאַרשיידענע תקופות. די חמימה איז נישט געווען בכוח איינצוהאַמעווען דעם שטראָם פון די בעלי־שמחה, וועלכע האָבן זיך געצויגן מארבע כנפות הארץ צו דער הויפּט־גאַס אין חיפה ר ח ו ב ה ר צ ל, וועלכע איז געווען איינגעטונקען אין ווייס־בלוי.

מיט דעם אויסאָטעמען פון טאָג לויפן אָן קילע ווינטלעך פון אַרומיקע בערג און פאַרטרייבן די חמימה אין וויטן ים אַריין. אַרום מנחה־צייט איז שוין רחוב הרצל און די שכנ׳ישע גאַסן געווען אָנגעפּאַקט מיט מענטשן — אנשים, נשים וטף.

איך בין געשטאַנען דורכגעדרונגען מיט אַזוי פיל התפעלות און

באַגייסטערונג, ווי איך אַליין וואָלט איבערגעלעבט יענע אַרכייאישע טרילנדע מאָמענטן פון אַמאָל, פון מאַקאַבייער און בר כוכבא — כאילו אני יצאתי ממצרים!

מיטן באַוויַיזן זיך פון ערשטן שטערן, האָבן זיך אָנגעהויבן די רקודי העם, פאָלקס־טענץ, און זיך געצויגן כל אותו הלילה. די גאַסן האָבן געשוויבלט מיט בחורים און בתולות. דאָס שפּרודלען מיט יוגנטלעכקייט אין אַלע עפנטלעכע פּלעצער, דאָס זאָרגלאָזע געזאַנג, דער פריילעכער געלעכטער און מונטערנדיקער גייסט, האָט מיך פאַר׳כשופ׳ט און פאַר׳שכור׳ט.

אַ קאַראַהאָד פון זיידעס, באָבעס, טאַטעס און מאַמעס, קינדער און אייניקלעך שפּרינגען רעדלווייז, טאַנצן מיט גדולה ביז עקסטאַז, פּליעס־קען, אַז ס׳ברענען די הענט, און די פריידן האָט געשריען מיט טויזנטער קולות.

מאָנטיק, דער יובעל־טאָג.

נישט קוקנדיק, וואָס דער פּאַראַד האָט זיך געדאַרפט אָנהייבן ניין אַ זייגער אין דער פרי, איז נאָך אַ שפּראָץ אויף טאָג, ווען דער טוי האָט זיך נאָך געפּערלט אויפן גראָז. האָבן זיך שוין געצויגן הונדערטער אויטאָ־בוסן געפּאַקטע, צום מיליטער־פּאַראַד. אַפילו דער אין דער פרי איז שוין געווען פאַרכלינעט מיט הייסער לופט, אָנזאָגנדיק, אַז אַ חמסין גייט אויף דער שטאָט.

די צוגרייטונגען זיינען געווען אויסגעאַרבעט פּלאַנמעסיק און סיס־טעמאַטיש מיט פּינקטלעכקייט. עס האָט געהערשט אַ שטרענגע דיסציפּלין, אָבער גלייכצייטיק מיט אַ באַהאַלטענער גוטסקייט. די העכער דרייסיק טויזנט טוריסטן האָט מען אָפּגעזונדערט פון דעם האַלבן מיליאָן צושויער, אויסגעזעצט זיי אויף ספּעציעל אויפגעשטעלטע טריבונעס. דער חמסין מיט די ברענענדיקע שטראַלן האָט משמעות ווייניק־וואָס געקימערט די אָנוועזנדיקע.

ב־ר־ר־ר! פּונעם תוהו ובוהו האָבן זיך דערהערט קולות וברקים און די לופט איז אָנגעפּילט געוואָרן מיט דעם זשומען פון כלערליי עראָפּלאַנען, — „חיל האויר" (איזראַעל עיר ליין). איין אַרמאַדאַ נאָך דער צווייטער האָבן

זיך שורות'ווייז אַרונטערגעלאָזט פון די הויכע הימלען און גראַציעז געמאַכט די הקפות איבער דעם פּאַראַד. די לעצטע אַרמאַדאַ איז באַשטאַנען פון אַ נייעם טיפּ העליקאָפּטערס פון דער סאַמע לעצטער טעכניק. זיי האָבן אויסגעקוקט ווי גרויזאַמע היישעריקן, שפּרינגענדיק און שפּרייטנדיק, געלעכערטע שאָטנס, צעריסענע ווי אַ נעץ.

דער האַלב מיליאָן־קעפּיקער עולם האָט פאַרהילכט די לופט מיט „בראַוואָ! הידד! הוראַ!" ווי אויך אַנדערע עמאָציאָנעלע אויסגעשרייען. אגב, זיינען אידן אָריענטאַלער און דעריבער מער עמאָציאָנעל. פון וויטנס האָט זיך דערהערט דאָס אויספּויקן און שאַלן פון טרומייטן און פּייקלעך, אַן אָנזאָג, אַז דער צבא הגנה לישראל (איזראַעל דעפענס אַרמיי) קומט אָן.

דער צבא הגנה לישראל שפּאַלט זיך אויף ניינצן אָפּטיילונגען, פון וועלכע דער "חיל הנשים" (פרויען־בריגאַדע) האָט זיך באַרימט געמאַכט נאָך פון די לעצטע נצחונות איבער דעם שונא.

די גלאָריע און עקשנות'דיקער העראָאיזם באַגלייט זיי נישט נאָר אין ישראל גופא, נאָר אויך אַריבער זיינע גרענעצן.

יעדע אָפּטיילונג איז געקליידעט אין אַנדערע מונדירן, באַזונדערע אויסשטאַטונג און העכסט געשולט.

אַ גרויסן רושם האָט געמאַכט דער פלמ"ח און די רייטער אויף די פייערדיקע פערד, געשפּאַנט צו טאַנקען מכל המינים פון סאַמע לעצטער טעכניק.

אָט די אַלע תכסיסי מלחמה, פּלוס דער שטאַרקער גייסט און מסירת־נפש פון ישראל'ס קעמפער און בויער, מוזן מיר האָפן און גלויבן, אַז קיינער פון אונזערע שונאים וועט נישט וואַגן אָנצוגרייפן.

נישטאָ אַזאַ רייכע שפּראַך דורך וועלכער מען זאָל זיין אימשטאַנד אויסצודריקן די באַגייסטערונג, די פּולסירנדיקע זינגענדיקע פרייד, דעם עקשנות'דיקן ווילן און טענדענץ פון דער מצעד (פּאַראַד).

ווער ס'האָט נישט געהאַט די זכיה בייצוּוואוינען יענעם פּרעכטיקן ספּעקטאַקל, דער האָט עפּעס נישט דערזען אין זיין לעבן.

ערשט אין אָוונט האָבן זיך אויפסניי אָנגעהויבן די רקודי עם, פאָלקס־טענץ, נאָך מיט מער שוואונג. עס האָט געוויבלט און געשוויבלט מיט

מענטשן, די אָרקעסטערס און דאָס געזאַנג האָט אויסגעדריקט די געפילן פון גאַנצן פאָלק, און די לפּידים (פייערווערק) האָבן געגאָסן סנאָפּעס ליכט אויף די צעשיינטע פּנים׳ער פון דעם צעשמייעטן צופרידענעם המון.

קומט, לאָמיך אייך נעמען אויף אַ קורצן שפּאַציר איבערן לאַנד און אייך אַ קאָפּעטשקעלע באַקענען מיט דער איבערגעגעבנקייט און פרייגט־לעכקייט פון דעם קאָמונאַלן לעבן, אין די קבוצים און קבוצות.

איך וואָלט אייך גערן גענומען אויף אַן עקסקורסיע צום גליל העליון: נהריה, עכו, ברעם, נבי־יושע, סאסא, איינגעטונקען אין גרינס. עמק החולה — דאָרט פּאַשען זיך די בעסטע בהמות אויף דער וועלט.

אויפן וועג קיין צפת ווערט איר באַגלייט פון איילבירט־ביימער, מאַראַנצן און קשואים, גרינצייג מכל המינים, פון הערן און געדענקען. פון תל־אביב שלענגלט איר זיך אַריין קיין יפו, בת־ים און חולון.

שבת איז סגור ומסוגר — פאַרשלאָסן און פאַרזיגלט.

קומט מיט מיר מאַכן אַ „לחיים" אין ראשון לציון, וואו עס געפינען זיך די וויין־קעלערן און ציען זיך אין די שניטן אונטער דער ערד אויף גאַנצע קילאָמעטערס. איר ווערט פאַר׳שיכור׳ט בלויז פונעם ריח. איר זענט ווילקאָמען צו טרינקען אַן געלט וויפל אייער האַרץ גלוסט.

אין רחובות קאָן איך אייך אַריינפירן בלויז אין היכל פון ווייצמאַן־אינסטיטוט. אינעווייניק איז קדשי־קדשים... איר האָט אַ רעכט בלויז צו באַוואונדערן דעם פּראַכטפולן בנין מיט זיינע אָפּטיילונגען. די פאַרשיידענע בלומען מיט די טויזנטער ריחות. דערפאַר לאָמיך אייך ווייזן זיין מקום מנוחה, זיין קבר איינגעטונקען אין אַ ים פון בלומען.

נישט ווייט, אויפן שפּיץ באַרג פּונקט קעגנאיבער דעם קבר, שטייט אַ ווייס־בלוי הויז און דאָרט וואוינט מאַדאַם ווייצמאַן. ווען די פאָן פלאַטערט הויך, איז אַ סימן, אַז זי איז אין הויז. ווען די פאָן איז אַרונטער־געצויגן איז זי נישטאָ.

אין און אַרום ירושלים קאָנט איר באַזוכן פיל היסטאָרישע פּלעצער נאָך פון טיפן אַלטערטום, וואָס האָט אַ גרויסן באַדייט און ווערט, איבער־הויפּט ווערט איר באַגייסטערט ווען איר דערנענטערט זיך צו דער נייער געביידע פון „הדסה" — דער ענאָרמישער סטרוקטור פון דעם דרייסיק־

מיליאָנענדיקן בניז, דאָ בלייבט איר אַטראַפּירט און קאָנט געגוג נישט באַוואונדערן און אויסדריקן אַ טיפן יישר־כוח דער הדסה־אָרגאַניזאַציע פאַר איר מאָנומענטאַלן פּאַרנעם און ריזיקן אויפטו.

דעם 15טן מאַי נאָכמיטאָג, ווען די בלוי־ווייסע פאָן פון דעם לופט־פּלאַץ פון לוד, האָט זיך געהויבן און געפלאַטערט בפני כל הטוריסטן, האָט דער גיגאַנטישער עראָפּלאַן אָנגעצויגן זיינע מאָטאָרן, אַ פּאַטש געטאָן מיט זיינע פליגל און אומבאַמערקטערהייט פאַרשוואונדן צווישן די וואָלקנס.

.1960

נאָכוואָרט

פון זלמן זילבערצווייג (לאָס אַנדזשעלעס)

דאָס בוך, וואָס ליגט דאָ פאַרן לייענער, האָט הינטער זיך אַ טראַגעדיע. דער מחבר האָט עס נישט זוכה געווען צו זעען געדרוקט. ער האָט די לעצטע חדשים, ווען ער איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַ שווערע קראַנקהייט, זיך איינגאַנצן אָפּגעגעבן מיט צונויפזאַמלען און איבערשרייבן די פאַרשידענע דערציילונגען און סקיצן, וואָס ער האָט במשך פון אַ צוויי צענדליק יאָר פריער געדרוקט אין יידישע פּעריאָדישע אויסגאַבן, און זיי צוגעגרייט פאַר אַט דעם בוך, ווי ער וואָלט געפילט, אַז דאָס איז אַ גייסטיקע מצבה, וואָס ער שטעלט זיך אַליין. ער האָט אַפילו צוגעגרייט, מיט דאַנק, די ליסטע פון די קאָמיטעט־מיטגלידער אין ניו יאָרק און אין לאָס אַנדזשעלעס. אָבער מיט דער גאַנצער איילעניש און מיט דער שנעלער צוגרייטונג, מיט וועלכער דאָס דרוקן איז אַראַנזשירט געוואָרן דורך מיין ברודער נתן כספּי, אין מדינת ישראל, האָט מען אַלץ ניט באַוויזן אַריבערצויאָגן דעם מלאך המות, וועלכער האָט דעם 30טן אָקטאָבער 1962 געמאַכט אַ סוף צום לעבן פון מחבר פון דעם בוך, לעאָן בילמעס.

דער קאָמיטעט, וועלכער איז געשאַפן געוואָרן ביים לעבן פון מחבר, באַזונדערס זיין געטרייע לעבנס־באַגלייטערין ראָוז בילמעס, האָבן אָבער געזען, אַז דאָס בוך זאָל אַרויס אין אָן אָנדענק־טאָג, דעם 15טן יאַנואַר, דעם געבוירנטאָג פון מחבר.

דער שרייבער פון די שורות האָט זיך באַקענט מיט לעאָן בילמעס באַלד ווי ער איז, אין 1949, געקומען קיין לאָס אַנדזשעלעס. ער האָט געזען פאַר זיך אַ ייד, וואָס, הגם ער איז אַריינגעטאָן אין מסחר, און וויל דערפון ציען זיין חיונה, וויל ער אָבער זיין מסחר פאַרבינדן מיט אַ ביסל אידעאַליזם. די רייזע־ביוראָ און דאָס שיקן מתנות־פּעקלעך צו קרובים, איז טאַקע געווען בילמעסעס ביזנעס, אָבער ער האָט געזען אין דעם געשעפט אויך דאָס, וואָס אַ קריטיקער זעט ביי אַ שרייבער — די צווישן־שורות. בילמעס האָט אין דעם געזען דעם קאָנטאַקט, וואָס ווערט ווידער אָנגעשלאָגן צווישן דערווייטערטע קרובים, די פאַרבינדונג, וואָס שטעלט זיך צוריק אין צווישן אַלטע פריינט, און דעם אינטערעס, וואָס די באַזוכן אין מדינת ישראל רופן אַרויס ביי די באַזוכער פאַר די אינטערעסן

און פּראָבלעמען, וואָס דאָס לאַנד טראָגט איבער. און אָט די „צווישן שורות" האָבן אים פאַרשאַפט ניט ווייניקער פרייד און גליק ווי דער מאַטעריעלער דערפאָלג, וואָס ער האָט דערגרייכט אין זיין געשעפט. אָבער אויך דאָס האָט נאָך ניט פולשטענדיק גייסטיק באַפרידיקט בילמעסן. די יאָרן, וואָס זיינען אים געווען באַשערט צו זיין אין דער סביבה פון די „חכמי אדעסא", האָבן אים ענג פאַרבונדן מיט יידישער קולטור, מיט יידישער ליטעראַטור, און ער האָט ניט נאָר שטאַרק מכבד געווען יידישע שרייבער און יידישע קולטור־טוער, נאָר ער האָט אַליין, פון צייט צו צייט, זיך געלאָזט שווימען אין דעם גרויסן טייך פון ער׳אינערונגען נאָך יענע טיפן און געשעענישן אין דער אַלטער היים, וואָס האָבן זיך איינגעקריצט אין זיין מוח און נשמה, און זיי פאַרפיקסירט פריער אין ראַדיקאַלע און שפּעטער אין נאַציאָנאַל־יידישע זשורנאַלן און צייטונגען.

מיט איניקע יאָר צוריק האָט לעאָן בילמעס זיך צוריקגעצויגן פון געשעפט און אָנגעהויבן זיך אָפּרוען. ער האָט געמאַכט לענגערע רייזעס איבער דער וועלט, און וואָס מער ער האָט געזעען, אַז די וועלט אין וועלכער ער האָט געלעבט אין זיינע פריע יאָרן און אין זיין יוגנט, איז מער ניטאָ, אַלץ מער איז ביי אים פאַרשטאַרקט געוואָרן דער ווילן צו פאַרצייכענען פאַר די קומענדיקע דורות דאָס, וואָס ער האָט געדענקט און איבערגעלעבט, און דער רעזולטאַט איז אָט דאָס בוך, וואָס וועט דינען אַ דאָפּלטן צוועק: אַ גייסטיקע מצבה נאָך דער וועלט, אין וועלכער דער מחבר האָט געלעבט, נאָך יענע מענטשן און טיפּן, און ניט ווייניקער — אויך אַ גייסטיקע מצבה נאָכן מחבר אַליין.

לעאָן בילמעס ע״ה

(צו די שלושים)

דינסטיק, דעם 30טן אָקטאָבער, ב׳ חשון, תשכ״ג, איז אין לאָס אַנגעלעס געשטאָרבן, אין עלטער פון 60 יאָר, דער באַקאַנטער קולטור־טוער און אַנגעזעענער פאַרבאַנד־חבר, לעאָן בילמעס.

די טרויעריקע ידיעה האָט איינגעהילט אין טיפן טרויער זיין משפחה, חברים און לאַנדסלייט אין ניו־יאָרק, לאָס־אַנגעלעס און ניו־דזשוירזי.

לעאָן בילמעס איז געבוירן געוואָרן אין דעם קליינעם שטעטל האָלאָס־קאָוו, פּאָדאָליער גובערניע, ביים טייך „בוג״. דאָרט האָט ער פון זיין פריער קינדהייט אָן איינגעזאַפּט אין זיך דעם אַראָמאַט פון די גרינע פעלדער און בליענדיקע גערטנער מיט וועלכע די פרוכטבאַרע אוקראַינע איז געווען געבענטשט. זיין תורה־אידישקייט האָט ער באַקומען אין „חדר״, ישיבה און ביים טאַטן אין הויז, וועלכער איז געווען אַ גרויסער למדן און משכיל.

צו 15 יאָר פאַרלאָזט ער דאָס שטעטל און פאָרט אַוועק קיין אָדעס שטודירן וועלטלעכע בילדונג. זייענדיק אין דער גרויסער שטאָט אָדעס, שליסט ער זיך אָן אין דער ציוניסטישער סטודענטן־אָרגאַניזאַציע. ער ווערט אָן אָפטער באַזוכער פון „יבנה״־שול, וועלכע איז דעמאָלט געווען דער זאַמל־פונקט פון דער ציוניסטיש־שטודירנדיקער יוגנט.

ער לעבט נאָכדעם איבער דעם פעריאָד פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע און גייט אויך דורך דעם גרויל פון פּאָגראָמען אין דער אוקראַינע.

אין מיטן פון די צוואַנציקער יאָרן פונעם הייַנטיקן יאָרהונדערט קומט ער צוזאַמען מיט זיין קליינער משפחה אין די פאַראייניקטע שטאַטן. ער באַזעצט זיך אין דיטראָיט און גייט דורך דעם פּראָצעס פון „אויסגרינען זיך״, און מיט עטלעכע יאָר שפּעטער קומט ער קיין ניו־יאָרק. דאָ, אין

ניו־יאָרק, ווערט ער אַקטיוו אין דעם אידיש־קולטורעלן סעקטאָר און אָרדנט זיך איין מיט פּרנסה.

אַרום יענער צייט ווערט ער באַאיינפלוסט פון די ראַדיקאַלע שטרע־מונגען פון דער צייט און הויבט אָן שרייבן דערציילונגען אין זייער טאָג־צייטונג. ער איז אָבער אויך געווען דורכאויס אידיש, בכל נימי נפשו. דעריבער איז ניט קיין וואונדער, וואָס ער האָט אין אונזער ציוניסטישער מחנה געפונען זיין גייסטיקע, קולטורעלע און אידעאישע היים.

מיט עטלעכע יאָר צוריק איז לעאָן בילמעס געוואָרן אַ תושב אין לאָס אַנגעלעס, וואו ער האָט עטאַבלירט די גרויסע טוריסטן־ביוראָ, באַקאַנט אונטערן נאָמען: „ראַונד די וואָרלד טוריסט". דאָס געשעפט איז אים אַוועקגעגאַנגען גוט און ער האָט מצליח געווען. אָבער ער איז ניט מיטגעריסן געוואָרן מיטן געיעג פון ווערן רייך און געזען אין לעבן אויך אַנדערע אידעאַלן. ער ווערט אַקטיוו אינעם דוד פּינסקי צווייג, א. נ. א. פ., באַזונדערס אויפן קולטורעלן שטח. ער שרייבט זיינע דערציילונגען אין אידישע וועכנטלעכע זשורנאַלן (אויך „אידישער קעמפער"), האַלט אויך פון צייט צו צייט, לעקציעס אין די פאַרבאַנד־צווייגן און פאַרנעמט דעם אַמט פון קולטור־פאָרזיצער פון דוד פּינסקי צווייג. ער האָט אויך ניט לאַנג צוריק באַזוכט מדינת ישראל, אַרגענטינע און דעם סאָוועטנפאַרבאַנד.

דעם שרייבער פון די שורות (דעם נפטר'ס אַ שוועסטערקינד און אויך אַן אינטימער חבר דערצו) איז ניט איינמאָל אויסגעקומען זיך צו באַגעגענען און מיט אים פאַרברענגען צוזאַמען בעת זיינע אָפטע באַזוכן אין ניו־יאָרק. ער פלעגט אַלעמאָל אויסדריקן זיין וואונטש אַרויסצוגעבן אין בוך־פאָרם אַלע זיינע געדרוקטע אַרטיקלען. ער האָט געפילט אַז זיין מצב־הבריאות איז ניט אַמבעסטן און אין משך פון די לעצטע עטלעכע חדשים איז ער געווען ממש אַ חולה מסוכן. ער האָט גוט געוואוסט און פאַרשטאַנען אַז זיין סוף איז נאָענט. ווי זינגט דאָרט דער העברעאישער דיכטער יעקב כהן אין זיין באַקאַנט ליד „באים ימים": עוד מעט ובעל החרמש יבא ידפוק על הקיר"... האָט ער זיך דעריבער טאַקע צוגעאיילט און זיך געווענדעט מיט אַ בקשה־בריוו צו זיינע לאַנדסלייט אין ניו־יאָרק די „האָלאָסקאָווער סאָסייעטי" אַז זיי זאָלן שאַפן אַ קאָמיטעט, וואָס איז טאַקע לעצטנס אָרגאַניזירט געוואָרן. אַן ענלעכער „בוך־קאָמיטעט" האָט זיך אויך געהאַלטן ביים גרינדן אין זיין היים־שטאָט לאָס אַנגעלעס. אָבער

לײדער האָט ער ניט זוכה געװען צו פֿאַרװירקלעכן זײַנע חלומות און שטרעבונגען. דער „בעל החרמש" איז געקומען צו שנעל און האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין זײַן טיר...

שלום לעפרו!

ל. ירושלמי (ניו־יאָרק)

דער מחבר דריקט אויס אַ האַרציקן דאַנק און די וואַרעמסטע געפילן דעם „לעאָן בילמעס בוך־קאָמיטעט“, וואָס באַשטייט פון פאָלגנדיקע חברים און פריינט, וועלכע האָבן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל, אַז דאָס בוך זאָל דערשיינען.

לעאָן בילמעס בוך־קאָמיטעט

נ י ו ־ י אָ ר ק:

איזי בילמעס — טשערמאַן
מאָשקע שאָקלער — סעקרעטאַר
קלמן בראָדסקי — טרעזשורער
האַלאַסקאָווער פרענדס אָוו אַמעריקאַ
מאיר בילמעס
פיליפ בילמעס
סאָול גלעסמאַן
לעאָן ירושלמי
פיניע שאַפּיראָ

ל אָ ס אַ נ ד ז ש ע ל ע ס:

יעקב קאַהאַן — פּאָרזיצער
שלמה האָכבערג — וויצע־פּאָרזיצער
זלמן זילבערצווייג — „
אהרן מילשטיין — „
לייזער מעלצער — „
אהרן פרידבערג — „
ראובֿן בילמעס — סעקרעטאַר
משה ספּיוואַק — קאַסירער

קולטור־קאָמיטעט פון די פאַרבאַנד־צווייגן: באָראָכאָוו־פינסקי, זאַלצמאַן־ווייצמאַן און שלום־עליכם

מר. און מרס. בען בראָמבערג
מר. און מרס. אַלעקס גודריטש
מר. און מרס. מאָריס געלער
מר. און מרס. משה האָפמאַן
מר. און מרס. מאַקס האָרוויץ
מר. און מרס. בערנאַרד וואַקסמאַן
מר. און מרס. יעקב ווייס
מר. און מרס. יודזשין ווייס
מר. און מרס. יעקב ווייסמאַן
מר. און מרס. יעקב זינגער
ד״ר און מרס. לעאָן טאַבאַטשניק
מר. און מרס. אברהם יגדל
מר. און מרס. לו לאָעווסקי
מר. און מרס. נייטאַן סאַפראַן
מר. און מרס. אַרטור סטוירן
מר. בען סאַפּקין
מר. און מרס. סעם סוראַלניק
מר. און מרס. נאָרמאַן פעלדמאַן
מר. און מרס. גרשון פוירל
מר. און מרס. פנחס ראַפּאָפּאָרט
מר. און מרס. דזשעק רינצלער
מר. און מרס. דעיווויד שערמאַן.